STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03712

SHOLEM ALEYKHEM'S VERKE

Sholem Aleichem

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלום עליכם׳ם ווערקע

אידישע קינדער

דריטער באַנד

טאָגעבלאַטט׳ס פּרעמיום אויסגאַבע

נויארק

תרע״ב—1912.

אינהאַלט

— פון —

דריטען באַנד

1) אַ בלעטיל שיר השירים.
2) אַ פסח אין דאָרף.
3) אליהו הנביא.
4) געציל.
5) אַ פערשפיעלטער ל"ג בעומר.
6) גזלנים.
7) דריי קעפּלעך.
8) גרינס אויף שבועות.
9) נאָך אַ בלעטיל שיר השירים.
10) צער בעלי חיים.
11) די סוכה.
12) אַ טוידטער אתרוג.
13) אָבגעשלאָגענע הושענות.
14) דאס דריידעל.
15) אסתר.
16) גענז.
17) אין דער דאָזיגער נאכט.
18) אַ מעשה אָהן אַנ'עק.

אַ בּלעטעל שיר השירים

אַ בְּלֶעטֶעל שִׁיר הַשִּׁירִים.

א.

בּוּזִי אִיז אַ נאָמען, פֶערצוֹיגֶען פוּן אסתר לִיבֶּע — לִיבּוּזִי — בּוּזִי. זִי אִיז עֶלטֶער פוּן מִיר מִיט אַ יאָהר, און אפשר מִיט צְווֵייִ, און בֵּיידֶע אִינ־אֵיינֶעם זֶענֶען מִיר נִישְׁט אַלְט קֵיין צְוואַנצִיג יאָהר. הַיינְט זֶעצְט אַייך אַוועק, זַייט מוֹחל, און רֶעכֶענְט אוֹיס, וויפִיעל בִּין אִיך אַלְט און וויפִיעל זִי? נאָר דָּאָס, מֵיינְט אִיך, אִיז נִישְׁט וויכְטִיג. אִיך וועל אַייך בֶּעסֶער דֶערצֶעהלֶען אִיהר בִּיאָגְרַאפִיע אִין קוּרְצֶען.

מֵיין עֶלטֶערֶער בְּרוּדֶער בֶּענִי אִיז גֶעזֶעסֶען אִין אַ דאָרף, גֶעהַאלְטֶען אַ מִיהל, גֶעקֶענְט שִׁיסֶען פוּן אַ בִּיקְס, פאָהרֶען רַייטֶענְדִיג אוֹיף אַ פֶערד און שְׁווִימֶען ווִי אַ מוּזִיק. אֵיינמאָל זוּמֶער הָאט עֶר זִיך גֶעבָּאָדֶען אִין טַייך און אִיז דֶערטְרוּנְקֶען גֶעוואָרֶען. אוֹיף אִיהם אִיז גֶעזאָגְט גֶעוואָרֶען דֶער פָּסוּק: „אַלֶע גוּטֶע שְׁווִימֶער ווערֶען דֶערטְרוּנְקֶען". נאָך אִיהם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַ מִיהל, צְווֵיי פֶערְדלֶעך. אַ יוּנְגֶע אַלְמָנָה מִיט אֵיין קִינְד. דִי מִיהל הָאט מֶען אָפּגֶעלאָזְט, דִי פֶערְדלֶעך הָאט מֶען פֶערקוֹיפְט, דִי יוּנְגֶע אַלְמָנָה הָאט חתונה גֶעהַאט און אִיז אַוועקגֶעפָאהרֶען עֶרגִיץ ווַייט, און דָאס קִינְד הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט צוּ אוּנְז.

דָאס אִיז גֶעווען בּוּזִי.

זִיז דֶער טַאטֶע הָאט לִיעבּ בּוּזִי'ן ווִי אֵיין אֵייגֶען קִינְד און אַז דִי מַאמֶע צִיטֶערְט אִיבֶּער אִיהר, ווִי אִיבֶּער אַ בַּת יחידה — דָאס אִיז גְרִינְג צוּ פֶערְשְׁטֶעהן. זֵיי הָאבֶּען גֶעפוּנֶען אִין אִיהר אַ טְרַייסְט נאָך דֶעם גְרוֹיסֶען בְּרָאך. אָבֶּער אִיך? פַאר וואָס אַז אִיך קוּם פוּן חדר און טְרֶעף

נישט בוזי'ן, קריכט מיר נישט דאָס עסען אין האַלז אַריין? און אַז בוזי איז געקומען, ווערט ליכטיג אין אַלע ווינקעלעך? און אַז בוזי רעדט צו מיר, לאָז איך אַראָב די אויגען? און אַז בוזי לאַכט פון מיר, וויין איך?

און אַז בוזי...

ג.

איך האָב לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם ליעבען גוטען יום-טוב פסח. דעמאָלט וועל איך זיין פריי. איך וועל שפּילען מיט בוזי'ן אין ניס. אַרומלויפען אין דרויסען, גיין באַרג-אַראָב צום טייך. דאָרט וועל איך איהר ווייזען, ווי מען לאָזט קאַטשקעלעך אויפ'ן וואַסער. אַז איך זאָג איהר, גלויבט זי מיר נישט. זי לאַכט. בכלל, גלויבט מיר בוזי נישט פון דאַנען אַהין. דאָס הייסט, זאָגען זאָגט זי מיר גאָרנישט נישט, נאָר זי לאַכט. און איך האָב פיינט, אַז מען לאַכט פון מיר. בוזי גלויבט נישט, אַז איך קען זיך אַרויפדראַפּען אויפ'ן העכסטען בוים (איך זאָל נאָר וועלען!). בוזי גלויבט נישט, אַז איך קאָן שיסען (איך זאָל נאָר האָבען מיט וואָס!). לאָז נאָר קומען פסח, דער ליעבער גוטער פסח, ווען מע קאָן שוין זיין אין דרויסען, אויף דער פרייער לופט, נישט פאַר טאַטע-מאַמען אין די אויגען, — — וועל איך איהר באַווייזען אַזעלכע קונצען, אַז זי וועט אַרויס פון די כלים!

ד.

געקומען דער ליעבער גוטער יום-טוב פסח.

מע האָט אונז ביידען אויסגעקליידט אויף יום-טוב בגדי-מלכות. אַלעס, וואָס אויף אונז איז געווען, האָט געגלאַנצט, געשיינט און געקנאַקט. איך קוק אויף בוזי'ן און איך דערמאָהן מיך אין דעם „שיר השירים", וואָס איך האָב געלערענט פאַר פסח מיט'ן רבי'ן אין חדר. אַ פסוק נאָך אַ פסוק: „הנך יפה רעיתי — שעהן ביזט דו, מיין חבר'טע, שעהן ביזט דו ביז גאָר. אויגעלעך ווי טייבעלעך, העריעלעך ווי ציגעלעך, גליטשען זיך אַראָב אַ באַרג. ציינדעלעך — ווייסע שעפעלעך, פון טייך אַרויס, איינס און איינס,

אין מאמע האט זיי געהאט. רויטע שנירעלעך — דיינע ליפעלעך, אז דו רעדסט איז צוקער־זיס״.

זאגט מיר, איך בעט אייך, פאר וואס אז מע קוקט אויף בוזי׳ן, מוז מען זיך דערמאהנען אין דעם „שיר־השירים?״ פאר וואס אז מע לערנט „שיר־השירים״, קומט אויף די געדאנקען בוזי?

ה.

א זעלטענער ערב־פסח. א ליבטיגער טאג. א ווארעמער אין־דרויסען.

— געהען מיר?

אזוי זאגט צו מיר בוזי, און איך פיהל, אז איך ברען. די מאמע האט אונז נישט געזשאלעוועט קיין ניס. פולע קעשענעס מיט ניס. זי האט אבער גענומען ביי אונז דאס ווארט, אז מיר זאלען איצט, פאר׳ן סדר, נישט דערוועגען זיך די ניס צו קנאקען. שפילען זיך אין ניס — וויפיעל דאס הארץ גלוסט. מיר לאזען זיך געהן. די ניס לאזען זיך הערען. אין דרויסען איז גוט. אין דרויסען איז וואהל. די זון האלט שוין וייט אין הימעל, קוקט שוין אראב אויף יענער זייט שטאדט. ס׳איז ברייט און גראס און ווייך און פריי ארום און ארום. ערטערווייז שלאגט זיך דורך פון בארג וואס אויף יענער זייט שוהל, א גרעזעלע, א גרינס, א פריש, א צאפעלדיגס. מיט א קווישטש און מיט א צווין פליהט דורך איבער אונזערע קעפ א גלייך שנירעל פון קליינע שוועלבעלעך, און ווידער דערמאהן איך מיך אין דעם „שיר־השירים״ פון חדר: „הנצנים — די שפראצונגען האבען זיך שוין בעוויזען אויף דער ערד, די צייט פון דעם סאלאוויטשיק איז געקומען, און א קול פון׳ם ערשטען זומער־פויגעל האט זיך געלאזט הערען אין אונזער לאנד״. איך פיהל מיך מאדנע גרינג. עס דאכט זיך מיר, אז איך האב פליגלען: אט הויב איך מיך אויף און פליה.

ו.

פון שטאדט לאזט זיך הערען א מאדנער הילך. עס רוישט. עס קאכט. עס זידט. ס׳איז ערב פסח! א זעלטענער ערב פסח. א ליכטיגער טאג. א ווארעמער אין דרויסען.

אין מײַנע אױגען בעקומט אין דער מינוט די גאַנצע װעלט גאָר אײן אַנדער פּנים. אונזער הױף איז אַ שלאָס. אונזער שטוב איז אַ פּאַלאַץ. איך בין אַ פּרינץ. בוזי איז אַ פּרינצעסין. די קלעצער, װאָס ליגען אָנגע־װאָרפען בײַ דער שטוב, זענען טענענבױמער און באָקסענבױמער, װאָס װערען דערמאָהנט אין „שיר־השירים". די קאַץ, װאָס ליגט בײַ דער טהיר און װאַרעמט זיך אױף דער זון, איז פון די פעלד־אינדען, פון די אילות־השׂדה, װאָס װערען דערמאָהנט אין „שיר־השירים". דער באַרג, װאָס אױף יענער זײַט שוהל — דאָס איז דער לבנון, װאָס װערט דערמאָהנט אין „שיר־השירים". די װײַבלעך און מײדלעך, װאָס שטעהען אין דרױסען און װאַשען און פּרעסען און כשר'ען אױף פּסח — דאָס זענען די טעכטער פון ירושלים, װאָס װערען דערמאָהנט אין „שיר־השירים". אַלעס, אַלעס איז פון „שיר־השירים"!

איך געה, די הענד אין די קעשענעס, טרײסעל מיט די ניס, די ניס קלינגען. בוזי געהט מיט מיר טריט בײַ טריט. איך קען נישט געהן פּאַװאָלי, עס טראָגט מיך אין דער לופטען. מיר װילט זיך פליהען, שװעבען, טראָגען זיך װי אײן אָדלער. איך לאָז מיך לױפען, בוזי לױפט מיט מיר. איך שפּרינג אױף די צענױפגעלעגטע קלעצער, פון אײן קלאָץ אױפ'ן אַנדערן. בוזי שפּרינגט מיט מיר. איך אַרױף, זי אַרױף, איך אַראָפּ, זי אַראָפּ. װער װעט זיך פריהער אײנמידען? איך האָב גע־טראָפען.

— ביז װאַנענט איז דער שעור?

אַזױ זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איהר מיט'ן לשון פון „שיר־השירים":

— עד שיפוח היום — ביז עס װעט אַ בלאָז טהון דער טאָג ונסו הצללים — און עס װעלען אַנטלױפען די שאָטענס — באַ־באַ־באַ! דו האָסט זיך אײנגעמידט, און איך נישט!

ז.

איך פיהל מיך גליקליך, װאָס בוזי קאָן נישט דאָס, װאָס איך. און אין דער זעלבער צײַט האָב איך אױף איהר רחמנות. עס טהוט מיר װעה דאָס האַרץ. עס דאַכט זיך מיר, אַז זי איז פערזאָרגט. בוזי האָט שױן אַזאַ טבע: פרעהליך־פרעהליך, פּלוצים זאָל זי זיך אַװעקזעצען אין אַװינקעלע און

ווייגען שטילערהייד. וויפיעל די מאמע זאָל זי דעמאָלס נישט טרייסטען, וויפיעל דער טאַטע זאָל זי דעמאָלס נישט קושען — עס העלפט קיין זאַך נישט. בוזי מוז זיך אויסוויינען. נאָך וועמען? נאָכ'ן טאַטען, וואָס איז איהר אַזוי פריה געשטאָרבען? ציִ נאָך דער מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט, אַוועקגעפאָהרען און פערגעסען דעם זיי-געזונד? אַך, איהר מאַמע, איהר מאַמע! אַז מען דערמאָהנט איהר די מאַמע, ווערט זי אַלערליי קאָלירען. זי האַלט נישט פון איהר מאַמע. זי רעדט נישט קיין שלעכט וואָרט אויף דער מאַמע, נאָר זי האַלט נישט פון איהר. איך ווייס דאָס פאַר געוויס. איך קען נישט ליידען, אַז בוזי זיצט פערזאָרגט. איך זעץ מיך אַוועק נעבען איהר אויף די קלעצער און וויל איהר צעשלאָגען די געדאַנקען.

ח.

איך האַלט די הענד אין די קעשענעס. קלינג מיט די ניס און זאָג צו איהר:

— טרעף, וואָס איך קען טהון, אַז איך וויל?
— וואָס קענסט דו טהון?
— אַז איך וויל, געהען איבער אַלע דיינע ניס צו מיר.
— וועסט זיי ביי מיר אָבגעווינען?
— ניין, מיר וועלען אַפילו נישט אָנהויבען שפּיעלען.
— וואָס זשע, וועסט זיי ביי מיר אַוועקנעהמען מיט געוואַלד?
— ניין. זיי געהען אַליין אַריבער צו מיר.

זי הויבט אויף איהרע שעהנע אויגען אויף מיר. איהרע שעהנע בלויע שיר־השירים־אויגען.

איך זאָג צו איהר:

— דו מיינסט, אַ פנים, אַז איך טרייב קאַטאָוועס? איך האָב, נאַרעלע, אַזאַ שפּרוך... איך זאָג אַ פסוק.

זי עפענט אויף די אויגען נאָך שטאַרקער. איך פיהל מיך גרויס. איך גיב איהר צו פערשטעהן, ווי אַ גרויסער, ווי אַ העלד:

— מיר, יונגלעך, קענען אַלסדינג. ביי אונז אין חדר איז דאָ אַ חבר, שייקע דער בלינדער רופט מען איהם (ער איז אַ בלינדער אויף אַנ'אויג), ווייסט ער אַלסדינג. ס'איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס שייקע זאָל

נישט וויסען, אפילו קב"ה. ווייסט דו, וואס הייסט קבלה?

— ניין. פון וואנען זאל זי וויסען? איך פיהל מיך אויפ'ן זיבעטען הימעל, וואס איך קען איהר געבען א לעקציע וועגען קבלה.

— קבלה, נארעלע, איז אזא זאך, וואס קומט צוניטץ. מיט קבלה קאן איך מאכען אזוי, אז איך זאל דיר זעהן, און דו מיך נישט. מיט קבלה קאן איך צאפען וויין פון א שטיין און גאלד פון דער וואנט. מיט קבלה קאן איך מאכען אזוי, אז מיר ביידע, אזוי ווי מיר זיצען אטא, זאלען מיר זיך אויפהויבען ביז צו דער כמארע, און נאך העכער פון דער כמארע!...

ט.

אויפהויבען זיך אין דער הויך מיט בוזי'ן דורך קבלה ביז דער כמארע, און נאך העכער פון דער כמארע. און אוועקפליהען מיט איהר וויט-וויט אויף יענער זייט אוקינוס — דאס איז געווען איינער פון מיינע בעסטע חלומות. דארט, אויף יענער זייט אוקינוס, הויבט זיך דאך אן דאס לאנד פון די קארליקעס, וואס קומען ארוים פון די גבורים פון דוד המל'ך'ס צייטען. די קארליקעס זענען דאך בטבע זעהר גוטע מענשעלעך. לעבען — לעבען זיי נאר פון צוקערקעס מיט מאנדעל-מילך, שפיעלען גאנצע טעג אויף קליינע פייפעלעך און טאנצען אלע אינאיינעם א „קאראהאד", האבען קיין מורא נישט פאר קיין זאך און האבען ליעב געסט. פון אונז אז עס קומט עמיצער צו פאהרען, גיעבען זיי איהם עסען און טרינקען, שענקען איהם די טהייערסטע קליידער מיט אהן א שעור זילבערנע און גאלדענע כלים, און פאר'ן אוועקפאהרען שטופען זיי איהם אן פולע קעשענעט מיט דימאנטען און מיט בריליאנטען, וואס וואלגערן זיך ביי זיי, ווי, למשל, ביי אונז מיסט אויף דער גאס?

— ווי מיסט אויף דער גאס? נו?

אזוי האט מיר א מאל א ז. ג. געטהון בוזי, אז איך האב איהר דער-צעה'ט פון די קארליקעס.

— דו גלויבסט נישט?

— און דו גלויבסט?

— פאר וואס נישט?

— וואו האסט דו דאס געהערט?

— וואס הייסט, וואו? אין חדר.

— אַך! אַ הדר?...

נידריגער, נידריגער לאָזט זיך אַראָפּ די זון און בעפאַרבט דעם הימעל מיט אַ רויטען פּאַס פון גין־גאָלד. דאָס גאָלד שײַנט אָפּ אין בוזי׳ס אויגען. זײַ בּאָדען זיך אין גאָלד!

י.

מיר ווילט זיך זעהר, אַז בוזי זאָל נתפעל ווערען פון שײַקעס מע־טאָדע און פון די קונצען, וואָס איך קען מאַכען מיט קבלה. בוזי אָבער הויבט נישט אָן נתפעל צו ווערען. אַדרבה, עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז זי לאַכט. וואָס דען בעווײַזט זי מיר אַלע איהרע פערעלדיגע צײַהנדעלעך? עס הויבט מיך אָן פערדריסען און איך זאָג צו איהר:

— דו גלויבסט מיר אפשר נישט?

בוזי לאַכט.

— דו מײנסט אפשר, אַז איך בעריהם זיך? אַז איך טראַכט אויס פון׳ם קאָפּ ליגענס?

בוזי לאַכט נאָך שטאַרקער. ע! ווײַבאַלד אַזוי, דאַרף מען זיך מיט איהר אָבּרעכענען! איך ווײס שוין מיט וואָס. איך זאָג צו איהר:

— דער חסרון איז, וואָס דו ווײסט נישט, וואָס הײסט קבלה. דו זאָלסט וויסען, וואָס קבלה איז, וואָלסט דו אַזוי נישט געלאַכט. מיט קבלה, אַז איך וויל, קען איך אַראָפּברענגען אַהער דײַן מאַמע. יאָ־יאָ. און אַז דו וועסט מיך שטאַרק בעטען, ברענג איך דיר זי נאָך הײַנטיגע נאַכט, רײַטענדיג אויף אַ שטעקען.

מיט אַמאָל הערט זי אויף צו לאַכען. אַ וואָלקענדעל איז איבערגע־לאָפען איבער איהר שעהן ליכטיג פּנים, און עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז די זון איז פלוצים פערפאַלען געוואָרען. אויס זון. אויס טאָג. איך האָב מורא, אַז איך האָב אַ ביסעל איבערגעכאַפּט די מאָס. איך האָב נישט בע־דאַרפט גערירהרען איהר וועהטיג — די מאַמע איהרע. איך האָב חרטה אויף דער מעשה. מע דאַרף עס פערגלעטען. מע דאַרף זיך מיט איהר איבערבעטען. איך רוק מיך צו צו איהר. זי קעהרט זיך אָפּ פון מיר. איך וויל זי נעהמען בײַ דער האַנד. איך וויל איהר זאָגען מיט׳ן לשון פון „שיר־השירים“: „שובי, שובי, השולמית — קעהר זיך אום צו מיר, בוזי!...“ פלוצים הערט זיך אַ קול פון שטוב אַרוים:

— שימעק! שימעק?

שימעק — דאָס בין איך. דאָס רופט מיך מײַן מאַמע, איך זאָל גײן מיט'ן טאַטען אין שוהל אַרײַן.

יא.

דאָס גײן מיט'ן טאַטען אין שוהל אַרײַן ערב־פּסח דאַוונען — וואָס קאָן שוין זײַן אַ גרעסערע פערגניגען? וואָס איז ווערטה דאָס אַלײַן, וואָס מע איז אָנגעטהון פון קאָפּ ביז פוס שפּאָגעל־נײַ, און ס'איז דאָ מיט וואָס צו בעווײַזען זיך פאַר די חברים? הײַנט דאָס דאַוונען? דער ערשטער יום־טוב'דיגער מעריב? דער ערשטער יום־טוב'דיגער ברכו? אַך! וויפיעל תענוגים דער גוטער גאָט האָט אָנגעגרײט פון יודישע קינדערס וועגען!

— שימעק! שימעק!

די מאַמע מײַנע האָט קײן צײַט נישט. „איך וועל גײן, איך וועל באַלד גײן, אָטאָ גײ איך, איך וויל נאָר זאָגען בוזי'ן צוויי ווערטער. מעהר נישט ווי צוויי ווערטער...“

און איך זאָג איהר צוויי ווערטער. איך בין זיך מודה פאַר איהר, אַז דאָס וואָס איך האָב איהר אָט ערשט געזאָגט, איז נישט אמת. מאַכען מיט קבלה אַזוי, אַז יענער זאָל פליהען — דאָס קאָן מען נישט. אַלײַן — יאָ, איך אַלײַן זאָל פליהען — דאָס קאָן איך. און דאָס וועל איך איהר ווײַזען, לאָז נאָר איבערגעהן דער יום־טוב, אַזוי מאַך איך די ערשטע פּרוב. איך וועל זיך אויפהויבען פאַר איהר אין די אויגען אָט דאָ אויף דעם אָרט, וואו די קלעצער ליגען, און וועל אין אײן מינוט זײַן שוין אויף יענער זײַט כמארע. פון דאָרט וועל איך זיך נעהמען העכער, אַהינ־צו אָ — זעהסט דו? — דאָרט ענדיגט זיך אַלסדינג און עס הויבט זיך שוין אָן דער ים־הקרח.

יב.

בוזי הערט זיך צו מיט קאָפּ, די זון שיקט איהרע לעצטע שטראַה־לען, צוקושט זיך מיט דער ערד.

— וואס הייסט דאס ים־הקרח ? — פרעגט מיך בוזי.

— ים־הקרח ווייסט דו נישט ? ים־הקרח הייסט דער פערגליווערטער ים. דאס וואסער איז געדיכט אזוי ווי לעבער און געזאלצען אזוי ווי ליאג. קיין אקרענטען געהען נישט אויף איהם, און מענשען, אז זיי חאפען זיך אהין אריין, קאנען זיי שוין צוריק נישט קומען קיינמאל.

בוזי קוקט אויף מיר מיט גרויסע אויגען.

— למאי זשע זאלסט דו געהן אהין ?

— איך געה דען, נארע׳ע ? איך פליה דאך. איך פליה פון אויבער אזוי ווי אן׳ אדלער. אין עטליכע מינוט ארום בין איך דאך שוין וויעדער אויף דער יבשה. דארט הויבען זיך אן די צוועלף הויכע בערג, וואס שפריצען מיט פייער און אויפ׳ן צוועלפטען בארג, סאמע ביים שפיץ, שטעל איך זיך אב און געה צו פוס זיעבען מייל, ביז איך קום צו א געדיכטען וואלד. נאך־דעם געה איך וואלד איין, וואלד אויס, ביז איך קום צו צו א ק׳יין וואסער׳ל. דאס וואסער׳ל שווים איך אריבער און צעהל אב זיעבען מאל זיעבען, וואקסט אויס פאר מיר אן׳ אלטיטשקער מיט א לאנגען בארד און פרעגט מיך: „וואס איז דיין בעגעהר ?" זאג איך איהם: „פיהר מיך אב צו דער בת־מלכה".

— וואסער בת־מלכה ?

אזוי זאגט צו מיר בוזי און עס דאכט זיך מיר, אז זי איז דערשראקען.

— די בת־מלכה — דאס איז די שעהנע פרינצעסין, וואס מען האט זי אויפגעחאפט פון אונטער דער חופה און מע האט זי פערכשופט און אוועקגעפיהרט און אריינגעזעצט אין א קריסטאלענעם פאלאץ, שוין זיעבען יאהר...

— וואס זשע געהער זיך עס אן מיט דיר ?

— וואס הייסט, וואס געהער זיך עס אן מיט מיר ? איך דארף דאך זי בעפרייען!

— דו דארפסט זי בעפרייען!

— ווער דען ?

— מע דארף נישט פליהען אזוי ווייט. פאלג מיך, מע דארף נישט!...

יג.

און בוזי נעהמט מיך אן ביי דער האנד, און איך פיהל, ווי איהר קליין ווייס הענדטעל איז קאלט. איך קוק איהר אין די אויגען אריין און איך זעה, ווי עס שיינט זיך אב אין זיי די גין־גאלדענע זון, וואס געזעגענט זיך מיט'ן טאג, מיט'ן ערשטען ליכטיגען ווארעמען ערב־פסח טאג. ביסלעכווייז שטארבט אב דער דאזיגער טאג. ווי א ליכט ווערט אויסגעלאשען די זון. דער הילך, וואס איז געשטאנען דעם גאנצען טאג, ווערט פערשטארבען. מע זעהט שוין כמעט קיין לעבעדיגען מענשען אויף דער גאס. אין די פענסטער פון די הייזלעך בעוויזען זיך פייערלעך פון די יום־טוב'דיגע בענשליכט. א מאדנע, א הייליגע שטילקייט רינגעלט אונז ארום, מיך מיט בוזי'ן, און מיר פיהלען זיך פעסט צונויפגעגאסען מיט דער דאזיגער יום־טוב'דיגער שטילקייט.

— שימעק! שימעק?

יד.

דאס דריטע מאל שוין, אז די מאמע רופט מיך, איך זאל געהן מיט'ן טאטען אין שול אריין. ווייס איך דען אליין נישט, אז מע דארף געהן אין שוהל אריין? איך וועל דא זיצען נאך א מינוט, איין מינוט נישט מעהר. דערהערט בוזי, אז מע רופט מיך, רייסט זי ארויס איהר האנד, חאפט זיך אויף און טרייבט מיך:

— שימעק, דיך רופט מען דאס, דיך. געה־געה. שוין צייט. געה געה.

איך קלויב מיך געהן. אויסגעבלאזען האט דער טאג. אויסגעלאשען האט די זון. פונ'ם גאלד איז געווארען בלוט. א ווינטעלע האט א בלאז געטהון, א גרינגס, א קיהלס. בוזי טרייבט מיך, איך זאל געהן. איך ווארף אויף איהר דעם לעצטען בליק. גאר נישט די בוזי, וואס פריהער. איין אנדער פנים מיט איין אנדער חן בעקומט זי אין מיינע אויגען אינ'ם דאזיגען פער'כשוף'טען אבענד. „די פער'כשוף'טע פרינצעסין" — פליהט מיר דורך א געדאנק אין קאפ. בוזי לאזט מיך אבער נישט לאנג מיט מיינע געדאנקען. זי טרייבט מיך, איך זאל געהן. איך לאז מיך געהן און קוק מיך אום צוריק אויף דער פער'כשיפ'טער פרינצעסין.

וואָס האָט זיך אין גאַנצען צענויפגעגאָסען מיט'ן דאָזיגען פער'כשופ'טען פסח-אָבענד, און איך בלייב שטעהן אַ פער'כישופ'טער. ווייזט זי מיר אָבער מיט דער האַגדה: איך זאָל געהן! איך זאָל געהן!... און עס מאָלט זיך מיר אויס, אַז איך הער איהר קול, ווי זי זאָגט צו מיר מיט'ן לשון פון „שיר-השירים"!

— „ברח דודי —- אַנטלויף, מיין געליעבטער! ודמה לך לצבי — און זיי געגליכען צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד אויף די בשמים-בערג!"...

א פסח אין דארף

אַ פֶּסַח אִין דָארף.

(אַ אידי׳ל־ע).

א.

לאָזען ווינטען בלאָזען. לאָזען שטורמען פייפען. לאָז די וועלט זיך קעהרען. איין אַלטער דעמב, וואָס שטעהט משׁשׁת־ימי־בראשׁית, וואָס זיינע וואָרצלען דערגרייכען מי יודע וואוהין — וואָס הערט ער ווינטען? וואָס הערט ער שטורמען?...

דער אַלטער דעמב — דאָס איז נישט קיין סימבאָל. דאָס איז אַ לעבעדיגער מענש, וואָס זיין נאָמען איז נחמן ווערעביוקער פון ווערע־ביוקע. אַ יוד פון הויכען וואוכס, אַ ברייט־ביינ׳גער, אַ "גבר", די שטאָדט־יודען קוקען אויף איהם און זענען איהם מקנא און צו גלייכער צייט מאַכען זיי פון איהם חוזק: "שלום עליכם, וואָס מאַכט עפּיס אַ יוד אין געזונד?"... נחמן ווייסט, אַז מע לאַכט פון איהם און פון זיין "גאָדלע", בויגט ער זיך איין, ער זאָל אויסקומען אַ ביסעל מעהר יודישלעך, נאָר עס העלפט ווינציג. צו־גרויס אויסגעוואַכסען.

אין ווערעביוקע איז נחמן ווערעביוקער איין אַלטגעזעסענער. "נאַש לאַחמאַן" — אַזוי הייסט ער ביי די ווערעביוקער גוים, וואָס האַלטען איהם פאַר נישט קיין שלעכטען מענשען, פאַר אַ בר־שכל, האָבען ליעב זיך דורכשמועסען מיט איהם אַ מאָל גלאַט אַזוי פון בעל־הבתישקייט. מע האַלט זיך מיט איהם איין עצה: וואָס טהוט מען מיט׳ן ברויט? — "לאַחמאַן" האָט אַ לוח, ווייסט ער, צי ברויט וועט היינטיגס יאָהר זיין וואָלוועל, צי טהייער — און אַ מאָל פון וועלט־אַכען. "לאַחמאַן" פאָהרט אין שטאָדט, זעהט ער זיך מיט אַ מענשען, ווייסט ער, וואָס אויף דער וועלט טהוט זיך...

עס איז שווער גאָר פאַרצושטעלען זיך ווערעביוקע אָהן נחמן

ווערעבּיוּקער. נישט נאָר דער טאַטע זײַנער, פֿײַטעל ווערעבּיוּקער, איז געבּוירען און געשטאָרבּען אין ווערעבּיוּקע, נאָר אפילו דער זיידע, אריה עליו=השלום, געווען אַ יוד אַ חכם און אַ ווערטעל=זאָגער, פֿלעגט זיך בּעריהמען, אַז דערפֿאַר הייסט דאָס דאָרף ווערעבּיוּקע, ווײַל אריה ווערעבּיוּקער וואָהנט דאָרטען, וואָרום אײדער ווערעבּיוּקע איז נאָך געווען ווערעבּיוּקע, איז ער, אריה ווערעבּיוּקער, שוין געווען אַ ווערעבּיוּקער... אַזוי פֿלעגט זאָגען דער זיידע זײַנער. אַמאָליגע יודען!

און געזאָגט האָט עס אריה ווערעבּיוּקער, מיינט איהר, גלאַט אַזוי? אריה איז נישט געווען קײן פּראָסטער יוד, וואָס זאָל זאָגען אַ גלײַכווערטעל אָהן אַ מיין, געמיינט האָט ער דאָס די „גזירות". אין זײַנע צײַטען זענען אויך געווען גזירות אויף יודען. מע האָט נאָך דעמאָלס געהאַט געשמועסט, אַז מע וועט טרײַבּען יודען פֿון די דערפֿער. און נישט נאָר געשמועסט, נאָר טאַקי געטריבּען. אַלעמען האָט מען געטריבּען און אַרויסגעטריבּען. און דעם אַלטען אַריה ווערעבּיוּקער — אַזאַ. אַ סברא, אַז דער גובּערנאַטאָר אַליין האָט גאָר נישט געקאָנט מאַכען, וואָרום אריה ווערעבּיוּקער האָט אויסגעוויזען על פּי „זאַקאָן", אַז איהם קאָן מען פֿון ווערעבּיוּקע אַזוי גרינג נישט ריהרען. אַמאָליגע יודען!

ב.

אודאי אַז מע האָט אַזאַ פּריוועלעגיע אויף צו זײַן אין ווערעבּיוּקע, אַ מין „זכות=אָבות", איז מען בּײַ זיך תקיף און מע לאַכט פֿון דער גאַנצער וועלט. וואָס הערט אונזער נחמן ווערעבּיוּקער „גזירות"? „טשערטאַ"? „ציִרקוליאַרען"?... וואָס הערט, אַ שטייגער, נחמן אַ גוי אַ רשע קורעטשקאַ מיט זײַנע פּזמונות, וואָס ער בּרענגט איהם אַלע מאָל פֿון וואָלאָסט? קורעטשקאַ איז אַ גויעץ אַ נידריגער מיט קורצע פֿינגער, געהט אָנגעטהון אין אַ פּאָדיאָווקע, הויכע שטיוועל, אַ זילבּערנע קייט מיט אַ זייגער — מעשה פּריץ. ער איז שרײַבּער אין וואָלאָסט. דעריבּער ווייסט ער פֿון אַלע שווערע הערצער. דערצו לייענט קורעטשקאַ אַלע נומע גאַזעטען, וואָס שרײַבּען היינט מסירות אויף יודען — פּעך און שוועבּעל!...

קורעטשקאַ איז, אַזוי זיך, דוקא נישקשה פֿון אַ גוי. ער איז

נחמנ'ס א שכן און כלומרשט א גוטער ברודער, אז קורעטשקא'ן טהוט וועה א צאהן, גיט איהם „לאחמאן" א שוויינקעכץ. אדער אז קורעטשקא'ס ווייב, למשל, געהט צו קינד און דארף געלעגען ווערען, איז „לאחמאנקע" ביי איהר די הויבאמע. נאר עפים פון א צייט, דער רוח זאל איהם וויסען, זינט ער האט זיך אנגעלייענט מיט די שעהנע גאזעטען, איז קורעטשקא געווארען גאר איין אנדער גוי. „עשו האט זיך אין איהם צערעדט"... אלע מאל קומט ער צום יודען מיט א נייעס: „א נייער גובערנאטאר"... „א נייער צירקוליאר פונ'ם מיניסטער"... „א נייע „ראספאראזשעניע" וועגען יודען"... דעם יודען רייסט זיך טאקי בעת־מעשה אפ אין הארצען און עס ווערד איהם פערקיהלט אינוועניג דער מאמעס מילך, נאר א מכה דארף א גוי וויסען. און דער יוד הערט איהם אוים מיט א שמייכעלע און ווייזט איהם אויף דער האנד, ווי איינער רעדט: „ווען דא וועט אויסוואכסען האר"...

לאזען גובערנאטארען זיך בייטען, לאזען מיניסטארען שרייבען צירקוליארען. וואס געהער זיך עס אן מיט נחמן ווערעביוקער פון ווערעביוקע?

ג.

לעבען לעבט נחמן ווערעביוקער אין ווערעביוקע גאנץ נישקשה'דיג. דאס הייסט, צו די פריהערדיגע יאהרען קומט דאס נישט. אודאי אז דער זיידע אריה האט געלעבט, איז געווען אנדערע יאהרען. אוי, יאהרען! גאנץ ווערעביוקע איז דעמאלס, מע קאן זאגען, געווען זייערס. נישט איינע, נאר עטליכע פרנסות האבען זיי געהאט: א שענק, א קלייט, א מיהל, א קאמער פון תבואה. און פרנסה איז געווען, טאקי ווי מע זאגט, מיט טעלער און מיט לעפעל. דאס איז אבער אלץ געווען אמאל. היינט האבען זיך די אלע זאכען אויסגעלאזט. אוים שענקען, אוים קלייטען, אוים קאמערן פון תבואה. גארנישט. גאלע גארנישט. פרעגט זיך א קשיא: ווי באלד אזוי, היינט וואס זיצט א יוד אין ווערע־ביוקע? — וואו זשע דען זאל ער זיצען? אין דער ערד? אנו, לאז נאר נחמן א פרוב טהון פערקויפען די דירה — ווערד ער שוין אוים ווערע־ביוקער. ער וועט שוין הייסען דעמאלס איין איינגעבעטענער, א פרעמדער. און אזוי איז פארט איין אייגען ווינקעל. א שטוב איין

אײגענע, אַ דירה אויף צו זיצען. און בײַ דער שטוב אַ גאָרטען. דאָס װײַב און די טעכטער אַרבײַטען אַלײן דעם גאָרטען, און אַז גאָט העלפט, עס איז אַ גערעט, איז פאַראַן גרינס אַ גאַנץ זומער און קאַרטאָפּלעס אויפ'ן גאַנצען װינטער ביז הע־העט נאָך פסח. פון קאַרטאָפּלעס אַלײן אָבער קאָן מען נישט לעבען. צו קאַרטאָפּלעס, זאָגט מען, דאַרף מען האָבען ברויט. און קײן ברויט איז נישטאָ. נעמט מען דעם שטעקען און מע געהט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּיס האַנדלען. און אַז נחמן גערט זיך דורך איבער'ן דאָרף עפּיס האַנדלען, קומט ער שוין נישט אַהײם מיט לעדיגע הענד. װאָס גאָט גיט, דאָס קױפט ער: אַ ביסעל אײזענבראָך, אַ טאָפּ הירזש, אײן אַלטען זאַק, אַ נישט — איז גאָר אַ פעלעכעל. דאָס פעלעכעל ציהט מען אויס, מען לופטערט דאָס דורך און מע טראָגט דאָס אַװעק צו אברהם אליה דעם קירזשנער אין שטאָדט אַרײַן. און פון די אַלע גליקען — איז אָדער מע פערדינט, אָדער מע דערלעגט — דערויף איז מען אַ סוחר. „קופּעץ קאַק סטרעלעץ" — זאָגט נחמן, װאָס האָט ליב אַ גויש װערטעל. און אברהם אליה דער קירזשנער, אַ יוד מיט אַ אונטערגעבלויטע נאָז און מיט שװאַרצע פינגער, װי אײנגעטונקטע אין טינט, לאַכט פון איהם, װאָס ער איז אַזוי װײַט פערגראָבט געװאָרען אין דאָרף, צװישען גוים, אַז אַפילו אַ װערטעל איז בײַ איהם אויך אַ גויש...

ד.

יאָ, פערגראָבט געװאָרען. נחמן פיהלט אַלײן, אַז װאָס װײַטער װערד מען אַלץ מעהר פערגראָבט. אודאי, װען זײַן זײדע אריה הערע־ביװקער עליו־השלום זאָל אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף זײַן אײניקעל! אי־אי־אי! דאָס איז געװען אַ יוד אויך אַ גװאַרדיאַן, נאָר אַ יוד פון תורה. געקענט פרק און מחזור און תהלים אויף אויסװעניג. אַמאָליגע יודען! און ער, נחמן, װאָס קען? עס זאָל איך צו קײן חרפה נישט זײַן — קוים־קוים דאַװנען. נאָר גוט איז דאָס. זײַנע קינדער װעלען דאָס אויך נישט קענען... און טהוט ער אַ קוק אויף די קינדער, װי זײ װאַכסען אַלע אין שטויבער אַרײַן, הויך און ברײט אַזוי װי ער, און „נע טשיטאַטע נע פּיסאַטע", אויך אַזוי װי ער, װערד איהם צעהן לעבער אין האַרצען. און מעהר װי אויף אַלעמען טהוט איהם װעה דאָס

האַרץ אויף דעם סאַמע יונגסטען, אויפ'ן מיזיניק. פייטעל הייסט ער. א נאָמען נאָך זיין טאַטען, פייטעל ווערעבייטשער עליו-השלום. א געראָטען קינד אָט דער פייטעל, מיט אַלע מעלות. אפילו דער וואוקס אויך אַ קלענערער, איין אייזעלער, מעהר יודישלעך. א יודיש קינד... הייגט האָט דאָס אַ קעפעלע, אַ מיניסטערשען קאָפּ. סך-הכל איין מאָל נאָר האָט מען איהם בעוויזען אין סדור אויף אַ ציקאַוועס איין „אַלף" מיט אַ „בית", ווייסט ער שוין, וועלכעס איז איין „אַלף" און וועלכעס איז אַ „בית". קיין מאָל וועט ער אייך נישט זאָגען אויף איין „אלף" — אַ „בית", און אויף אַ „בית" — איין „אלף". וואַכסט אַזאַ גאָלד אין דאָרף, משטיינסגעזאָגט, צווישען קעלבלעך און חזירים, שפּיעלט זיך מיט קורעטשקאַ'ס זוהנדעל פעדיקאַ, פאָהרט מיט איהם רייטענדיג אויף איין שטעקען, יאָגען זיך ביידע נאָך איין קאַץ, גראָבען ביידע איין גריבעל און טהוען ביידע אַלסדינג, וואָס קליינע קינדער קענען טהון. זעהט נחמן, ווי זיין קינד שפּיעלט זיך מיט'ן „שרץ", פערדריסט דאָס איהם, און ער טריקענט, ווי איין אונטער-געהאַקטער בוים...

ה.

און פעדיקאַ איז דוקא אַ „געראָטענער שייגעץ". אַ „מחירה'דיג פּנים מיט אַ חנ'עווריגע מאָרדע", מיט ווייסע פלאַקסענע האָר, אין איינע יאָה-רען מיט פייטלען, און איז „נאָך פייטלען אַ כפרה". און פייטעל איהם האָט אויך נישט פיינט. אַ גאַנצען ווינטער ליעגען די ביידע קינדער, יעדער ביי זיין טאַטען אויפ'ן אויווען, ציהען זיך צום פענסטער און בענקען איינס נאָך דאָס אַנדערע. זעלטען, זעלטען ווען זיי האָבען די זכיה צו זעהן זיך. נאָר אָט איז אַוועק דער ווינטער, דער לאַנגער בייזער ווינטער. אָט האָט זיך אויפגעדעקט די שוואַרצע ערד פון איהר ווייסען קאַלטען שלייער. און אַ שיין האָט געטהון די זון. און אַ טריקען האָט געטהון דאָס ווינטעל. און אַ גרעזעל האָט זיך בעוויזען. און דאָרטען באַרג-אַראָפּ דאָס טייבעל זומזשעט. און דאָס קעלבעל האָט צעלאָזט די נאָזלעכער און נישטערט. און דער האָהן האָט צוגעמאַכט איין אויגעל און שטעהט אַ פערטראַכטער. און אַלעס אַרום אין אַרום האָט אויפגעלעבט, אַלעס גריסט, אַלעס פרעהט זיך: ס'איז ערב פּסח! — דעמאָלס קען מען שוין מעהר נישט איינהאַלטען אין שטוב נישט פייט'ען, נישט פעדיקאַ'ן. ביידע חאַפּען זיך אַרויס אויף

גאָט'ס וועלט, וואָס האָט זיך געעפֿענט פֿאַר זיי ביידען גלייך. און ביידע נעמען זיי זיך פֿאַר די הענד און מע לאָזט זיך לויפֿען אַהין, צום באַרג, וואָס שמייכעלט צו זיי ביי־ען גלייך: „קינדער, אַהער!.. און מע שפּרינגט אַקעגען דער זון, וואָס גריסט זיי ביידען גלייך און רופֿט זיי ביידען צו זיך: „קינדער, אַהער!" און אַז זיי מידען זיך איין לויפֿענדיג, זעצען זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָט'ס ערד, וואָס ווייסט נישט קיין יודען, וואָס ווייסט נישט קיין גוי: „קינדער, צו מיר, צו מיר!..."

ו.

ביידע האָבען זיי וואָס צו דערצעהלען — אַזאַ לאַנגען ווינטער נישט געזעהן זיך, פּייטעל בערימט זיך פֿאַר זיין חבר פֿעדקאַ, אַז ער קען שוין כמעט דעם גאַנצען אלף־בית. און פֿעדקאַ בערימט זיך, אַז ער האָט אַ בייטש. בערימט זיך פּייטעל, אַז ביי זיי איז היינט ביי נאַכט פּסח. ביי זיי איז שוין דאָ מצות אויף אַלע אַכט טאָג פּסח און ווייןן אויף אַרבע כוסות. „געדענקסט, פֿעדקאַ, פֿאַר אַ יאָהרען האָב איך אַרויסגעטראָגען אַ מצה?" „מאַצאַ?" — זאָגט פֿעדקאַ און איבער זיין חנ'עוודיגער מאָרדע צעגיסט זיך אַ ברייט שמייכעלע. אַ פּנים, ער האָט זיך דערמאָהנט אין'ם טעם פֿון דער פֿאַראַיאָהריגער יודישער מצה... „ביזט אַ בעלן, פֿעדקאַ, פֿערזוכען איצט אַ שטיקעל מצה? פֿרישע מצה?" — אַ שאלה אַ ביסעל, אויב פֿעדקאַ איז אַ בעלן? מע דאַרף נאָך פֿרעגען! „נו, קום זשע אַהין", זאָגט איהם פּייטעל און ווייזט איהם אויפ'ן באַרג, וואָס גרינט צו זיי און ווינקט צו זיי: „אַהער, קינדער, אַהער!"... און ביידע דראַפּען זיך אַרויף אַ באַרג, בלייבען שטעהן אַ ווײַלע פֿער'כשופ'ט, קוקען דורך די פֿינגער אויף די שפּיל־ענדיגע שיטערע שטראַהלען פֿון דער ליבער זון און טהוען זיך אַ וואָרף ביידע אויף דער נאָך פֿייכטליכער ערד, וואָס שמעקט שוין מיט גרינעם. און פּייטעל שלעפּט אַרויס פֿון אונטער'ן לייבסערדאַק אַ פֿרישע אַ ווייסע אַ קײַלעכיגע מצה, אָנגעשטאָכען אין דער לענג און אין דער ברייט פֿון ביידע זייטען מיט קליינע לעכעלעך. און פֿעדקאַ בעלעקט זיך שוין בעצייטענס, נאָך איידער פּייטעל האָט צעשפּאָלטען די מצה פּונקט אויף דער האַלב און צעטיילט זיך מיט זיין חבר. „וואָס ווערסט דו זאָגען, פֿעדקאַ, אויף דער מצה?" — וואָס זאָל פֿעדקאַ זאָגען, אַז ס'איז ביי איהם אַ פֿול מויל מיט מצה, וואָס טרישטשעט אונטער די צייהן און צעגעהט אויף

רעֶר צונג, אזוי ווי שניי? נאָך איין מינוט — און אויס מצה. „מעהר נישטאָ?"... — טהוט איהם פעדיקאַ אַ קוק אַריין מיט גרויסע אויגען אונטער'ן לייבסערדאַק און בעלעקט זיך, ווי אַ קאַץ נאָך פוטער. „דו וואָלסט דען געגעסען נאָך?" — פרעגט איהם פייטעל תמ'עוואַטע, קייענדיג דאָס לעצטע שטיקעל מצה, און קוקט אויף איהם שעלמיש מיט חיטרע שוואַרצע אויגעלעך. אַ שאלה אַ ביסעל, אויב פעדיקאַ וואָלט געגעסען נאָך! „טאָ וואַרט אַ ביסעל, — זאָגט איהם פייטעל, — איבער אַ יאָהר וועט זיין נאָך"... ביידע צעלאַכען זיך פון דער המצאה און, נישט געזאָגט איינער דעם אַנדערן קיין וואָרט, גלייך ווי מע האָט זיך צענויפגערעדט פריהער, טהוען זיך ביידע אַ וואָרף און אַ קאַטשע אַראָב, ווי צוויי קנוילען, גיך-גיך, באַרג-אַראָב.

ז.

אויף יענער זייט באַרג שטעלט מען זיך אויף די פיס און מע בעטראַכט דאָס זשומענדיגע טייכעל, וואָס לויפט אָב אין אַ זייט לינקס, און אַליין לאָזט מען זיך רעכטס, ווייטער און ווייטער איבער'ן ברייטען פרייען פעלד, וואָס איז נאָך נישט אומעדום גרין, נאָר גיט האָפנונג גאָר אין גיכען גרין צו ווערען, וואָס שמעקט נאָך נישט מיט גראָז, נאָר גיט האָפנונג גאָר אין גיכען מיט גראָז צו שמעקען. אין זיי געהען און געהען, שוין אָהן ווערטער, נאָר פערטראַכט און פערכישופט, איבער דער ווייכער שמעקענדיגער ערד, אונטער דער לייכטענדער שמייכלענדער זון. נישט זיי געהען, נאָר זיי שווי-מען. און נישט זיי שווימען נאָר זיי פליהען, זיי פליהען גלייך מיט די פויגלען, וואָס שוועבען פאַר זייערע אויגען, וואָס טוקען זיך און טראָגען זיך אין דער גרינער לופט פון דער דאָזיגער ליעבער וועלט, וואָס דער ליעבער גאָט האָט בעשאַפען פאַר אַלעם וואָס לעבט. שאַ, זיי זענען שוין ביי דער מיהל. דאָס איז דאָך דעם סטאַראָסטע'ס ווינד-מיהל. אַמאָל איז דאָס געווען נחמן ווערעביוקער'ס מיהל. היינט געהערט זי צום סטאַראָסטע. אָפאַנאַס הייסט ער. אַ חיטרע גוי מיט איין אוירינגעל און האָט שוין אַ סאַמאָוואַר אין שטוב. אָפאַנאַס דער סטאַראָסטע איז אַ רייכער בעל-גוף. אַחוץ דער מיהל, האָט ער נאָך אַ קלייט אויך. טאַקי די קלייט, וואָס האָט געהערט אַמאָל צו נחמן ווערעביוקער. מיט חיטראָסט האָט ער אויסגערונגען דעם יודען, צוגענומען ביי איהם די קלייט מיט דער מיהל...

אלע מאל, אז עס קומט אין דער צייט, געהט זי, די מיהל. נאר היינט נישט. היינט איז שטיל. נישטא קיין ווינד. א מאדנער פאר פסח. א פאר פסח אהן ווינדען. דעריבער שטעהט זי, די מיהל. פאר אונזערע חברים, פייטעל און פעדיקא, איז דאס דוקא א מעלה. אז די מיהל שטעהט, קאן מען זי בעסער בעטראכטען, אין א מיהל איז דא וואס צו זעהן. די מיהל אליין איז נאך נישט אזא־נ־אנטיק, ווי דער באלעק, דער קלאץ, וואס איז געלעגט געווארען, מיט א רעדעל ביי'ם שפיץ אויף צו קערעווען די מיהל אהין, וואו דער ווינד בלאזט. און אט אויף דעם באלעק האבען זיך די צוויי חברים אוועקגעזעצט, און ערשט דא האט זיך אנגעהויבען ביי זיי א געשפרעך, איינס פון די געשפרעכען, וואס האבען נישט קיין אנהויב און האבען נישט קיין סוף. פייטעל דערצעהלט חידושים פון שטאדט. דער טאטע האט געהאט אנומעלטען איהם מיטגענומען אין שטאדט. געוועזען מיט איהם אין מארק, געזעהן קלייטען. נישט איין קלייט, ווי ביי זיי אין ווערעביוקע, נאר א סך קלייטען. און נאך־דעם פאר נאכט, אזוי דערצעהלט פייטעל, זענען זיי געגאנגען אין שול. דער טאטע האט געהאט יאהרצייט נאך זיין טאטען. „נאך מיין זיידען, הייסט עס. דו פערשטעהסט, פעדיקא, ציי דו פערשטעהסט נישט?"

עס קאן זיין, אז פעדיקא פערשטעהט, נאר ער הערט נישט. וואר־רום ער פאהרט אריין פלוצים מיט א מעשה, וואס עס קלעבט זיך ווי אנ'ארבעס צו דער וואנד. פעדיקא דערצעהלט פייטלען, ווי אזוי ער האט פאר א יאהרען דערזעהן א פויגעל־נעסט אויף א הויכען בוים. האט ער געוואלט ארויף, האט ער נישט געקאנט. האט ער געוואלט דערלאנגען מיט א שטעקען, האט ער נישט געקאנט. האט ער גענומען ווארפען שטיינדלעך און האט אזוי לאנג געווארפען, ביז ער האט אראבגעווארפען צוויי קליינע פערבלוטיגטע פויגעלעך.

— דער'הרג'עט? — זאגט פייטעל מיט שרעק און פערקרימט זיך.
— יונגעטשקע. — פערענטפערט זיך פעדיקא.
— אבער דער'הרג'עט?
— אהן פעדערלעך, געלע פיסקעלעך, גראבע בייכעלעך.
— אבער דער'הרג'עט? דער'הרג'עט?...

ח.

ס'איז שוין געווען נישט פריה, אַז אונזערע יונגע חברים, פייטעל און פעדיקאַ, האָבען, נאָך דער זון אין הימעל, זיך אַרומגעקוקט, אַז ס'איז שוין צייט צו געהן אַהיים. פייטעל האָט שוין געהאַט פערגעסען, אַז היינט אויף דער נאַכט איז פסח. האָט ער זיך דערמאַהנט, אַז די מאַמע דאַרף איהם נאָך אויסצוואָגען דאָס קעפעל און אָנטהון נייע הויזען. און ער האָט זיך געגעבען אַ חאַפּ אויף, און פעדיקאַ נאָך איהם, און ביידע האָבען זיי זיך געלאָזט מיט דער זעלבער פרישקייט און מיט דער זעלבער פרייד צוריק אַהיים. און בכדי איינער זאָל נישט קומען פריהער און דער אַנדערער שפּעטער, האָט מען זיך, ווי אמת'ע חברים, גענומען פאַר די הענד און מע איז געפלויגען פייל אויסען בויגען אין דאָרף אַריין. און אַז זיי זענען געקומען אין דאָרף אַריין, איז פאַר זייערע אויגען אַרויסגעטראָטען אַזאַ מין בילד:

נחמן ווערעביוקער'ס שטוב איז בעלעגערט מיט גוים און גוי'עס, שקצים און שיקסעס. קורעטשקאַ דער שרייבער און אָפּאַנאַס דער סטאַראָסטע, דער סטאַרשינאַ, און דער סאָטסקע און דער אוראַדניק — אַלע זענען דאָ. אַלע רעדען, אַלע פילדערן. און נחמן מיט נחמנ'קען שטעהען אין מיטען, טענה'ן עפּיס און מאַכען מיט די הענד. נחמן האָט אַיינגעבויגען זיך, ווישט דעם שווייס מיט ביידע הענד. ביי דער זייט שטעהען די עלטערע קינדער נחמנ'ס, פינסטער ווי די ערד... פּלוצים בייט זיך איבער דאָס גאַנצע בילד. איינער טהוט אַ ווייז אויף די צוויי יונגע חברים, און דער גאַנצער עולם מיט'ן שרייבער, מיט'ן סטאַרשינאַ, מיט'ן סטאַראָסטע, מיט'ן סאָטסקע, מיט'ן אוראַדניק בלייבען שטעהן, ווי געלייהמטע. נאָר איין נחמן טהוט אַ קיק אויפ'ן עולם, גלייכט זיך אויס מיט זיינע ברייטע גוואַרדיאַנסקע פּלייצעס: „נו???" — און צעלאַכט זיך. און נחמנ'קע טהוט אַ פּלעסק מיט די הענד און הויבט גאָר אָן צו וויינען... דער סטאַראָסטע מיט'ן סטאַרשינאַ מיט'ן סאָטסקי מיט'ן אוראַדניק טרעטען אַרויס אין גלייך אויף זיי:

— וואו זענט איהר געווען, אַזעלכע און אַזעלכע?

— וואו מיר זענען געווען? ביי דער מיהל זענען מיר געווען.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

ט.

בײדע חברים, אי פײטעל, אי פעדיקא, האָבען געהאַט נאָך דעם זײער עהרליך אויסקומעניש, און בײדע האָבען ניט פערשטאַנען פאַר וואָס?

פײטעלען האָט דער טאַטע ראשית חכמה אָבגעשמיסען מיט דער יאַרמעלקע! „אַ יונגעלע זאָל וויסען"... וואָס זאָל אַ יונגעלע וויסען?... און אַ פּנים, פאַר רחמנות האָט איהם די מאַמע צוגענומען פונ'ם טאַטענס הענד, איהם אײנגעטײלט פון איהר זײט אַ פּאָר סטוסאַקעס און טאַקי באַלד גענו־מען איהם אויסצוואַגען דאָס שוואַרצע קעפּעל אויף יום טוב און האָט אַרײַנגעזעצט איהם אין אַ פּאָר נײַע הויזלעך — דער אײנציגער גאַרדעראָב זײַנער אויף פּסח — און זי זיפצט. וואָס זיפצט זי?... און נאָך דעם הערט ער, ווי די מאַמע זאָגט צום טאַטען: „אוי, גאָט זאָל העלפען, מע זאָל שוין איבערקומען אָט דעם יום־טוב! עס זאָל חאָטש אָבלויפען גלײַט... עס וואָלט געמײנט אוועק דער פּסח נאָך אײדער ער איז געקומען!"...

און פײטעל'ס קאָפּ קען ניט פערשטעהן, פאַר וואָס זאָל אוועק דער פּסח אײדער נאָך ער איז געקומען!"... און פײטעל ברעכט זיך דעם מח. ער פערשטעהט ניט דעם טאַטענס שמיץ. ער פערשטעהט ניט דער מאַמעס קלעפּ. ער פערשטעהט ניט, וואָס פאַר אַ מין ערב־פּסח הײַנט איז אויף דער וועלט...

י.

און ווי באַלד, אַז פײטעל'ס יודיש קעפּעל פערשטעהט ניט, פערשטעהט דאָך שוין פעדיקא אַודאי ניט, וואָס דאָ טהוט זיך. פריהער האָט איהם דער טאַטע קורעטשקאַ אָנגענומען פאַר דער גריווע, גוט אָנגע־ריסען איהם די ווײַסע פלאַקסענע האָר און נאָך געשענקט אַ פּאָר פּאַטי־לעטשניקעס אַ פּרידאַטאָק. די פּאַטילעטשניקעס האָט פעדיקא צוגענומען, ווי אַ פילאָזאָף: ער איז שוין דערצו געוואוהנט געוואָרען. אין ער הערט זיך צו, ווי זײַן מאַמע רעדט מיט די גוי'עס און ווי יענע דערצעהלען עפּיס מאָדנע מעשיות. אַ מעשה פון אַ קינד, וואָס יודען האָבען פערנאַרט צו זיך אין שטאָדט ערב פּסח, אָבגעהאַלטען אין אַ קעלער אַ טאָג מיט אַ נאַכט און געוואָלט איהם נעמען צו דער אַרבײט, האָט מען דערהערט דאָס

געשריי, איז מען זיך צעגויפגעלאָפען, און מע האָט אַרויסגעראַטעוועט דאָס קינד. איז שוין געווען ביי דעם סמנים אויפ'ן לייב — פיער שטעך אין פיער זייטען, ווי אַ צלם...

אַזוי דערצעהלט איינע אַ חוואַטסקע גויע מיט אַ ברייטען אָטשיפּעק און מיט אַ רויט פּנים. און די איבריגע גויעס הערען זי אויס און שאָקלען מיט די פערבונדענע קעפּ און צלם'ען זיך: „אוי. האָרענקאָ! אוי לישענקאָ!... און פעדיקאַ'ס קאָפּ קאָן נישט פערנעמען, וואָס קוקען אויף איהם בעת־מעשה די גוי'עס? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט די מעשה צו איהם און צו פייטלען? און פאַר וואָס האָט איהם דער טאַטע קורעטשקאַ אָנגענומען ביי דער גריוועו, אָנגעריסען ביי די ווייסע פלאַקסענע האָר און געשענקט אַ פּאָר פּאַטילעטשניקעס אַ פרידאַטאָק? עס אַרט איהם נישט אַזוי די גריוועו, עס אַרט איהם נישט אַזוי די פּאַטילעטשניקעס, דאָס איז ער נישט זשעדנע קיינמאָל, ער וואָלט נאָר אַ בעלן זיין וויסען: פאַר וואָס עפּיס היינט אַזאַ־נ־אָרענטליבע פּאָרציע — אי געטראָגען פאַר דער גריוועו, אי געריסען ביי די האָר, אי פּאַטילעטשניקעס אַ פרידאַטאָק? פאַר וואָס?... פאַר וואָס?...

יא.

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

— נו? — הערט פייטעל, ווי דער טאַטע זאָגט צו דער מאַמע באַלד נאָך פסח מיט אַ שיינענדיג פּנים. גלייך ווי עס וואָלט איהם געטראָפען מי־יודע וואָס פאַר אַ גליק. — אַ יאָ? דו האָסט דאָך איינגעלעגט די וועלט? דו האָסט דאָך מורא געהאַט... אַ יודענע בלייבט אַ יודענע. אַוועק אונזער פסח און זייער פסח, און גאָרנישט!...

— דאַנקען גאָט! ענטפערט איהם די מאַמע, און פייטעל פערשטעהט ווידער נישט, וואָס האָט די מאַמע מורא געהאַט?... און וואָס איז דאָ די גדולה, וואָס דער פסח איז אַוועק?... וואָלט דען נישט בעסער געווען, דער פסח זאָל זיך נאָך ציהען און ציהען?...

פייטעל בעגעגענט זיך מיט פעדיקאַ'ן אין דרויסען ביי זייער שטוב, קאָן ער זיך נישט איינהאַלטען און גיט איהם באַלד איבער אַלסדינג, ווי

אַזוי מע האָט בײַ זײ געדאַוועַנט, און נאָך דעם ווי מען האָט בײַ זײ געגעסען. אוי, געגעסען! און ער גיט איהם איבער דעם טעם פון אַלע פסח'דיגע מאכלים, וואָס מע האָט בײַ זײ געגעסען, און דעם זיסען וויַין, וואָס מע האָט בײַ זײ געטרונקען. און פעדיקאַ הערט זיך צו מיט קאָפּ און פערקוקט צו פײַט'ען אונטער'ן לײַבסערדאַק. איהם חלומ'ט זיך נאָך אַלץ „מאַצאַ"... פלוצים לאָזט זיך הערען איבער דער גאַנצער גאַס אַ קוויטש מיט אַ ניגון אויף אַ סאָפּראַן-שטימע:

— חוועדי-קאַ! חוועדי-קאַ!

דאָס רופט די מאַמע אַהײם דעם קלײנעם פעדיקאַ. ער זאָל געהן עסען וואַרעמעס. נאָר פעדיקאַ חאַפּט זיך נישט. איצט וועט מען איהם שוין נישט טראָגען פאַר דער גריווע! ערשטענס, זענען זײ דאָך נישט בײַ דער מיהל. און צווייטענס, איז שוין „נאָך פסח"... נאָך פסח איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען פאַר די יודען... ליעגט ער זיך דאָ אין דרויסען אויפ'ן בויך מיט'ן ווײַסען קעפּעל אויף די הענד! און אַקעגען איהם ליעגט פײַטעל אויך אויפ'ן בויך מיט'ן שוואַרצען קעפּעל אויף די הענד. און דער הימעל איז בלוי, און די זון וואַרעמט. און דאָס ווינטעל גלעט און שפּיעלט זיך. און דאָס קעלבעל איז בײַ דער זײַט, און דער האָהן איז דאָ מיט אַלע זײַנע ווײַבער. און בײדע קעפּלעך, דאָס ווײַסע מיט'ן שוואַרצען, ליעגען אָנגעשפּאַרט אויף די הענד און מע רעדט, און מע רעדט, און מע רעדט, און מע קאָן זיך גאָר נישט אָנרעדען...

יב.

און נחמן ווערעביוזקער איז נישטאָ אין דערהײם. ער האָט זיך גענומען דעם שטעקען און האָט זיך פון גאַנץ פריה אָן געלאָזט געהן איבער דעם דאָרף עפּים האַנדלען. בײַ יעדען הויף שטעלט ער זיך אָב. גיט אָב יעדען גוי דעם גוט-מאָרגען. רופט אָן יעדען בעזונדער בײַ'ם נאָמען, רעדט זיך דורך פון אַלסדינג אין דער וועלט, נאָר נישט פון דער ערב-פּסח'דיגער מעשה... נאָר נישט פון די פּסח'דיגע פּחדים... און פאַר'ן אַוועקגאַנג שוין טהוט ער אַ טאַפּ אין וואָגען: „געפינט זיך נישט בײַ דיר, גוי, עפּים אַ זאַך, וואָס דו דאַרפסט נישט?" „נישטאָ, לאַחמאַן". „אַ-איזענבראָך, אַ ביסעל היריזש, אַנ'אַלטע זאַך אָדער גאָר אַ פעלעכעל?" „האָב קײן פּאַראַי-בעל נישט, לאַחמאַן, נישטאָ גאָר נישט. אַ ביטערע צײַט". „אַ ביטערע צײַט!

פאַרשכּור'ט מן הסתם? אַזאַ יום־טוב!..." „וועֶר מיִר שכּור'ט? וואָס מיִר יום־טוב? אַ בּיִטעֶרעֶ צייַט!..."

דעֶר גוי זיִפצט און נחמן זיִפצט אויך. און נאָך דעֶם רעֶדט מעֶן אַבּיִסעֶל פון זייַטיִגעֶ זאַכעֶן, אַזוי עֶס זאָל ניִשט אויסזעֶהן, אַז עֶר איז געֶקומעֶן האַנדלעֶן, געֶהט עֶר אַוועֶק פון דעֶם גוי צום אַנדעֶרן, צום דריִטעֶן—בּיִז עֶר טרעֶפט אָן עֶפּיִס וואָס, און קומט אַהיים ניִשט מיִט לעֶדיִגעֶ העֶנד...

איִן נחמן וועֶרעֶבּיִוקעֶר, איין אָנגעֶלאָדעֶנעֶר און אַ דעֶרשוויִצטעֶר, שפּאַנט מיִט זייַנעֶ גרויסעֶ גוואַרדיאַנסקעֶ פּיִס אַהיים און קלעֶרט איִצט נאָר פון איין זאַך: וויִפיִעל שטעֶהט איהם דאָ צו פעֶרדיִנעֶן, אָדעֶר צו דעֶרלעֶגעֶן? פון דעֶר ערב־פּסח'דיִגעֶר מעשה האָט עֶר שוין פעֶרגעֶסעֶן. פון די פּסח'דיִגעֶ פּחדים האָט עֶר שוין פעֶרגעֶסעֶן. און דעֶר שכּן קורעֶטשקאַ מיִט זייַנעֶ גובּעֶרנאַטאָרעֶן און מיִט די ציִרקוליאַרעֶן זעֶנעֶן איִן דעֶר מיִנוט אַרויסגעֶפלויגעֶן פון'ם קאָפּ. עֶר האָט איהם איִן דעֶר ליִנקעֶר פּאה!..

לאָזעֶן וויִנטעֶן בּלאָזעֶן, לאָזעֶן שטורמעֶן פייַפעֶן, לאָז די וועֶלט זיִך קעֶהרעֶן. איין אַלטעֶר דעֶמב, וואָס שטעֶהט משֵׁשת־ימי־בּראשית, וואָס זייַנעֶ וואָרצלעֶן דעֶרגרייַכעֶן מי יודע וואוהיִן—וואָס העֶרט עֶר ווינטעֶן? וואָס העֶרט עֶר שטורמעֶן?..

אליהו הנביא

אֵלִיָהוּ הַנָבִיא.

א פאנטאסטישע געשיכטע מיט א רעטעניש לכבוד פסח.

ספּעציעל פון קינדער וועגען.

א.

נישט גוט צו זיין אַ בן יחיד, אַ ציטעריגער ביי טאַטע-מאַמע. „פון זיבען איינער געבליבען”. דאָ — נישט שטעה, דאָרט — נישט געה. דאָס נישט עס, יענם — נישט טרינק. דעם קאָפּ — דעק צו. דעם האַלז — פערבינד. די הענד — בעהאַלט. די נאָז — שנייץ אויס. אַך, נישט גוט, נישט גוט צו זיין אַ בן יחיד. און נאָך אַ נגידס אַ יונגעל דערצו. מיין טאַטע איז אַ נגיד. אַ הילפן איז ער, געהט אַרום מיט אַ טאָרבע מינץ איבער די קלייטען. בייט זילבער אויף מינץ און מינץ אויף זילבער. זענען דערפאַר ביי איהם די פינגער תמיד שוואַרץ און די נעגעל צעטריסקעט. האָרעוויען האָרעוועט ער אַפילו זעהר שטאַרק. אַלע טאָג אַז ער קומט אַהיים, איז ער אויסגעמידט און צעבראָכען. „נישטאָ קיין פּיס — קלאָגט ער זיך פאַר דער מאַמע — נישטאָ קיין פּיס, קיין סימן פון קיין פּיס”...

נישטאָ קיין פּיס, — עס קען זיין. דערפאַר האָט ער אָבער „פרנסה בשפע”. — אַזוי זאָגען אַלע און זענען אונז מקנא, וואָס מיר האָבען פרנסה און נאָך בשפע. די מאַמע איז צופריעדען. איך אויך. „אַ פסח ביי מיר היינטיגעס יאָהר — אויף אַלע יודישע קינדער, רבונו של עולם”...

אַזוי זאָגט די מאַמע אין דאַנקט גאָט, וואָס מיר האָבען אַזאַ פסח. איך אויך. נאָר ווי דערלעבט מען איהם שוין, אָט דעם פסח?...

3

ב.

קוים דערלעבט פסח. דעם ליבען טהייערן פסח. אויסגעקלייידט האָט מען מיך בגדי מלכות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגיד'ס אַיונגעל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס? אַז איך טאָר נישט אַרום-שפּרינגען אין דרויסען — איך וועל זיך פערקיהלען, אַז איך טאָר נישט אַרום-לויפען מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגיד'ס אַ יונגעל. אַ זעלכע שעהנע מלבושים — נישטאָ פאַר וועמען צו בערימען זיך, אַ פולע קעשענע מיט ניס — נישטאָ מיט וועמען צו שפּיעלען.

נישט גוט צו זיין אַ בן יחיד, אַ ציטעריגער, וואָס פון זיבען איינער געבליבען, און נאָך אַ נגיד'ס אַיונגעל דערצו.

ג.

דער טאַטע האָט אָנגעטהון די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַוונען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסט דו וואָס? לעג זיך צו. שלאָף דיך אויס. וועסט דו קענען זיצען ביים סדר. וועסט דו פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות". משוגע בין איך? פאַר'ן סדר וועל איך געהן שלאָפען? „געדענק זשע, פסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפען. וואָרום טאָמער חלילה וועסט דו אַנשלאָפען ביים סדר, אַזוי קומט אלי־נביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס"... „פסח ביי נאַכט געהט אַרום אלי־נביא און קוקט ווער עס שלאָפט ביים סדר דעם נעמט ער צו אין זאַק אַריין"... חאַ-חאַ! איך וועל אַנשלאָפען ווערען ביים סדר? איך? און אַז מען זאָל זיצען אַ גאַנצע נאַכט? און אפילו ביז'ן ווייסען טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געווען, מאַמע, פאַר אַ יאָהרען? „פאַר אַ יאָהרען ביזט דו אַנשלאָפען געוואָרען באַלד נאָך קידוש"... פאַר וואָס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאָלס אליהו הנביא מיט'ן זאַק? „דעמאָלס ביזט דו נאָך געווען אַ קליינינקער, היינט ביזט דו אַ גרויסער. היינט דאַרפסט דו פרעגען דעם טאַטען די פיער קשיות. היינט דאַרפסט דו זאָגען מיט'ן טאַטען עבדים היינו. היינט דאַרפסט דו עסען מיט אונז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ — אָן געהט דער טאַטע פון שול".

— גוט יום טוב!

— גוט יום טוב!

4

ד.

דאַנקען גאָט. דער טאַטע האָט אָבגעמאַכט קדוש. איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטען כוס. איך אויך. און דוקא אַ פולען כוס, און דוקא ביז'ן ד'נאָ. „זעה נאָר ביז'ן דנאָ!" — זאָגט די מאַמע צום טאַטען, און מיר זאָגט זי: „אַ פולען בעכער מיט וויין? וועסט אַנשלאָפען ווערען"... חאַ־חאַ? איך וועל אַנשלאָפען ווערען? איך? און אַז מען זאָל זיצען אַ גאַנצע נאַכט? אַפילו ביז'ן ווייסען טאָג אַריין? אַ נו, פרעגט דעם טאַטען, ווי אַזוי האָב איך אָבגעקלאַפּט די פיער קשיות? ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקעל איך זיך איבערן סדור און זינג מיט'ן טאַטען דעם עבדים היינו?... און די מאַמע לאָזט נישט אַראָב קיין אויג פון מיר און שמייכעלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנשלאָפען ווערען. אַנשלאָפען ווערען"... עך, מאַמע! מאַמע! מיר דאַכט זיך מע זאָל זיין מיט אַכצעהן קעפּ, קען מען פון דעם אַליין אַנשלאָפען ווערען! אַנו, לאָז מען אַיועקיזעצען אַייך אַקעגען און זינגען אַייך אין אויער: „אַנשלאָפען ווערען, אַנשלאָפען ווערען".

פערשטעהט זיך אַז איך בין אַנשלאָפען געוואָרען.

ה.

אַנשלאָפען געוואָרען — חלומ'ט זיך מיר אַז דער טאַטע האַלט שוין ביי „שפוך חמתך". די מאַמע אַליין שטעהט אויף פון טיש, געהט עפענען די טהיר, מקבל פנים זיין אלי נביא'ן. שעהן וועט זיין טאָמער קומט טאַקי אלי נביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיט'ן זאַק אויף די פּלייצעס, און זאָגט צו מיר: „קום, בחור"... און ווער וועט זיין שולדיג אין דעם אַז נישט די מאַמע אַליין מיט איהר: „שלאָף נישט! שלאָף נישט!"... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיגע מחשבות — אַהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טהיר, און דער טאַטע שטעהט אויף און רופט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא"! איך קוק מיך איין צו דער טהיר — יאָ, ס'איז ער. ער געהט, ער געהט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מען הערט. אַ שעהנער יוד אליהו הנביא. אַנ'אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרייז גראָהען באָרד ביז די קניע. דאָס פנים אַלט, געל, געקנייטשט, נאָר שעהן און גוט איז דאָס אָהן אַנ'עק. און אויגען — אַך אויגען! גוטע, ווייכע, פריינדליכע,

ליבע געטרייע אויגען. אײנגעבויגען, אנגעלעהנט אויף אַ גרויסען-גרויסען שטעקען מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ! שטיל, אָהן ווערטער און גלייך צו מיר.

ו.

— „נו, יונגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום“. אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטעטשקער און דוקא מיט גוטען, דוקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך איהם: „וואוהין“? מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָך דעם זעהן“... וויל איך נישט, זאָגט ער מיר נאָך אַ מאָל. בעט איך מיך ביי איהם: „ווי קען איך מיט דיר געהן, אַז איך בין אַ נגיד'ס אַ יונגעל?“ זאָגט ער: „און אַז אַ נגיד'ס אַ יונגעל וואָס ביזט דו פאַר אַ מיוחס?“ זאָג איך: „איך בין ביי טאַטע-מאַמע אַ בן יחיד“... זאָגט ער: „ביי מיר ביזט דו נישט קיין בן יחיד“. זאָג איך: „אַ ציטעריגער — פון זיבען איינער געבליבען. זיי וועלען, זאָג איך, דערזעהן, אַז איך בין נישטאָ, וועלען זיי דאָס נישט אויסהאַלטען זיי וועלען, שטאַרבען און דערהויפּט די מאַמע“... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטעטשקער, מיט גוטען און מאַכט צו מיר ווייך און זיס ווי פריהער: „געהסט דו נישט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונד, נאָר ווער אַנטשלאָפען אויף שטענדיג, אויף עביג“... הויב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָך עס איך זאָל שטאַרבען? זיי וועלען דאָס נישט אויסהאַלטען... איבערהויפּט די מאַמע“... „ווילסט דו נישט שטאַרבען, טאָ קום מיט מיר, געזעגען זיך אָב מיט טאַטע-מאַמע און קום“... „סטייטש. ווי קען איך געהן, אַז איך בין אַ בן יחיד, פון זיבען איינער געבליבען?“... מאַכט ער צו מיר שוין שטאַרקער: „צום לעצטען מאָל, יונגעלע, קלויב דיר אויס איינס פון די צוויי: אָדער געזעגען זיך אָב מיט טאַטע-מאַמע אויף שטענדיג און קום מיט מיר, אָדער בלייב דאָ, נאָר ווער אַנשלאָפען אויף עביג. אויף עביג“...

ז.

אָבגעזאָגט די דאָזיגע ווערטער, טרעט ער אָב פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערווען זיך צו דער טהיר. וואָס טהוט מען דאָ? אוועקגעהן מיט'ן אַלטען, גאָט ווייס וואוהין, פערפאַלען ווערען — וועלען

6

טאַטע-מאַמע שטאַרבען. אַ בן יחיד, פון זיבען איינער געבליבען... בלייבען דאָ און אַנשלאָפען ווערען אויף עביג — הייסט דאָס דאָך איך אַליין זאָל שטאַרבען.... ציה איך אוים צו איהם ביידע הענד מיט טרעהרען אויף די אויגען: „אֵליהו הנביא! גוטער, ליבער, האַרציגער אֵליהו; גיב מיר איין מינוט אויף צו בעטראַכטען זיך!" דרעהט ער אוים צו מיר דאָס שעהן, אַלט, געל, געקנייטשט פנים מיט'ן גרייז-גראָהען באָרד ביז די קניע, קוקט אויף מיר מיט זיינע שעהנע גוטע ליבע געטרייע אויגען, און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכעל: „איין מינוט אויף צו בעטראַכטען זיך גיב איך דיר: מיין קינד, אָבער נישט מעהר אַז איין מינוט"...

און דער אַלטעטשקער לעהנט זיך אָן אויף זיין גרויסען-גרויסען שטעקען און וואַרט...

— — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — —

פרעגט זיך: וואָס האָב איך בעדאַרפט אין דער מינוט צו טראַכטען אַזעלכעס, אַז איך זאָל נישט דאַרפען נישט געהן מיט'ן אַלטען און נישט אַנשלאָפען ווערען אויף עביג?—אַנו, ווער וועט טרעפען?...

געצײל

געציל.

— זיצט, איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה מיט נים.

— מיט וואס? מיט נים?

— מיט נים!

— איצט? בשעת מלחמה?

— אדרבה! ווייל מלחמה, ווייל ס'איז אייך לא עליכם'דיג אויפ'ן הארצען, וויל איך אייך א ביסעל צעשלאגען די מחשבות. און אגב, אז מע צעבייסט א נוס, געפינט מען א יאדער...

1.

געהייסען האט ער געציל, נאר גערופען האט מען איהם גויעצעל, געהאלטען איהם פאר א פרא אדם: ווער עס האט נאר געהאט גאט אין הארצען, דער האט געטריבען מיט איהם קאטאוועס, געמאכט פון איהם חוזק. געווען איז ער צווישען די קליינע יונגלעך אין חדר א בחור'ל א דערוואכסענער שוין, א לעפעשעוואטער, מיט מגושם גראבע הענד און מיט מגושם גראבע ליפען. א קול האט ער געהאט ווי פון א פאס און געגאנגען איז ער מיט ברייטע הויזען און מיט גרויסע שטיוועל ווי א בער, א קאפ איז אויף איהם געזעסען א גרויסער ווי א באק־דייזשע, און אנגעשטאפט איז ער געווען, איך בעט איבער אייער כבוד, מיט קלאטשע, היי, אדער פעדערן. אזוי האט געזאגט אויף איהם אין חדר דער רבי, רב יענקל, איהם אויסגעווארפען אלע מאל זיין וואוכס, „גויעצעל", „ווערגעלעץ", „גראבער נפש", „טרפה'נער ביין", „אקסען־פעל" וכדומה אזעלכע שעהנע צונעמעניש. און ער? גאר נישט! ס'זאל איהם אפילו אנהויבען ריהרען! פערקלויבען זיך אין א ווינקעל, אנגעשטאפט פולע באקען און גע'מעלה־גרה'ט ווי א קאלב. גויעצעל האט געהאלטען, פערשטעהט איהר מיך, פון דער אכילה. עסען איז ביי איהם געווען טייערער פון וואס איהר

ווילט. „אַ קישקע אָהן אַ דנאָ“, האָבען געזאָגט אויף איהם זיינע חברים. „אַ זולל וסובא׳ניק“, האָט געזאָגט אויף איהם דער רבי, און גויעצל זאָל זיך דאָס אפילו פערקרימען! דערטאַפּט דעם אָנבייסען, אַריין אין מויל אַריין און געריבען אויף וואָס די וועלט שטעהט. און אָנבייסענס האָט מען איהם געטראָגען אין חדר אַריין תמיד די בעסטע — קנישעס מילכיגע מיט וואַרעניקעס לרוב! אָט דער מגושם׳דיגער לעפּעשעוואַטער בחור איז נאָך געוועזען צו די צרות ביי זיין מאַמע די נגידית׳טע אַ ציטעריגער, אַ בן־יחיד׳ל, האָט זי איהם געהאָדעוועט, געשטאָפּט טאָג ווי נאַכט ווי מע שטאָפּט אַ גאַנז, און כסדר געקלאָגט זיך, אַז „דאָס קינד עסט גאָר נישט“.

— מע בעדאַרף איהם אָבשפּרעכען אַ גוט אויג — פלעגט נאָך דעם זאָגען דערויף דער רבי רב יענקעל געוויינטליך אונטער די אויגען,

— אַ מכה דער מאַמען! — פלעגט איהם אונטערהעלפען די רבי׳צין מיט אַ נגון און מאַכען בשעת מעשה אַזאַ פּנים, אַז ס׳איז נישט מעגליך געוועזען, מע זאָל נישט לאַכען, — אין פּאָלעסיע אַזעלכע קינדער־לעך וויקעלט מען נאָך, איהם זאָל זיין פאַר מיינע ביינער!

— נאָך זיין קאָפּ זאָל איך בלייבען! — לאָזט אויס נאָך איהר דער רבי און רוקט איהם אָן דעם היטעל איבער די אויערן.

דער גאַנצער חדר לאַכט און גויעצעל זיצט אָנגעבלאָזען און שווייגט; ברוגז איז ער טאַקי, נאָר ער שווייגט. שווער אַריינצוברענגען איהם אין כעס; נאָר האָט מען איהם אַריינגעבראַכט אין כעס — איז נו־נו! אַ בער, אַז מע צערייצט איהם בעדאַרף נישט זיין אַזוי מסוכן, ווי ער; פאַר כעס הויבט ער אָן טאַנצען און בייסען זיך אַליין מיט די געזונדע ווייסע צעהן אין די הענד אַריין, און לאָזט ער אַראָפּ אַ פּאַטש, קאָן מען איהם פּיהלען, טאַקי האָבען הנאה. דאָס האָבען זיינע חברים געוואוסט גאַנץ גוט, טאַקי פאַרזוכט אויף זייערע פּלייצעס, און מהאי טעמא מורא געהאַט פאַר איהם אימת מות, נישט געוואָלט האָבען מיט איהם קיין מגע ומשא. פאַר קלעפּ, פערשטעהט איהר מיך, האָבען יודישע קינדער דרך ארץ... און בכדי מע זאָל זיין געוואָרענט פון געציל׳ס קלעפּ, האָבען אַלע צעהן חדר־יונגלעך בהברותא געמוזט מאַכען אַקעגען איהם יד אחת, צעהן חברים אַקעגען איינעם, און אָט אויף אַזאַ־נ־אופן איז געוואָרען ביי יענקלען אין חדר צוויי כתות: פון איין זייט אַלע תלמידים, פון דער אַנדערער זייט געציל. די תלמידים האָבען געשאַרפט די מוחות,

געציל — דעם קולאק. די תלמידים האבען געלערנט, געציל האט געפרעסען קנישעס מיט ווארעניקעס לרוב.

II.

ויהי היום ס'איז געקומען אונטער א יום טוב, האבען זיך חברה צעגויפגעקליבען שפילען אין ניס. די שפיל אין ניס איז א שפיעל, ווי אלע שפילען, נישט בעסער פון דריידל און נישט ערגער פון קארטען: די שפיל בעשטעהט אין פערשידענע שפילען; אין „גריבעל“, אין „באנק“, און אין „יארמעלקע“, און אויסלאזען לאזט זיך אויס די שפיעל ווי געוועהנטליך יעדע שפיעל: איינער פערשפילט, דער אנדערער געווינט. און ווי אומעטום איז דער וואס געווינט, א חכם און א בריה, און א וואהלער יונג, און דער, וואס פערשפילט, דער איז א טפש און א בהמה, און א שלים-מזל'ניק, פונקט ווי להבדיל, אין די גרויסע מקומות, אין די קלובען, דארט, וואו דער עולם זיצט יומם ולילה און איז זיך עוסק אין הלכות קארטען...

האבען זיך היימט עם חברה צעגויפגעקלויבען אין חדר אלע צעהן חברים שפילען אין ניס, איבערגעקעהרט א באנק, אויסגעלעגט א שורה ניס אויף דער ערד און גענומען ווארפען פון דער באנק אראפ צו דער שורה; ווער עס וועט מעהר אויסשלאגען פון דער שורה, דער האט געוואונען. פלוצים עפענט זיך די טהיר און עס קומט אריין געציל מיט פולע קעשענעס געוויינטליך.

— ברוך הבא, א יוד! — רופט זיך אן איינער.

— מען זאל דערמאהנען משיח'ן! — מאכט דער אנדערער.

— ויבא המן! — זאגט דער דריטער.

— מאכט רש"י: דער רוח האט איהם געבראכט צו טראגען...

— אין וואס שפילט איהר, אין באנק? — שפיעל איך אויך מיט אייך; איך האב ניס. — אזוי זאגט געציל און בעקומט באלד א תשובה:

— לא מיט א ספאדיק!

— פאר וואס?

— דערפאר!

— נו, וועל איך אייך צעשלאגען די שפיעל!

און נישט לאנג געטראכט, גענומען מיט די בערישע פיס און צערשלייַדערט די שירה נים איבער'ן גאנצען שטוב. האט דאך עס חברה מסתמא פערדראסען. א העזה פון א יונגאטש!

— קינדער, וואס שוויַיגט איהר איהם? — האט זיך אנגערופען איינער.

— הבה נתחכמה — רופט זיך אן נאך איינער.

— לאמיר איהם דורכברעכען די ביינער! — פערטייטשט א דריטער.

— א נו, פרובט זיך, מאכט געציל און פערקאטשעט די ארבעל, גרייט צו דער ארבייט.

און ס'איז ארויס א מלחמה, א געשלעג צווישען ביידע כתות. פון איין זייט דער גאנצער חדר, פון דער אנדערער זייט — געציל.

צעהן איז נישט איינער. זיי האבען טאקי געפיהלט דעם טעם פון זיינע געזונדע קולאקעס; א צוויי דריי סמנים: בייַלען אין שטערן און לאנטערנעם אונטער די אויגען האבען טאקי געהאפט זיי; דערפאר האבען זיי אבער אויך איהם געגעבען צו זעהן די וועלט מיט זייערע שארפע נעגעל און מיט די צייהן און מיט וואס נאר מען האט געקאנט, פון פארנט און פון הינטען און פון אלע זייטען, געדראפעט, געשטשיפעט, געפליקט, געריסען, געביסען — בקצור צעהן איז נישט איינער, גובר געוועזען האבען זיי און געציל האט געמוזט מחילה נעהמען דעם וועג און מאכען פליטה — און ערשט דא הויבט זיך אן די רעכטע מעשה מיט די נים.

III

ארויסגעגאנגען אין דרויסען א צעקאשמעטערטער, א צעדראפעטער מיט צעריסענע פלודערן, איז געציל געבליבען שטעהן א ווייַלע פערטראכט. נאך דעם האט ער זיך געגעבען א פאטש מיט ביידע הענד איבער די קעשענעס און עס האט זיך געלאזט הערען א קלינגען פון א סאך נים.

— ווילט איהר, הייסט דאס, מיט מיר נישט שפיעלען אין נים? לאז זיך מיט אייך שפיעלען דער מלאך המות! איך דארף אייך אויף סעם סאט כפרות! איך קאן בעשטעהן, מיר זאלען זיך אליין אין צוזייען שפיעלען...

אזוי האט געציל א זאג געטהון צו זיך אליין און האט זיך געלאזט געהן וואו די אויגען וועלען איהם טראגען. אבגעשטעלט זיך אין מיטען וועג טהוט ער א זאג צו זיך גלייך ווי ער וואלט דא געווען מיט עמיצען זאלבענאנד:

— וואוהין־זשע, געציל, וועלען מיר געהן א שטיינער? — און טאקי באלד זיך אליין געענטפערט:

אהין, וויט... אונטערן שטאדט, אויף יענער זייט מיהלען, דארט איז נישטא קיינער... דארט וועלען מיר זיך זיין איינע אליין אין צווייען קיינער וועט אונז נישט שטערן, און לאז עמיצער פרובען אונז שטערן, וועלען מיר ברעכען ביינער, מאכען א תל...

און געציל רעדענדיג אזוי מיט זיך אליין, פיהלט, אז ער איז נישט איינער, נאר צוויי, און כח פיהלט ער אין זיך פאר צוויי! אנו, לאזען נאר קומען אהער זיינע חברים, מאכט ער פון זיי א מאטשינקע, א האשערקע, א חורבן! און ער האט דערפון שטארק הנאה און הערט נישט אויף צו רעדען מיט זיך אליין, גלייך ווי זיי וואלטען דא געווען באמת זאלבענאנד.

— הער נאר אוים, ביז וואנען וועלען מיר א שטיינער געהן? — מאכט ער צו זיך אליין און ענטפערט זיך טאקי תוך כדי דבור:

— נו, עס ווענדט זיך אין דיר.

— טאמער וואלטען מיר זיך גאר דא צוגעזעצט שפיעלען אין נים? הא? וואס זאגסט דו געציל?

— טא, ביי מיר האסט דו געפועלט.

און געציל זעצט זיך צו אויף דער ערד, העט־וויט אונטערן שטאדט אויף יענער זייט מיהלען, ארויסגענומען און איבערגעצעהלט די נים, צעטהיילט זיי אויף דער האלב, גלייך אויף גלייך; אין העלפט אריינגעלעגט אין דער רעכטער קעשענע, די אנדערע העלפט אין דער לינקער קעשענע אויסגעטהון דאס היטעל, און אריינגעווארפען אהין פון דער רעכטער קעשענע עטליכע נים און א זאג געטהון צו זיך אליין:

— זיי מיינען, אז אהן זיי קען מען זיך גאר נישט בעגעהן... הער נאר אוים, געציל, אין וואס פאר א שפיעל שפיעלען מיר?

— איך ווייס? אין וואס פאר א שפיעל דו ווילסט.

— אפשר וועלען מיר שפיעלען אין „אום צי גראד?"

— ביי מיר האסט דו געפועלט.

און ער טהוט א טרייסעל מיט דער יארמאלקע און א טאך:

— אצונד טרעף! „אום" צי „גראָד"? נו, רעד ווערטער! — מאַכט ער צו זיך אַליין און טהוט זיך אַ זעץ מיט'ן עלענבויגען אין זייט אַריין און ענטפערט זיך אַליין:

— „גראָד".

— „גראָד" זאָגסט דו? ווי לאַנג שמייסט מען דיך! גיב אַהער. האָסט פערשפּיעלט דריי נים.

און ער נעהמט אַרויס פון דער לינקער קעשענע דריי נים, לעגט זיי איבער אין דער רעכטער, ווידער אַמאָל אַ טרייסעל מיט דער יאַרמאָלקע און ווידער אַמאָל אַ פרעג:

— נו, ווייטער, „אום" צי „גראָד"?

— „אום".

— „אום" זאָגסט דו? ווי לאַנג קרענקסט דו! גיב אַהער, דו האָסט פערשפּיעלט פיער נים!

און ער לעגט איבער פון דער לינקער קעשענע אין דער רעכטער פיער נים, טהוט אַ טרייסעל מיט דער יאַרמאָלקע און אַ מאַך צו זיך אַליין:

— נו אפשר וועסט דו איצט טרעפען? „אום" צי „גראָד"?

— „גראָד".

— „גראָד" זאָגסט דו? ווי לאַנג פוילען די ביינער דיינע! גיב אַהער דו פאַרך אייגער, פינף ניסלעך!

— געוואַלד, איך פערשפּיעל, שעלסט דו זיך נאָך?

— ווער איז דיר שולדיג, אַז דו ביסט אַ בהמה און טרעפסט ווי אַ בלינדער אין גרוב? נו, זאָג שוין ווייטער, זאָג: „אום" צי „גראָד"? איצט וועסט דו שוין מסתמא געווים טרעפען.

— „גראָד".

— „גראָד"? לעבען זאָלסט דו מיר אַזוי! גיב אַהער דו פערד איינער זיבען נים, און טרעף נאָך אַ מאָל: אום צי „גראָד"?

— „גראָד".

— ווידער אַ מאָל „גראָד"? איך זאָל דיך אַזוי האָבען פאַר אַ טאַטען! גיב אַהער, שלים־מזל, נאָך פינף ניסלעך, און טרעף שוין אַצונד, אפשר וועסטו חאָטש איין מאָל טרעפען: „אום" צי „גראָד"? נו, וואָס שווייגסט דו!

— איך האָב שוין נישט קיין נים.

— סאַ ליגען! דו האָסט!

— ווי איך בין אַ יוד איך האָב נישט.

— טהו נאָר אַ זוך גוט אין קעשענע אויפ'ן דנאָ! אָט אַזוי.

— נישטאָ קיין סימן אפילו!

— נישטאָ? פערשפּיעלט אַלע נים? נו? צו וואָס האָט דאָס דיר געטויגט? ביזט דו נישט קיין בהמה?

— געננג, האָסט אָבגעוואונען ביי מיר אַלע נים, רייצסט דו זיך נאָך מיט מיר?

— אַ מציה, זעהר רעכט! האָסט געוואָלט ביי מיר אָבגעווינען האָב איך ביי דיר אָפּגעוואונען.

און גויעצעל איז העכסט צופריעדען פון דער מעשה, וואָס געציל האָט פערשפּיעלט און ער, גויעצעל, האָט געוואונען; ממש ער פיהלט אַז עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד. ער פיהלט זיך איצטער בכח אָבגעווינען ביי דער גאַנצער וועלט אַלע נים. „וואו נעמט מען זיי איצטער, די חברים מיינע פון חדר? וואָלט איך זיך מיט זיי צערעכענט! איך וואָלט זיי נישט איבערגעלאָזט קיין איינציג ניסעל אפילו אויף אַ רפואה! זיי וואָלטען זיך אויסציהען ביי מיר, אַ מיתה משונה איינגעהמען דאָ אויפ'ן אָרט!"...

און געציל ווערט אין כעס, מלא רציחה, לעגט צעניף די קולאַקעס און קריצט מיט די צייהן און רעדט צו זיך אַליין, גלייך ווי ער וואָלט דאָ באמת געווען זאַלבענאַנד:

— אַ נו? פּרובט איצט זיך אָנהויבען מיט מיר! אַצונד בין איך שוין נישט אַליין! אַצונד זענען מיר שוין זאַלבענאַנד!... נו, געציל? וואָס ביסט דו געבליבען זיצען עפּיס ווי אַ חתן? לאָמיר נאָך שפּיעלען אַ ביסעל אין נים.

— אין נים? וואו האָב איך נים? איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך האָב שוין נישט קיין איינציג ניסעל אפילו.

— אַך! איך האָב גאָר פערגעסען, אַז דו האָסט שוין נישט קיין נים... ווייסט דו וואָס? איך וועל דיר געבען אַן עצה, געציל...

— דהיינו?

— געלד האָסט דו?

— איך האָב, נו איז וואָס?

— קויף ביי מיר נים.

— וואָס הייסט, איך זאָל ביי דיר קויפען נים!

— בהמה, ווייסט נישט וואָס הייסט קויפען? גיב מיר געלד, נאָ

דיר נים. הע:

— נו, מהיכא־תיתא, ביי מיר האסט דו געפועלט.

און ער נעהמט ארויס פון בייטעלע א זילבערנע גריוונע, דינגט זיך אויס פאר'ן מקח, צעהלט אפּ א פּאר צעהנדליג נים פון דער רעכטער קעשענע אין דער לינקער, און די שפּיעל הויבט זיך אן גאר איבער א ניים.

IV.

א געניטער קארטען־שפּיעלער, דערצעהלט מען, האט גערופען א האלבע שעה פאר'ן טוידט זיין זוהן אויך א קארטען־שפּיעלער, און רופט זיך אן צו איהם בזה הלשון:

— מיין קינד! איך געה אוועק פון דער וועלט, מיר וועלען זיך שוין מעהר נישט זעהן קיין מאל. איך וויים, אז דו שפּיעלסט אין קארטען, דו האסט מיין חולאת... שפּיעלען מעגסט דו וויפּיעל דו ווילסט, נאר אפּ־שפּיעלען זיך זאל דיר גאט שומר ומציל זיין.

די דאזיגע ווערטער זענען להבדיל א תורה. נישטא קיין ערגערע זאך אויף דער וועלט ווי אבשפּיעלען זיך. דאס טהוט אוים, זאגען געניטע מענשען, ביז צו דעם לעצטען העמד! דאס טרייבט אריין אין שאול תחתיה אריין, און מע קען שוין נאך דעם קיין תחית המתים נישט אויפשטעהן! אזוי זאגט די וועלט און אזוי איז געווען אויך מיט אונזער חברה־מאן. ער האט אזוי לאנג געארבייט מיט'ן היטעל „אום" צי „גראד", געלעגט פון איין קעשענע אין דער אנדערער ביז די לינקע קעשענע איז געבליבען אהן איין נים'על.

— נו, פאר וואס שפּיעלסט דו נישט?

— איך האב שוין נישט מיט וואס.

— וויעדער א מאל געבליבען אהן נים, שלים־מזל?

— דו זאגסט, איך בין א שלים־מזל, און איך זאג, דו ביזט א שולער.

— זאגסט דו נאך א מאל דאס ווארט „שולער", גיב איך דיר איבער די פּיסקעס.

— לאז דיר גאט געבען אזא זין!...

געציל בלייבט זיצען עטליכע מינוט שטיל, גראבעלט מיט די פינגער

אין דער ערד, גראָבט אַ גריבעל און ברומט שטילערהייד אַ ליעדעל אונטער דער נאָז, נאָך דעם טהוט ער אַ זאָג:

— סקוטשנע! לאָמיר שפּיעלען אין נים.

— וואו האָב איך נים?

— האָסט נאָך עפּים געלד? איך וועל דיר פערקויפען נאָך אַצעהנדליג.

— געלד? וואו האָב איך געלד? איך האָב שוין נישט אַ גראָשען!

— נישט קיין נים, און נישט קיין געלד? אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! חאַ! חאַ! חאַ!

און דער „חאַ־חאַ־חאַ" צעשיט זיך איבער'ן גאַנצען פעלד, קלינגט זיך אָפּ מיט אַ וויעדער־קול אינ'ם געדיכטען וויטען וואַלד, און געציל קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער.

— וואָס איז מיט דיר פאַר אַ געלעכטער, דו גויעציל איינער? — מאַכט ער צו זיך אַליין און טאַקי תוך כדי דבור זיך אַליין אָבגעענטפערט:

— דאָס לאַך איך פון דיר, שלים־מזל, געננג האָסט דו מיר פער־שפּיעלט אַלע נים, צו וואָס האָט דיר געטויגט נאָך נעמען און פערשפּיעלען דאָס געלד אויך, אַזוי פיעל געלד, דו שוטה בן פיקהאָלץ, אוי, איך וועל דאָס נישט אויסהאַלטען! חאַ־האַ־חאַ!

— האָסט דאָך מיך אַליין אַרויפגעפיהרט דערויף, דו רשע מרושע, דו שלעכטער יונג, דו טרפה'נער ביין!

— חכם בלילה! אַז איך זאָל דיר זאָגען אָבשניידען די נאָז, דאַרפסט מיך פאָלגען? דו פּעטאַך איינער! דו בהמה בצורת פערד! חאַ־חאַ־חאַ...

— ווער חאָטש אַנשטומט, דו גויעץ איינער, און לאָם איך דיין טרפה'נעם פרצוף נישט אָנקוקען!

און ער קערעוועט זיך אַוועק פון זיך אַליין, זיצט עטליכע מינוט אַנ'אָנגעברוגז'טער, גראַבעלט מיט די פינגער די ערד, פערשיט דאָס אויסגעגראָבענע גריבעל און זינגט שטילערהייד אַ ליעדעל אונטער דער נאָז.

V.

— ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען, געציל? — רופט ער זיך אָן צו זיך אַליין אין עטליכע מינוט אַרום: לאָמיר זיך שוין איבערבעטען, לאָמיר ווערען חבר. גאָט האָט מיר געהאָלפען, ס'האָט מיר אַזוי בעגליקט. איך

האָב געוואוּנען, קײַן עין הרע, אַזוי פיעל ניס, פאַר וואָס זאָלען מיר זיך נישט פערגינען צעקנאַקען עטליכע ניסלעך? זיי בעדאַרפען זײַן, מײַן איך, נישט שלעכט? האַ? ווי מײַנסטו, געציל? — יאָ, איך מײן אויך אַזוי, זיי בעדאַרפען זײַן נישט שלעכט — ענטפערט ער זיך אַלײן, און חאַפּט אַרײַן אין מויל אײן ניסעל, דאָס אַנדערע ניסעל, דאָס דריטע ניסעל, טהוט אַלע מאָל אַ זעץ מיט'ן האַנד איבער די צײהן, דאָס ניסעל טהוט אַ טרעטשטשע, נעהמט אַרוים אַ פּעטען יאָדער, רײניגט איהם אַרום, וואַרפט איהם אַרײַן אין מויל, און קײַעט מיט די גרויסע ווײַסע צײהן געשמאַק, חראָמקעט ווי אַ פעֶרד האָבער, און רופט זיך אָן:

— ביזט אפשר אויך אַ בעלן, געציל, אויף אַ יאָדער פון אַ ניסעל? שעם דיך נישט, זאָג!

— מהיכא־תיתי, פאַר וואָס נישט?

אַזוי ענטפערט ער זיך אַלײן, ציהט אוים די לינקע האַנד, נאָר טאַקי באַלד טהוט ער זי אַ פּאַטש מיט דער רעכטער:

— און אַ מכה ווילסטו נישט?

— לאָז דיר זײַן אַ מכה.

— לאָז דיר זײַן צוויי.

און ער הערט נישט אויף צו קנאַקען ניסלעך און קײַען די פעטע יאָדערן, חראָמקען ווי אַ פעֶרד האָבער. ס'איז איהם קאַרג, וואָס ער פרעסט און יענער זיצט און קוקט, רופט ער זיך אָן צו איהם:

— הער נאָר, געציל, וואָס איך וועל דיך פרעגען: ווי אַזוי איז דיר למשל בשעת מעשה, אַז איך עס און דו קוקסט?

— ווי אַזוי מיר איז? אַזאַ יאָהר אויף דיר!

— ע, ביזט אַ פּנים אין כעס? נאַ־זשע דיר אַ יאָדער פון אַ ניסעל.

און געציל'ס רעכטע האַנד גיט דער לינקער האַנד אַ יאָדער פון אַ ניסעל, ווײַל די לינקע האַנד נעמען דעם יאָדער פון'ם ניסעל, גיט איהם די רעכטע האַנד מחילה אַ פײַג... געהט די לינקע האַנד און טהוט אַ פּאַטש דער רעכטער האַנד; נעהמט די רעכטע האַנד און טהוט אַ פּאַטש דער לינקער האַנד; געהט די לינקע האַנד און דערלאַנגט אַ פּראַסק אין דער רעכטער באַק; געהט די רעכטע האַנד און שטעקט אָב דער לינקער באַק צוויי פּעטש; חאַפּט אָן די לינקע האַנד בײַ דער רעכטער לאָץ, נעמט די רעכטע האַנד און רײַסט אָב די לינקע לאָץ פון אויבען ביז אַראָב; געהט די לינקע האַנד און חאַפּט זיך אָן בײַ דער רעכטער פּאה, נעהמט די רעכטע האַנד און פּאַרפּאַהרט אין לינקען אויער.

— לאָז אָב די פאה, געצי, פאָלג מיך, לאָז אָב די פאה!
— לאָז אָב דעם אויער, וועל איך דיר אָבלאָזען די פאה!
— אַ מכה!
— נו, בלייבסט דו אָהן אַ פאה! געצי!
— בלייבסט דו גויעץ, אָן אַנ'אויער!
— אַי!
— אַי־אַי!!

. . . .
. . . .
. . . .

עפּילאָג.

עטליכע מינוט האָט זיך אַזוי געקאַטשעט אויף דער ערד אונזער געציל. אָט איז ער געלעגען פון אויבען מיט דער רעכטער זייט, אָט איז ער גע־לעגען פון אויבען מיט דער לינקער זייט, צוגעהאַלטען מיט ביידע הענד די קעשענע מיט ניס... אַ מינוט האָט גובר געווען גויעצעל, אַ מינוט האָט גובר געווען געציל. ביז ער האָט זיך אויפגעהאַפּט פון דער ערד אַנ'איינגע־קאַטשעטער אין בלאָטע. ווי אַ דבר אחר, אַ צעפליקטער, מיט אַ צעבלו־טיגטען אויער, מיט אַנ'אונטערגעריסענער פאה, אַרויסגעהאַפּט אַלע ניס פון קעשענע און פערוואָרפען זיי אין בלאָטע אַריין, העט־ווייט ביז אויף יענער זייט מיהל, און צוגעברומט מיט כעס:

— אָט אַזוי!... אַ מצוה!...

נישט מיר. נישט דיר!...

. . . .
. . . .
. . . .

אפערשפילטער ל״ג בעומר

א פערשפּיעלטער ל"ג בעומר.

(א מעשה פון חדר).

א.

אונזער רבי, „ניסל דער קליינער" (אזוי האט מען איהם גערופען ווייל ער איז געוועזען א קליינער) האט זיך געלאזט פיהרען ביי דער נאז פון זיינע בעהעלפערס. וואס די בעהעלפערס האבען געוואלט האבען זיי געפועלט. געקומען דער ערשטער בעהעלפער און האט געזאגט, מע דארף היינט לאזען די קינדער בעצייטענס פריי, האט ער געהייסען לאזען די קינדער פריי. געקומען דער אנדערער בעהעלפער און געזאגט: די קינדער וועלען איבערקעהרען די וועלט, מע דארף זיי האלטען אין חדר, האט ער געהייסען מע זאל זיי האלטען אין חדר. ער זאל אליין עפּיס צוקלעהרען — דאס נישט; דעריבער האבען געוועלטיגט אויף אונז די בעהעלפערס נישט דער רבי. אין אנדערע חדרים, למשל, וויסען בעהעלפערס איינוואשען די קינדער, זאגען מיט זיי ברכה, טראגען זיי אויף די פלייצעס איבער דער בלאטע, ברענגען זיי אין חדר אריין א טעפּעלע אנבייסען. ביי אונז האבען די בעהעלפערס גע־פוילט זיך איינוואשען אונז, זאגען מיט אונז ברכה, טראגען אונז אויף די פלייצעס. דערפאר האבען זיי אבער ליעב געהאט ברענגען אונז אין חדר אריין די אנבייסענס און... טאקי אליין אויפעסען. אויסזאגען דאס דעם רבי'ן האבען מיר נישט געטארט: די בעהעלפערס האבען אונז געהאלטען רעכט אין דער מורא, אונז אנגעזאגט, אז טאמער וועט עמיצער זיך דערוועגען זאגען א ווארט, א פּיפּס טהון פאר דעם רבי'ן, וועט מען איהם קאטעוועון, שינדען די הויט! איינער, א וויסער־חברה'ניק, האט זיך יא געפּרובט אמאל ארויסשפּרינגען מיט א ווארט, האבען איהם די בעהעלפערס נאך דעם אזוי געטהון, אז ער האט נעבאך געקרענקט א גאנצען זמן, פערזאגט א צעהנטען מע זאל א בעהעלפער פאר'ן רבי'ן נישט מסר'ן.

יענע צײַט קאָן מען אָנרופען מיט'ן נאָמען „גלות הבהלפרים", אָדער „בעהעלפער־גלות".

ב.

ויהי בימי „גלות־הבהלפרים" — און ס'איז געווען אין דער צײַט פון „בעהעלפער־גלות", האָט זיך געשטעלט בײַ אונז אין מאַזעפּעווקע אַ ל"ג בעומר אַ נאַסער, אַ קאַלטער, ווי עס גיט זיך אויס אַמאָל תחלת מאַי קאַלטע, נאַסע טעג. די זון טאַקי כלומר'שט באַווײַזט זיך, לײַכט און וואַרעמט; נאָר אַ שאַרפער ווינד בלאָזט ערגיץ פון ווײַטען, טראָגט אָן חמאַרעס, רײַסט בײַ די פּאָלעס, וואַלגערט פון די פיס—גאָרנישט פּאַחאָזשע אויף ווּעסנע...

האָט זיך פערגלוסט גראָד דאַמאָלס אונזערע בעהעלפערס מיר זאָלען מאַכען אַ שפּאַציר ל"ג בעומר אונטער'ן שטאָדט און אַרויסגעהן אויף מלחמה, ווי דער מנהג איז בײַ יודישע קינדער, מיט שווערדען און מיט פײַלענבויגענס און מיט צדה לדרך, אַלערלײַ גוטע שפּײַזען אין וועג אַרײַן.

ס'איז אַ מנהג בײַ יודישע קינדער פון קדמונים, אַז עס קומט ל"ג בעומר, ווערט מען מלחמה'דיג: מע וואָפּענט זיך אָן פון קאָפּ ביז פיס מיט כלי זיין, הילצערנע שווערדלעך, ראָדביקס־לעך און פײַלענבויגענס. מע נעמט מיט עסענוואַרג אין וועג אַרײַן און מע געהט אַרויס אויפ'ן פרײַען פעלד כלומר'שט אויף מלחמה. יודישע קינדער, וואָס זיצען נעבאַך אַ גאַנץ יאָהר פערשפּאַרט אינ'ם ענגען פינסטערן חדר אונטער דעם יאָך פון דער תורה, אונטער דער מורא פונ'ם רבי'ן און אונטער די קאַנטשיקעס פון די בעהעלפערס, אַז עס קומט ל"ג בעומר און זײ געהען אַרויס אויפ'ן פרײַען פעלד אָנגעוואָפּענט פון קאָפּ ביז פיס מיט די הילצערנע שווערדלעך, ראָדביקסלעך און פײַלענבויגענס, מאַ'לט זיך זײ אויס אַז זײ זענען גבורים, וואָס קאָנען אײַננעמען דעם שטאַרקסטען שונא, חרוב מאַכען די וועלט — און זײ בעקומען מיט אַמאָל קוראַזש. און „חברה" הויבט אָן מאַכען גרויסע שפּאַנען און זינגען ליעדלעך, מאָדנע ליעדלעך, האַלב יודיש, האַלב גוי'עש:

ראַז דוואַ טרי טשעטירע!
יודישע קינדער
לערנען תורה,
גלויבען אין וואונדער

האָבּען נישט מורא.
שמע ישראל נימשעוואָ,
גיע באָימסיא ניקאַיואָ,
קראָמיע באָגאַ אָדנאַוואָ...

און מיר האָבּען געטהון ווי דער מנהג איז: אַראָבּגענומען אונזער׳ע פֿאַראַיאָהריגע הילצערנע שווערדלעך פֿונ׳ם בוידעם, און פֿייַלענבויגענס האָבּען מיר אָנגעצויגען אויף רייפֿלעך פֿון פּסח׳דיגע וויין־פֿעסלעך, און ראָדבּיקסלעך האָבּען אונז געשאַפֿט די בּעהעלפֿערס, געוועהנטליך פֿאַר געלד, נאָר אַזעלכע ראָדבּיקסלעך קונציגע, וואָס מע קען שיסען מיט זיי אַ פֿליג, ווען זי זאָל נאַפּשיקלאַד ווערען שטעהן און וואַרטען בּיז מע וועט איהר שיסען... ובדומה נאָך אַזעלכע מינים כלי זיין, יודיש געוועהר, וואָס מע קען מיט זיי איבּערשרעקען אויף טויט קלײנע זויגעדיגע קינדער. און מיט אָנבּייסען האָבּען מיר זיך פֿערזאָרגט נישט אויף קאַטאָוועס, — איטליכער מיט וואָס גאָט האָט איהם געבּענטשט און מיט וואָס די מאַמע האָט איהם בּעוויליגט פֿון איהר בּרייטע האַנד, און מיר זענען געקומען דעם טאָג פֿון ל״ג בעומר אין חדר אַריין אָנגעוואָפּענט פֿון קאָפּ בּיז פּיס און מיט פֿולע קעשענעס פֿון כל טוב, וואָס אַ מויל קען רעדען: בּולקע, און קיכעל, און אייער, און שמאַלץ, און בּראָנפֿען, און ווישניק, און פֿערטרען עוף, און שטיקער קאַטשקע, און פּיפּקעלעך, און לעבּערלעך, און טיי מיט צוקער מיט ניס מיט מאַראַנצען מיט אײנגעמאַכטס, און אויך מיט מזומנע גראָשענס — איטליכער פֿון אונז, האָט זיך געוואָלט אויספּייַנען. בּרענגען וואָס מעהר און וואָס בּעסער, יוצא זיין פֿאַר די בּעהעלפֿערס... און די בּעהעלפֿערס האָבּען אונז געטריבּט, געזאָגט אַז מיר זענען וואַהלע, אויסגעצייכענטע יונגלעך. צענויפֿגענומען אונזערע גוטע שפּייַזען צו זיך אין די טאָרבּעס אַריין, און אונז האָבּען זיי אויסגעשטעלט שורות־ווייַז, ווי מע שטעלט אויס חיל און האָבּען אַ קאָמאַנדעווע געטהון:

— נעמט זיך, יודישע קינדער, פֿאַר די הענד און מאַרש איבּער דער בּריק גלייַך אַהין אויף מעזשריטשער פּלאַץ. דאָרט וועט איהר זיך בּעגעגענען מיט די ים־קאָטערס און דאָרט וועט מען זיך שלאָגען!

הוררא ים־קאָטערס! — האָבּען מיר אויסגעשריגען אַלע אין איין קול און האָבּען זיך גענומען פֿאַר די הענד און האָבּען זיך ראַפּטאָם אַ לאָז געטהון אין וועג אַריין שטאַרק האָפֿערדיג און זיכערליך — ווי אמת׳ע גבורים.

ג.

די ים-קאַטערס—אַזוי האָבען מיר גערופען די דרדקי תלמידים דער-פאַר וואָס זיי זענען געווען קינדער קליינע, קורצע, אלף-בית-יונגלעך, און האָבען אויסגעזעהן קעגען אונז, חומש-בחורים, ווי פליגען, ווי מערעש-קעס. עס האָט זיך אונז אויסגעוויזען, אַז מיט איין בלאָז — פו! — מאַכען מיר פון זיי אַ תל. מיר זענען געווען בטוח, אַז זיי וועלען נאָר אונז דער-זעהן ווי מיר זענען אָנגעוואָפּענט פון אויבען ביז אַראָב מיט שווערדען, פייל-ענבויגענס און ראָדביקסלעך, וועלען זיי געוויס חאַפּען די פיס אויף די פּלייצעס און וועלען געוויס מאַכען פּליטה. אַ קלייניגקייט אַזעלכע גבורים, חומש-בחורים, וואָס אַלע יונגלעך פון די דרדקי חדרים האָבען געציטערט פאַר אונז אימת-מות, מורא געהאַט אַריינטרעטען אין אונזערע ד׳ אַמות; איהר שפּיעלט זיך מיט חומש-בחורים, ווערגעלעסען, מיט לאַנגע פיס?!...

שלאָגען מיט די ים-קאַטערס האָבען מיר זיך אייגענטליך קיין-מאָל ניט געשלאָגען; נאָר על פי סברא האָבען מיר גערעכענט און געווען איבערצייגט, אַז מיט׳ן קוק מאַכען מיר מיט די דאָזיגע קליינע ווערימקעס אַ פאַרלענדונג, אַ סוף, אַ תל-עולם. חוץ וואָס מיר וועלען זיי גוט איינ-טיילען, אָנבּרעכען אויף אַלע ז ײַ ט ע ן, וועלען מיר נאָך נעמען ביי זיי רויב, דאָס הייסט מיר וועלען זיך צוטיילען מיט זייערע אָנבייסענס און לאָזען זיי אונז לאָדען צום ונתנה תוקף.

און פאַר גרויס קוראַזש און התפעלות פון זיך אַליין און פון אונזער כח האָבען מיר זיך איינס דאָס אַנדערע אונטערגעשטופּט. דערלאַנגט אַלע מאָל אַ שטורך אין די פּלייצעס אַריין און אַ פּליאַסק פון אונטען, און אַגב האָבען אונז טאַקי אונטערגעטריבען די חברה בעהעלפערס מיר זאָלען געהן אַ ביסעל גיכער:

— וואָס קריכט איהר ווי די וואַנצען? — האָבען זיי צו אונז געזאָגט און אַליין האָבען זיי זיך אַלע מאָל אָבגעשטעלט. אויפגעבונדען די טאָר-בעס און פערזוכט די אָנבייסענס, שטאַרק געלויבט אונזערע מאכלים מיט אינזער ווישניק:

— אויסגעצייכענטער ווישניק! — האָבען זיי געזאָגט, איבערגעגעבען איינער דעם אַנדערן דאָס פלעשעל און געבולקעט בול-בול-בול פונ׳ם העלזעל גלייך אין מויל אַריין.

— איין אַנטיק פון ווישניק! הערט איהר? טאַקי גאָר אַ תּיפּוּר! — — —

אזוי האָבען געזאָגט די חברה בעהעלפערס, געלעקט די פינגער און שטאַרק אָבגעשטאַנען פון אונז, בעוויזען אונז פון דער ווייטען מיט די הענד מיר זאָלען געהן ווייטער! ווייטער!...

און מיר זענען געגאַנגען ווייטער און ווייטער איבער דעם גרויסען מעזשריטשער פלאַץ, האָטש דער ווינד האָט געבלאָזען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער. דער הימעל האָט זיך רעכט פערחמאַרעט און אַ געדיכט קאַלט, רעגענדיל האָט געשמיסען גלייך אין פנים אריין. פאר קעלט האָבען אונז די הענד געדראַלען, געוואָרען בראָן און בלוי, און די שטיוועלעך האָבען זיך צעווייקט, געקוואַטשקעט אין דער בלאָטע. ליעדלעך האָבען מיר שוין לאַנג אויפגעהערט זינגען, און געפיהלט האָבען מיר זיך מיד און הונגעריג. זעהר-זעהר הונגעריג, און ס'איז געבליבען מיר זאָלען זיך ערגיץ צוזעצען אויף אַ ווילע אָפּרוהען זיך און טאַקי אין איין וועגס עפּיס איבערחאַפּען, נעמען אין מויל אַריין.

— וואו זענען דאָס אונזערע בעהעלפערס? — האָט זיך אָנגערופען איינער פון אונז.

— חאַפּט דער רוח די בעהעלפערס! די אָנבייסענס, די אָנבייסענס וואו זענען?...

און דער עולם האָט שטאַרק אָנגעהויבען צו מורמלען אויף די בעהעלפערס: „אַ בעלנות צונעמען אלע אונזערע פּיפּקעס מיט אַלע אונזערע לעבערלעך מיט די קיכלעך מיט די אייער מיט'ן ביסעל ווישניק מיט די מזומנע עטליכע גראָשענס און אונז איבערלאָזען דאָ אַליין אויפ'ן פוסטען פלאַץ, אויף דער קעלט, הונגעריג, פערחאַפּט מעגען זיי ווערען!"

— אַ מיתה משונה זאָל קומען אויף אונזערע בעהעלפערס!

— אַ חלירע זאָל קומען אויף אַלע בעהעלפערס פון דער גאַנצער וועלט!

— די כפרה זאָלען זיי זיין פאַר אונזער מינדסטען נאָגעל!

— שאַ! שטיל זאָל זיין! אָן געהט אונזער שונא! אונזער פיינד.

— קליינע וועווריקעס מיט גרויסע שטעקענס!

— די ים־קאָטערס! די ים־קאָטערס!

— הוררראַ ים־קאָטערס!...

און ווי מיר האָבען זיי דערזעהן אזוי האָבען מיר זיך אַ לאָז געטהון צו זיי, ווי די בייזע הונגעריגע וועלף, גרייט געווען זיי דורס זיין, צעררייסען אויף שטיקלעך. נאָר — — — עס האָט זיך געטראָפען מיט אונז איין אומגליק,

אַ גרויסער אומגליק, וואָס קיינער האָט דאָס בשום אופן נישט געקאָנט אַרויסזעהן פריהער...

אַז ס'איז נישט בעשערט, העלפען נישט קיין חכמות מיט קיין גבורה מיט קיין בריה'שאַפטען. הערט אַ מעשה, וואָס עס קאָן זיך טרעפען.

ד.

די ים-קאַטערס, חאָטש זיי זענען קליינע קורצע וועוויקלעך, אַלף-בית-יונגלעך, נאָר אַ פנים נישט קיין נאַרישע יונגלעך: איידער זיי זענען אַרוים צו אונז אַקעגען אויפ'ן פעלד, אויף דעם גרויסען מעזריטשער פלאַץ אויף מלחמה, האָבען זיי זיך אין דערהיים פריהער גוט צוגעלערנט, געמאַכט רעפעטיציע הייסט עס... מיטגענומען מיט זיך וואַרעמע מלבושים'לעך מיט גומענע קאַלאָשען; אָנגעוואָפענט זיך פון קאָפּ ביז פיס נישט ערגער פון אונז און אפשר נאָך בעסער פון אונז... אויך מיט שווערדלעך און מיט פיילענבויגענס און מיט ראָדביקסלעך, און האָבען גאָרנישט געוואָלט וואַרטען ביז מיר וועלען אָנפאַלען אויף זיי, נאָר זיי זענען בעסער אָנגעפאַלען אויף אונז, און האָבען אונז גענומען ברעכען די ביינער—ווי אַזוי מיינט איהר אַ שטייגער? פון אַלע זייטען און אַזוי געשמעיה'דיג, אַז מיר האָבען נאָר קיין צייט נעהאַט אפילו זיך אַרומקוקען, וואו מיר זענען אין דער וועלט, גאָרנישט בעמערקט תחילת אַז זיי געהען אויף אונז נישט אַליין נאָר מיט זייערע בעהעלפערס, וואָס האָבען זיי אונטערגעגעבען היטץ:

— רעכענט זיך מיט די חומש-בחורים! קלאַפט זיי, די ווערגעלעסען מיט די לאַנגע פיס!

ס'פערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען אויך נישט געשוויגען. ווי די גבורים האָבען מיר זיך געשטעלט אַקעגען די קליינע וועוויקעס, געבראַכט זיי מיט די שווערדלעך, אָנגעצויגען די פיילענבויגענס און אָנגעשטעלט אויף זיי די ראָדביקסלעך. נאָר — אוי ווע־ה! — אונזערע שווערדלעך זענען געווען טומפּ ווי האָלץ, און ביז מיר האָבען זיך אַ ריהר געטהון מיט די פיילענבויגענס האָבען מיר שוין אָנגעהויבען חאַפּען קלעפּ ווי האָלץ... פון די ראָדביקסלעך שמועסט מען נישט: וואָס קאָן מען טהון מיט אַ ראָדביקסעל אַז דער שונא וויל נישט וואַרטען ביז מע וועט איהם אַמאָל טרעפען, און פליהט אונטער און שלאָגט דאָס אייך אַרויס פון די הענד — און געהט

טהוט איהם עפּים!

שלעכט. מיר האבען געמוזט אויעקוואַרפען דאס גאַנצע כלי זיין: די שווערדלעך מיט די פייַלענבויגענס מיט די ראָדביקסלעך און נעמען זיך צום געשלעג ווי גאָט האָט געבאָטען, דאָס הייסט, מיר האָבען אָנגעהויבען אַרבייטען פּשוט מיט די הענד, מיט די קולאַקעס. דער חסרון איז אָבער געווען וואָס מיר, אויסגעמידטע, אויסגעהונגערטע און איבערגעפרוירענע האָבען זיך געשלאָגען אָהן אַ טאָלק, אָהן אַ פּלאַן און אָהן אַ שום איבערהאַר, וואָרום אונזערע בעהעלפערס זענען דאָך געבליבען פון הינטען: זיי זענען מחילה געווען אונטערען גלעזעל און טאַקי שטאַרק בגלופין פון אונזער ביסעל ווישניק, פערחאַפּט זאָלען זיי ווערען!... און זיי, די קליינע ווערויקעס, גוט אָנגעטהון און רעכט פערביסען, זענען געקראָכען גלייך אויף אונז פון דריי זייטען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער, געשאָטען אויף אונז קלעפּ מיט קולאַקעס מיט בוכענציס; טאַקי די זעלבינגע „בוכענציס" וואָס מיר האָבען גערעכענט איינטיילען זיי האָבען זיי אונז איינגעטיילט... און זייערע בעהעלפערס זענען געגאַנגען דוקא אויף צו־פריהער און האָבען נישט אויפגעהערט אונטערצוגעבען זיי היץ:

— רעכענט זיך מיט די חומש־בחורים, קלאַפּט זיי, קלאַפּט זיי, די ווערגעלעסען מיט די לאַנגע פּיס!...

ווער איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויסגעדרעהט מיט'ן הינטען צום פייַנד? — דאָס איז שווער צו זאָגען. איך ווייס נאָר, אַז מיר זענען געלאָפען, שטאַרק געלאָפען — הענדום פּענדום — צוריק אַהיים, אַ היים, קיין מאַזעפּעוויקע; און זיי, די קליינע ווערויקעס, נישט געדאַכט זאָלען זיי ווערען, זענען אונז נאָך־געלאָפען משוגענער־ווייז, געהוקעט און געטיוקעט און נישט אויפגעהערט צו לאַכען און צו שרייען אונטער אונזערע פּלייצעס:

— הוררא, חומש־בחורים! הוררא, ווערגעלעסען!! — — — — —

ה.

נעקומען אַהיים מידע, הונגעריגע, שלעפעריגע, אָבגעריסענע, אָבגעשליסענע, צעשלאָגענע, צעהרג'עטע, האָבען מיר, גבורים, גערעכענט, אַז טאַטע־מאַמע וועלען געווים לעגען אויף אונז רחמנות, שענקען אַ לעקעכעל פאַר די קלעפּ וואָס מיר האָבען געחאַפּט. צום סוף לאָזט זיך

אוים אַז מיר האָבען געלעבט אין טעות: מע האָט אונז אין זינען געהאַט אין דער לינקער פּיאַטע. דאַנקען גאָט, מיר זענען אַרוים גליקליך אָהן פּעטש פאַר די צעריסענע קאַפּאָטקעלעך און פאַר די אויסגעדרעהטע שטיוועלעך, פון דער מאַמע בעזונדער און פונ'ם טאַטען בעזונדער. און ערשט אויף מאָרגען האָט אונז רעכט מכבד געוועזן דער רבי, ניסל דער קליינער פאַר די ביילען וואָס זענען געשטאַנען ביי אונז אויף די שטערנס, און פאַר די בלויע לאַנטערנעס וואָס אונטער די אויגען. מע האָט אונז — ס'איז אַ בזיון צו דערצעהלען — אַנידערגעלעגט אייניציגווייז און דוקא מיט'ן פּנים אַראָב און מע האָט אונז אַריינגעציםבעלט מחילה אַהין וואו עס דאַרף צו זיין. דאָס הייסט נאָט אייך אַ פערבייסונג טאָמער איז קאַרג!... אונז האָט אָבער אויף קיינעם אַזוי נישט פערדראָסען, ווי אויף די בעהעלפערס אונזערע, ימח שמם וזכרם! טאַטע=מאַמע אַז זיי בעשטראָפען אַ קינד טהוען זיי דאָס אפשר מחמת געטריישאַפט. אַ רבי לעגט אַוועק און שמייסט אָב מיט'ן קאַנטשיק — דערויף איז ער אַ רבי און דערויף איז דאָס אַ קאַנטשיק... אָבער די בעהעלפערס, ימח שמם! נישט גענוג זיי האָבען אויפגעפרעסען אונזערע אַלע אָנבייסענס, אויסקרענקען זאָלען זיי דאָס נאָר, רבונו של עולם! נישט גענוג זיי האָבען איבערגעלאָזט אונז איינע אַליין אין מיטען פעלד אויף גאָטס בעראָט, האָבען זיי אונז בשעת שמייסען נאָך צוגעהאַלטען מיר זאָלען נישט דריגען מיט די פיס!...

* *

*

אָט אַזוי האָט זיך אויסגעלאָזט אונזער יענער ל"ג בעומר. דאָס איז געוועזן אַ וויסטער, אַ פינסטערער, אַ פערשפּילטער ל"ג בעומר.

גזלנים.

גַזְלָנִים.

אַיין אויסערגעוועהנליכע, נאָר אַיין אמת'ע מעשה פונ'ם חדר, ווי אַזוי תלמידים האָבען זיך אָבגערעכענט מיט אַרבי'ן.

דערצעהלט לכבוד ל״ג בעומר.

א.

— ער פּאָפט נאָך?

— נאָך אַמין פּאָפּען!

— טפו זאָל ער ווערען!

— וועקט איהם אויף! וועקט איהם אויף!

— לייב־דרייב־אָבדירעק!

— שטעה אויף, מיין פויגעלע!

— עפען אויף דיין אויגעלע!

קוים וואָס איך רייס דורך די אויגען, הויב אויף דעם קאָפּ, קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען און דערזעה אַ גאַנצע חאַליאַסטרע ווייסע־חברה'־ניקעס, מיינע חברים פונ'ם חדר. דאָס פענסטער איז אָפען און צוזאַמען מיט זייערע גלאַנצענדיגע אויגעלעך רייסען זיך אַריין מיט אַ פרייד און מיט אַ געלעכטער די ערשטע שטראַהלען פון דער ליכטיגער וואַרעמער פריה־מאָרגענדיגער זון. איך קוק מיך אַרום אויף אַלע זייטען.

— זעהט נאָר, ווי ער קיקט!

— ווי אַ זינדיגער מענש!

— האָסט אונז נישט דערקענט?

— האָסט פערגעסען אַז מיר האָבען היינט ל״ג־בעומר?

אַך! ל״ג־בעומר?... ווי אַ בליץ פליהט דורך דאָס וואָרט איבער

אַלע מײַנע אברים. עס טהוט מיך אַ בריה און אַ טראָג אויף פון בעט, אין איין כהרף עין בין איך אויף די פיס. נאָך אַ מינוט בין איך אַנ'אָנגעטהו־נעגער, אַנ'איינגעוואַשענער, אַ פערטיגער און זוך אויף די מאַמע. זי איז פערטראָגען מיט'ן אָנבײַסען און מיט די קלענערע קינדער.

— מאַמע, הײַנט איז ל״ג־בעומר.

— אַ גוט יום־טוב דיר. וואָס זשע ווילסטו?

— זאָלסט מיר געבען צושטײַער אויף דער סעודה.

— וואָס זאָל איך דיר געבען? מײַנע צרות? צי מײַנע ווייטיגען?

אַזוי זאָגט צו מיר די מאַמע און איז גרייט פון דעסטוועגען מיר געבען צושטײַער אויף דער סעודה. מיר דינגען זיך אַפילו: איך וויל וואָס מעהר; זי גיט מיר וואָס ווינציגער. איך וויל צוויי אייער; זאָגט זי: אַ קרענק אין די ביינער. הויב איך אָן מיט בייזען. שענקט זי מיר צוויי טיש. ווייַן איך. בעט זי מיך איבער מיט אַנ'עפּעל. וויל איך אַ מאַראַנץ. זאָגט זי: טרפה'נער האַלז, וואָס נאָך ווערסט דו אויסטראַכטען?

און מײַנע חברים פון יענער זײַט פענסטער זעצען די נשמה:

— ווערסט אַ מאָהל געהן, צי נײַן?

— לייב־דרייב־אָבדירעק!

— דער טאָג שטעהט נישט!

— גיכער! גיכער!

— ווי אַ וויכער!

מיט גרויסע צרות קום איך דורך מיט דער מאַמע, חאַפּ דעם אָנבײַ־סען מיט מײַן חלק צושטײַער אויף דער סעודה און לויף אַרויס אַ פרישער, אַ לעבעדיגער, אַ פרעהליכער צו מײַנע חברים אין ליכטיגען וואַרעמען אין דרויסען אַרויס, און אַלע אין־איינעם לאָזען מיר זיך באַרג־אַראָב אין חדר אַרײַן.

ב.

אין חדר איז אַ טומעל, אַ יריד, אַ געשריי ביז'ן הימעל. צוויי צעהנ־דליגג העלזער רעדען אַלע אויף איין מאָל. דער טיש איז פול מיט כל־טוב. אַזאַ סעודה, ווי הײַנטיגען ל״ג־בעומר, האָבען מיר נאָך נישט געהאַט קיין מאָל נישט. אַ סעודה מיט בראָנפען און מיט ווײַן. דאָס האָבען מיר צו פערדאַנקען אונזער חבר בעריל־יאָסעל דעם ווײַנערס. אַ פלעשעל בראָנ־

פעֶן האָט עֶר געֶבּראַכט צו טראָגעֶן, גוטעֶן בּראָנפּעֶן. און צוויי פּלעֶש־לעֶך ווײַן האָט עֶר אויך געֶבּראַכט צו טראָגעֶן, אמת׳ן ווײַן, ווימאָ־ראָזיג, יאָכעֶל דעֶם ווײַנעֶר׳ס אייגעֶנעֶ אַרבּייט. דעֶם בּראָנפּעֶן — דאָס האָט איהם דעֶר טאַטעֶ געֶגעֶבּעֶן, און די צוויי פּלעֶשלעֶך ווײַן האָט עֶר אַליין גענומעֶן.

— וואָס הייסט אַליין גענומעֶן?

— וואָס פעֶרשטעֶהסט דו נישט, גוי׳עֶשעֶר קאָפּ? גענומעֶן פון דעֶר פּאָליצעֶ שטילעֶרהייד, אַז קיינעֶר זאָל נישט זעֶהן.

— סטײַטש! הייסט דאָך עֶס גע׳גנבה׳ט.

— חכם בלילה! נו, איז וואָס?

— וואָס הייסט, איז וואָס? נו, און „לא תגנוב״?

— צוליעב יום־טוב׳דיגעֶר סעודה, בּהמה?

— איז אַ מצוה גנבה׳נעֶן?

— אודאי! וואָס זאָגט איהר אויף דעֶם חכם פון דעֶר מה־נשתנה?

— וואו שטעֶהט עֶס?

— עֶ! וויל, איהר זאָלט איהם זאָגעֶן, וואו סעֶ שטעֶהט?

— זאָגט איהם, אַז סעֶ שטעֶהט אין ספר פּראַלניק.

— אין פּרק „ויקח״.

— דף למד בּים־בּאָם!

— ראש־חודש קרעֶמעֶניץ.

— חאַ־חאַ־חאַ!

— שאַט, קינדעֶר, מאָזעֶפּאַ געֶהט!

מיט אַ מאָל ווערד שטיל, ווי צו דעֶר שטילעֶר שמונה־עשרה. אַלעֶ זיצעֶן מיר אַרום טיש, ווי די סטאַטקעֶס, ווי די נעֶבּאַכלעֶך, שטילעֶ, גאָל־דעֶנעֶ קינדעֶר, קאָנעֶן קיין צוויי נישט צעֶהלעֶן, גאָט די נשמה שולדיג.

ג.

מאָזעֶפּאַ — אַזוי הייסט דעֶר רבי אונזעֶרעֶר. דאָס הייסט דעֶר אמת׳עֶר נאָמעֶן זײַנעֶר איז גאָר בּרוך־משה, נאָר מחמת עֶר איז אַראָבּגעֶקומעֶן צו אונז נישט לאַנג פון מאָזעֶפּעֶווקעֶ, האָט איהם די שטאָדט אַ נאָמעֶן געֶגעֶ־בּעֶן „דעֶר מאָזעֶפּעֶווקעֶר״, און מיר חדר־יונגלעֶך, האָבּעֶן איהם פעֶרקירצט

און ס'איז געוואָרען פון „מאַזעפּעווקער" „באַזעפּאַ". איבריגענס, תּלמידים אַז זײַ קרוינען אַ רבי'ן מיט אַזאַ שעהנעם נאָמען, האָט ער דאָס מסתּמא כּשר פערדיענט. לאָם איך איהם פאָרשטעלען:

אַ קלײנס, אַ טרוקענס, אַ דאַרס, אַ פערזועהעניש, איהר זאָלט זאָגען — אַ סימן פון אַ באָרד צי פון וואָנסעס צי פון ברעמען. נישט, חלילה, מחמת ער גאָלט זײַ, נאָר גלאַט אַזוי, זײַ ווילען נישט וואַקסען. זײַ האָבען זיך אָנגעוועדט. דערפאַר אָבער האָט ער אַ פּאָר ליפּען און אַ נאָז, אַי אַ נאָז! אַ קוילעטיש, אַ האָרן, אַ שופר. און אַ קול האָט ער, ווי אַ גלאָק, אַ שאגת ארי, ברומט ווי אַ לײב! פון וואַנען נעמט זיך צו אַזאַ מין בעשעפעניש אַזאַ מורא'דיגע געמבע? און כח ווי נעמט זיך צו איהם אַזוי פיעל? אַז ער נעמט אײַך אָן מיט די דאַרע קאַלטע פינגער בײַ דער האַנד, דערזעהט איהר יענע וועלט, און אַז ער לאָזט אײַך אַראָב אַ פּאַטש, פיהלט איהר איהם דרײַ מעת-לעת דורכאַנאַנד. לאַנג שמועסען מיט אײַך האָט ער פײַנט. פאַר דער מינדסטער זאַך, שולדיג נישט שולדיג, איז בײַ איהם אײן משפּט: לעג זיך!

— רבי! יאָסעל-יעקב-יאָסעל'ס האָט מיר אַ זעץ געטהון.

— לעג זיך!

— רבי, ס'אַ ליגען, ער האָט מיר פריהער דערלאַנגט מיט דער פוס גלײַך אין זײַט אַרײַן...

— לעג זיך.

— רבי, חיים-בעריל-לאַפּעס האָט מיר אַרויסגעשטעלט אַ צונג...

— לעג זיך!

— רבי, שקר וכזב, אדרבא, ער האָט מיר געשטעלט אַ פײַג...

— לעג זיך!

און איהר מוזט זיך לעגען. עס וועט אײַך נישט העלפען קײן זאַך. אפילו אלי דער רויטער, וואָס איז שוין אַ בר-מצוה יונגעל, און אַ חתן, און טראָגט אַ זילבערנעם זײגער, נו, מײנט איהר, אַז ער ווערט נישט געשמיסען? אָהאָ נאָך אַ מין! אלי זאָגט: אַז אַט דאָס שמײַסען, וואָס ער שמײַסט זיך, וועט איהם אויספאַלען באָקאָם. ער וועט זיך מיט איהם אַמאָל, זאָגט ער, אָברעכענען, מיט מאַזעפּען אַזוי, אַז ער וועט איהם, זאָגט ער, האָבען צו געדענקען אויף קינד'ס-קינדער! — אַזוי זאָגט אונז אלי אַלע מאָל נאָך די שמיץ, און מיר געבען איהם צו:

— אָמן הלואי, פון דײַן מויל אין גאָט'ס אויערן.

ד.

אָבגעדאַווענט מיטן רבי׳ן, ווי דער שטייגער איז (אַליין דאַווענען לאָזט ער אונז נישט, ער ווייסט, אַז אָהן איהם װעלען מיר העכער האַלב איבערהיפּען), רופט זיך אָן צו אונז מאַזעפּאַ מיט זיין לייבען־שטימע:

— נו, קינדער, אַצונד וואַשט אייך און זעצט אייך צו דער סעודה, און נאָכ׳ן בענטשען וועל איך אייך לאָזען פריי אויפ׳ן שפּאַציער.

מיר זענען אַפילו געוואָהנט ל״ג־בעומר צו מאַכען די סעודה אויף יענער זייט שטאָדט, אויף דער פרייער לופט, אויף דער הוילער ערד, אונטער גאָט׳ס הימעל, וואַרפען די פויגעלעך ברעקלעך ברויט, לאָזען זיי אויך וויסען, אַז ס׳איז ל״ג־בעומר אויף דער וועלט. נאָר מיט מאַזעפּען מאַכט מען נישט קיין לאַנגע מחזקות. מאַזעפּאַ, אַז ער זאָגט: „זעץ דיך“ — דאַרף מען זיך זעצען, אַ נישט קאָן ער הייסען זיך לעגען...

— ברוכים היושבים! — זאָגט אונז דער רבי נאָך־דעם, ווי מיר האָבען געמאַכט המוציא.

— קומט מיט עסען — זאָגען מיר איהם פון יוצא וועגען.

— עסט געזונד — מאַכט ער צו אונז. — עסען וויל איך נאָך נישט, נאָר שהכל נהיה בדברו וואָלט איך, מהיכא־תיתי, אפשר מאַכען. וואָס איז דאָס ביי אייך דאָרטען אין פלעשעל? בראָנפען? — זאָגט ער און ציהט אוים די טרוקענע האַנד מיט די דאַרע פינגער צום פלעשעל בראָנפען און גיסט זיך אָן אַ גלעזעל, פערזוכט און פערקרימט זיך מיט די ליפען אַזוי, אַז מיר זענען שטאַרקער פון אייזען, וואָס מיר שיסען נישט אוים קיין געלעכטער.

— וועמענס איז אַזאַ האַרבע זאַך? — פרעגט ער און נעמט נאָך אַ ביסעל. נישט קיין שלעכט ביסעל משקה, כ׳לעבען. — און נעמט נאָך אַ ביכעל און טרינקט צו אונז לחיים.

— לחיים, קינדער, גאָט זאָל געבען, מיר זאָלען דערלעבען איבער אַ יאָהר און... און... און נישטאָ ביי אייך, וואָס צו איבערהאַפּען, פערבייסען? מילא, איך וועל זיך שוין וואַשען און לכבוד ל״ג־בעומר שוין מיט אייך אינאיינעם עפּיס צובייסען...

וואָס איז דאָס געוואָרען מיט אונזער רבי׳ן? גאָר נישט דער מאַזעפּאַ! אויפגעלעגט, בערעדעוודיג, די בעקלעך פערצוויקעלט, די נאָז רויט און די אויגען גלאַנצען. ער קייעט און רעדט און וויזט אויף די פלעשלעך ווימאַראָזיג.

— וואָס איז דאָס דאָרט בײַ אײַך? פאַר אַ ווײַן? פסח'יִגער, אַ פּנים? (זײַער פערזויבט, ציִהט אויס די ליפּען) פּססס! אײַן חריפות אין דער וועלט! (טרינקט) שוין לאַנג נישט געטרונקען אַזאַ ווײַן, כ'לעבען! (צו יאָסעל דעם ווײַנער'ס זוהן מיט אַ געלעכטערל) אַ רוח אין דײַן טאַטענס קעלער אַרײַן, חע=חע! פאַרהאַן בײַ איהם, האָב איך געזעהן, פעסלעך אַהן אַ שיעור פעסלעך, על הגפן ועל פרי הגפן, און דווקא פון רײַנע ראָזינקעס, חע=חע! לחיים, קינדער!... לאָז גאָט געבען, איהר זאָלט זײַן ערליכע פרומע יודען און איהר זאָלט... איהר זאָלט... אויפעפענען דאָס צווײַטע פלעשעל... נעמט צו קאַפּעלעך, פאַר וואָס נעמט איהר נישט? און טרינקט לחיים; לאָז גאָט געבען, אַז... (ער בעלעקט זיך און די אויגען קלעבען זיך איהם) אַז... אַז... אַלדעם גוטס מיט כל ישראל...

ה.

אָבגעגעסען און אָבגעבענשט מזומן, רופט זיך אָן צו אונז מאַזעפּאַ און די צונג בעת־מעשה פלאָנטעט זיך בײַ איהם:

— האָבען מיר, הײַסט עס, מקיים געווען, הא? די מצוה פון סעודת ל"ג־בעומר. נו, און ווײַטער? הא?

— ווײַטער וועלען מיר געהן אויפ'ן שפּאַציר.

— הא? אויפ'ן שפּאַציר? אויסגעצײַכענט, למשל, וואוהין?

— אין שוואַרצען וועלדעל אַרײַן.

— הא? אין שוואַרצען וועלדעל? אויסגעצײַכענט גוט! איך געה אויך מיט אײַך. אין אַ וואַלד שפּאַצירען געהן איז זעהר גוט, זעהר געזונר, מחמת אַ וואַלד... הא? אַט וועל איך אײַך געבען צו פערשטעהן דעם שכל פון אַ וואַלד...

און מיר לאָזען זיך געהן אַלע מיט'ן רבי'ן אונטער דער שטאָדט. תחלת איז אונז אַביסעל פריקרע, וואָס דער רבי געהט מיט אונז, נאָר פּתח שין שאַ! און דער רבי געהט אין מיטען, מאַכט מיט די הענד און גיט אונז צו פערשטעהן דעם שכל פון וואַלד:

— די טבע פון וואַלד, פערשטעהט איהר מיך, דאָס הײַסט, דער אויבערשטער האָט איהם שוין אַזוי בעשאַפען, אַז ער זאָל זײַן פול מיט בוימער, און אויף זײ, אויף די בוימער הײַסט דאָס, זאָלען זײַן צווײַגען,

און די צווייַגען זאָלען זיין בעוואַקסען מיט בלעטלעך, גרינע הייסט דאָס און זיי זאָלען שמעקען, די בלעטלעך הייסט דאָס, אַרויסלאָזען פון זיך אַ ריח ניחוח, אַ געשמאַקען זוּעֶנעפּטיגען ריח...

און בעת מעשה ציהט דער רבי מיט דער נאָז דעם געשמאַקען זוּעֶנעפּטיגען ריח, האָטש מיר זענען נאָך ווייט פונ׳ם וואַלד, און דער ריח איז דערווייַלע נאָך עפּיס נישט אַזוי געשמאַק און זוּעֶנעפּטיג...

— האַ? וואָס שווייַגט איהר? — מאַכט צו אונז דער רבי. — זאָגט עפּיס אַ גוטע זאַך, זינגט עפּיס אַ ליעדעל. האַ? איך בין אויך געווען אַ מאָל אַ יונגעל אַ קונדס, ווי איהר, חע־חע, אויך געהאַט אַ רבי׳ן, ווי איהר, חע־חע...

דאָס, וואָס מאַזעפּאַ איז געווען אַמאָל אַ קונדס, ווי מיר, און געהאַט אַ רבי׳ן, ווי מיר, קומט אונז אוים מאָדנע ווילד און כמעט שווער צו גלויבען: מאַזעפּאַ — אַ קונדס?! מיר קוקען זיך איבער און חיחיקען שטילערהייד. מיר שטעלען זיך פאָר אַ בילד, ווי אַזוי אונזער רבי מאַזעפּאַ איז געווען אַמאָל אַ קונדס, געהאַט אַ רבי׳ן, און דער רבי פלעגט איהם... מיר האָבען נאָך מורא טראַכטען אַזאַ זאַך... נאָר איין אֶלי שטעלט זיך איין און גיט איהם אַ פרעג:

— רבי! אייער רבי פלעגט אויך אַזוי שמייַסען, ווי איהר שמייַסט אונז?

— האַ? נאָך אַ מין שמייַסען, חע־חע!

מיר קוקען אויפ׳ן רבי׳ן און איינס אויף דאָס אַנדערע און מיר פערשטעהען זיך... מיר העלפען איהם לאַכען חע־חע אַזוי לאַנג, ביז מיר זענען שוין ווייט אונטער דער שטאָדט, אינ׳ם ברייטען פרייען פעלד, נישט ווייט פונ׳ם שוואַרצען וועלדעל.

ו.

אין פעלד איז מחיה, אַ גן־עדן. גרין שמעקענדיגעס גראָז. ווייכע קווייטעלעך. געלע שפּרינקעלעך. גרינגע פליעגעלעך, און אויבען די בלאָהע יאַרמעלקע האָט זיך פערשפּרייט אָהן אַיין עק, און אַקעגען דעם וואַלד אָנגעטהון יום־טוב׳דיג, און אויף די בוימער די פויגעלעך שפּרינגען פון איין צווייַגעל אויפ׳ן אַנדער׳ן און פּישטשען, דאָס גיבען זיי אונז אָב אַ ברוך־הבא, סקאָצעל קומט, בעגריסען אונז מיט׳ן ליעבען פרייען טאָג ל״ג־בעומר,,

מיר זיצן אויס א שאָטן אונטער א געדיכטן בוים, א שויך פון דער ברענענדיגער זון און זעצן זיך אויס אַלע אויף דער ערד, און דער רבי אין מיטן.

דער רבי איז מיעד פונ'ם וועג. ער טהוט א פאַל אַנידער אויף דער ערד, ציהט זיך אויס מיט'ן פנים אַרויף. די אויגען קלעפּען זיך איהם. די צונג קוים וואָס זי פּלאַנטעט:

— איהר זענט טייערע גאָלדענע קי-קינדער. די יודישע קינדער... צדיקים... איך האָב אייך ליעב, און איהר האָט מיך ליעב... א יאָ, איהר האָט מיך לי-ליעב?

— אַזוי ווי אויגענוועטיג — ענטפערט איהם אֵלי.

— האַ? איך ווייס, אַז איהר האָט מיך לי-ליעב — זאָגט איהם דער רבי.

— גאָט זאָל אייך אַזוי ליעב האָבען! — זאָגט איהם אֵלי.

מיר ווערען דערציטערט און רופען זיך אָן צו אֵלי'ן:

— גאָט איז מיט דיר!

— נאַראָנים! — ענטפערט אונז אֵלי מיט א געלעכטער. — וואָס האָט איהר מורא? איהר זעהט דען נישט, אַז ער איז בגלופין?...

— האַ? — זאָגט צו איהם דער רבי מיט איין אויג (דאָס אַנדערע אויג שלאָפט שוין), — וואָס זאָגסט דו עפּיס אַזעלכעס? צדיקים?... אַלע צדיקים... אדרבה... מהיכא תיתי... דער שומר ישׂ׳אל... חל-חל-חל... הררררססס...

און אונזער רבי ווערט אַנטשלאָפען געשמאַק, און זיין חראָפּען לאָזט זיך הערען פון זיין נאָז, ווי א קול פון א שופר, ווייט אין וואַלד אַריין, און מיר זיצען אַלע אַרום איהם און עס ווערד אונז סומנע אויף דער נשמה:

— אָט דאָס איז אונזער רבי? אָט דאָס איז דער, וואָס מיר ציטערן פאַר זיין קוק? אָט דאָס איז מאַזעפּאַ?...

ז.

— קינדער! — מאַכט צו אונז אֵלי. — וואָס זיצען מיר, ווי די נאַפּאָ-דעלעס? לאָמיר עפּיס צוטראַכטען א שטראָף פאַר מאַזעפּען.

עס פאַלט אָן אויף אונז א פּחד.

— וואס האט איהר מורא, נאראנים? — זאגט צו אונז נאך אמאל אלי. איצטער איז ער געגליכען צו א מת, צו א בר־מינן.

מיר ווערען נאך מעהר דערציטערט, און אלי דרש'ענט ווייטער:

— איצט קאנען מיר מיט איהם טהון, וואס מיר ווילען. א גאנצען ווינטער האט ער אונז געשמיסען, ווי די שעפסען, לאמיר זיך חאטש איין מאל אין איהם נוקם זיין.

— וואס ווילסט דו איהם טהון?

— גאר נישט. איך וויל איהם נאר איבערשרעקען.

— מיט וואס וועסט דו איבערשרעקען?

— אט וועט איהר באלד זעהן, — זאגט צו אונז אלי און שטעהט אויף פון דער ערד און געהט צו צום רבי'ן און נעמט אראב פון איהם ז'עם גארטעל און רופט זיך אן צו אונז:

— זעהט איהר? אט מיט זיין אייגענעם גארטעל וועלען מיר איהם צובינדען צום בוים אזוי, אז ער זאל זיך אליין נישט קענען אויפבינדען! נאך דעם וועט איינער פון אונז צוגעהן צו איהם נאהנט און אריינשרייען איהם גלייך אין אויער אריין: „רבי גזלנים!"

— וואס זשע וועט זיין?

— גארנישט. מיר וועלען אנטלויפען, און ער וועט שרייען שמע ישראל.

— ביז וואנען וועט ער שרייען?

— ביז ער וועט געוואוינט ווערען.

און נישט לאנג געטראכט, נעמט אלי דעם גארטעל און בינדט איהם א האנד אויף א האנד און ביידע הענד צום בוים, און מיר שטעהען און קוקען און א שוידער געהט אונז איבער איבער'ן לייב:

— אט דאס איז אונזער רבי? אט דאס איז דער, וואס מיר ציטערן פאר זיין קוק? אט דאס איז מאזעפא?

— וואס שטעהט איהר, ווי די לעהמענע גולם'ס? — זאגט צו אונז אלי. — אז גאט האט אונז געטהון א נס און מאזעפא איז ביי אונז אין די הענד, טא לאמיר חאפען א טענצעל!

און מיר נעמען זיך אלע ביי די הענד און מיר דרעהען זיך, ווי די ווילדע מענשען, ארום אונזער רבי'ן און טאנצען און שפרינגען, און זינגען, טאקי נאר ווי די משוגעים.

— עד כאן אומרים בשבת הגדול! — זאגט אלי. און מיר שטעלען זיך אב, און אלי געהט צו צום רבי'ן, בויגט זיך אן איבער איהם גאנץ

נאָהגט און שרייַט איהם אַרייַן אין אויער אַרייַן הויך, אויף אַזאַ קול, וואָס קאָן אויפוועקען אַ טוידטען:

— געוואלד! רבי! גזלנים! גזלנים!! גזלנים!!!...

ח.

פייַל אויסען בויגען לאָזען מיר זיך לויפען אַלע ווי איין מענש, האָבען מורא זיך אָבשטעלען אַפילו אויף איין רגע, מורא אַפילו אַ קוק טהון צוריק. אַ פחד איז געפאַלען אויף אונז אַלע און אַפילו אויף אֶלי'ן האָטש ער הערט נישט אויף צו שרייַען אויף אונז:

— שוטים! נאַראָנים! בהמות! וואָס לויפט איהר?

— וואָס לויפסט דו?

— איהר לויפט, לויף איך אויך.

אין שטאָדט זענען מיר אַרייַן מיט איין איספּעט און מיט אַ געשרייַ:

— גזלנים!!... גזלנים!!!...

מענשען האָבען דערזעהן אונז לויפען, לויפען זיי אונז נאָך. דער־זעהן, אַז מענשען לויפען, האָבען אַנדערע מענשען זיך געלאָזט נאָך יענע מענשען.

— וואָס לויפט מען?

— פון וואַנען זאָלען מיר וויסען? אַלע לויפען, לויפען מיר אויך.

קוים מיט צרות האָט זיך אייַנגעגעבען אָבשטעלען איינעם פון אונז, און אויף איהם קוקענדיג, זענען מיר שוין אַלע שטעהן געבליבען און נישט אויפגעהערט צו שרייַען: גזלנים! גזלנים! גזלנים!...

— וואו? וואו? וואו?

— דאָרט, אין שוואַרצען וועלדעל, זענען אָנגעפאַלען אויף אונז גזלנים, געבונדען דעם רבי'ן צו אַ בוים, גאָט ווייסט, אויב ער לעבט נאָך...

ט.

אויב איהר זענט אונז מקנא, וואָס מיר זענען פריי, וואָס מיר געהען נישט אין חדר (דער רבי ליעגט קראַנק), איז אומזיסט. אומזיסט! — קיינער ווייסט נישט, ווען דער שוך קוועטשט... קיינער, קיינער ווייסט נישט, ווער זענען די אמת'ע גזלנים... מיר זעהען זיך כמעט נישט איינס מיט דאָס אַנדערע. און אַז מיר בעגעגענען זיך, איז דאָס ערשטע: „וואָס מאַכט דער רבי?" (שוין אויס מאַזעפּאַ!) און אַז מיר דאַווענען, בעטען מיר גאָט פאַר'ן רבי'ן און וויינען, וויינען שטילערהייד: רבונו של עולם! רבונו של עולם!... און אליע? — פרעגט אונז נישט אויף אלי'ן. ימח שמו זאָל ער אייך ווערען, אַט דער אלי!...

עפּילאָג.

אַז דער רבי איז געזונד געוואָרען (אַ וואָך זעקס איז ער געלעגען אין היטץ און גערעדט מיט גזלנים) און מיר זענען געקומען אין חדר אַריין, האָבען מיר איהם קוים דערקענט. ווי שטאַרק האָט ער זיך איבער־געביטען. וואו איז אַהינגעקומען זיין לייבען־שטימע? דעם קאַנטשיק האָט ער גאָר פערוואָרפען. אויס — לעג זיך, אויס — מאַזעפּאַ. און אויפ'ן פּנים האָט זיך אויסגעצויגען ביי איהם אַ שטילע ווייכע מרה־שחורה. אַ געפיהל פון חרטה גנבה'ט זיך אַריין צו אונז אינווענינג, און מאַזעפּאַ ווערט אונז מיט אַמאָל טהייער, איינגעבאַקען אין האַרצען. אַך, ער זאָל דאָס פירהאַלטען, אַ קרום וואָרט אונז זאָגען! גלייך ווי גאָרנישט געוועזען... נאָר פלוצים שטעלט ער זיך אָב אין מיטען לערנען און בעט אונז מיר זאָלען איהם נאָך אַמאָל דערצעהלען, ווי אַזוי איז געוועזען די מעשה דעמאָלס, ל"ג־בעומר מיט די גזלנים. מיר פוילען זיך נישט און דער־צעהלען איהם איבער נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די איינגעחזר'טע מעשה אויף אויסוועניג, ווי אַזוי גזלנים זענען מיט אַמאָל אַרויס פון וואַלד, האָבען זיך אַרויפגעוואָרפען אויף איהם, געבונדען, געוואָלט קוילען מיט אַ מעסער, האָבען מיר זיך געלאָזט לויפען אין אימפּעט אין שטאָדט אַריין און מיט אונזער געוואַלד האָבען מיר איהם גע־ראַטעוועט...

דער רבי הערט אונז אוים ביז׳ן סוף מיט צוגעמאכטע אויגען. נאך־דעם טהוט ער א זיפץ און א פרעג מיט אמאל:

— ווייסט איהר פאר געווים, אז דאס זענען געווען גולנים?

— וואס דען זענען דאס געוועזן?

— אפשר כת־ליצנים?...

און דעם רבינ׳ס אויגען קוקען ערגיץ ווייט אין דער וועלט אריין, און עס מאלט זיך אונז אוים, אז אויף זיינע משונה גראבע ליפען שוועבט א מאדנע חיטרע שמייכעלע...

דריי קעפּלאָך

דרייַ קעפּלעך.

1.

אַ פּען פון אַ שרייַבער זאָל זייַן אַ פּענזיל פון אַ מאַלער אָדער וועניגסטענס אַנ׳אַפּאַראַט פון אַ פאָטאָגראַף, וואָלט איך דיר, פרייַנד, געטראָגען אַ מתנה אַ בילד לכבוד שבועות אַ זעלטענע גרופּע פון דרייַ יונגע שעהנע, פּרעכטיגע קעפּלעך פון דרייַ אָרעמע, נאַקעטע, באָרפיסע יודישע קינדער. אַלע דרייַ קעפּלעך זענען שוואַרץ, די הערעלעך געגרייַזעלט, די אויגעלעך גרויסע, גלאַנצענדע, ברענענדע, און גלייַך ווי פערוואונדערט קוקען זיי אויף אייך און פרעגען בייַ דער וועלט אַ קשיא: למאי? איהר קוקט אויף זיי און איהר בעוואונדערט זיי און איהר פיהלט זיך קעגען זיי ווי פערזינדיגט, גלייַך ווי איהר זענט טאַקי שולדיג אין דעם, וואָס מע האָט זיי בעשאַפען — בעשאַפען נאָך דרייַ איבריגע נפשות אויף דער וועלט!...

די דרייַ שעהנע קעפּלעך — אַבראַמטשיק, מאָיסייטשיק און דבורה׳קע — זענען צוויי ברידער מיט אַ קליין שוועסטער׳ל. אַבראַמטשיק און מאָיסייטשיק — דאָס האָט זיי דער פאָטער, פייסי דער אייַנבינדער, אַזוי פערצויגען, אויפ׳ן רוסישען שטייגער. ער זאָל זיך נישט שעמען פאַר זייַן ווייַב פעסי און ער זאָל נישט זייַן אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, וואָלט ער זיך אַליין אויך איבערגעמאַכט דעם נאָמען פון „פייסי דער אייַנבינדער" אויף „פעטי פערעפליאָטשיק". נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ביסעל מורא פאַר זייַן ווייַב פעסי און אַזוי ווי ער איז, נישט דאָ געדאַכט, אַ גרויסער אביון, איז ער דערווייַל פערבליבען בייַ׳ם אַלטען נאָמען „פייסי דער אייַנבינדער", ביז ס׳וועט קומען אַמאָל די גוטע צייַט, יענע גליקליכע צייַט ווען עס וועט אַלסדינג ווערען אַנדערש, אַזוי ווי בעבעל זאָגט, און אַזוי ווי קאַרל מאַרקס זאָגט, און אַזוי ווי אַלע גוטע קלוגע לייַט זאָגען — דעמאָלס, אָ דעמאָלס וועט אַלס-

דינג אנדערש זיין!... נאר ביז די גוטע גליקליכע צייט וועט אמאל קומען, מוז מען דערווייל שטעהן פון כאור ביז שפעט אין דער נאכט און שניידען קארטאן-פאפיער, און קלעבען קעסטעלעך, שאכטלען... און פייסי דער איינבינדער שטעהט דעם גאנצען טאג אויף די פיס און שניידט קארטאן-פאפיער, און קלעבט שאכטלען, און זינגט בעת מעשה אלטע און נייע יודישע און נישט יודישע ליעדלעך, צום מייסטען פרעהליך-טרויעריגע מיט א פרעהליך-טרויעריגען נגון.

— טאמער וואלסט דו אויפגעהערט אמאל דיינע גוי'ישע ליעדלעך? א מענש האט זיך עס א ביסעל פערליעבט אין גוים! זינט מע איז ארוים אין דער גרויסער שטאדט, איז ער געווארען א גאנצער גוי, מ'שטיינם געזאגט!...

II.

אלע דריי, אבראמטשיק, מאיסייטשיק און דבורה'קע, זענען געבוירען און געוואקסען אלע אויף איין ארט — צווישען וואנד און צווישען אויווען, אלע דריי זעהען פאר זיך אלע טאג איינס און דאס זעלבע: דעם פרעהליכען טאטען, וואס שניידט קארטאן, קלעבט שאכטלעך און זינגט נגונים, און די פערזארגטע אויסגעטריקנטע מאמע, וואס קאכט און באקט און קערט און רוימט, און איז קיין מאל נישט פארטיג. ביידע זענען זיי שטענדיג אין דער ארבייט: די מאמע ביי'ם אויווען, דער טאטע ביי די שאכטלען. אויף וואס דארף מען אזוי פיעל שאכטלען? ווער דארף עס אזוי פיעל שאכטלען? א פנים, אז די גאנצע וועלט איז פול מיט שאכטלען?... אזוי טראכטען די דריי שעהנע קעפלעך און קוקען שוין ארויס, אז ביי'ם טאטען זאלען זיך שוין אנקלויבען א סך א סך שאכטלען און ער זאל זיי נעהמען אלע אויפ'ן קאפ און אין ביידע הענד — אפשר טויזענד שאכטלען — און זאל מיט זיי ארויסגעהן אין מארק אריין און קומען צוריק אהן שאכטלען, נאר מיט געלד פאר דער מאמע און מיט בולקעלעך, בייגעלעך אדער צוקערקעס פאר די קינדער... א גוטער, אוי א גוטער טאטע ביי זיי, א גאלד! די מאמע איז אויך א גוטע, נאר א בייזע. מע חאפט פון איהר אפט א זעץ, א שטורך אין זייט, אדרעה פאר די אויערן. זי האט פיינט, אז מע מאכט איהר אן „א הקדש“. זי וויל נישט, אז די קינדער זאלען זיך שפיעלען אין „טאטע-מאמע“; זי וויל נישט, אז אבראמטשיק זאל שניידען

די אראבעגעפּאלענע שטיקלעך קארטאן, אז מאיסײַטשיק זאל גנבה'נען פּאפּ בײַ'ם טאטען און אז דבורה'קע זאל באקען ברויט פון זאמד מיט וואסער.. די מאמע וויל, אז די קינדער זאלען זיצען שטיל, סטאטעטשנע, די מאמע ווײס נישט, אפנים, אז יונגע קעפּלעך ארבײַטען, אז יונגע נשמות רײַסען זיך, רײַסען זיך רײַסען זיך — וואהין?... אין דרויסען! צו דעם ליכט! צום פענסטער! צום פענסטער!

III.

סך־הכל איין פענסטער, איין שטיקעל פענסטער. אלע דרײַ קעפּלעך שלאגען זיך פאר'ן שטיקעל פענסטער, און וואס זעהט מען דארט? א וואנד. א הויכע, א ברײַטע, א גראהע, א נאסע וואנד. שטענדיג, עביג איז זי נאס. אפילו זומער!... קומט אמאל אהער די זון? געווים, קומט אמאל אהער די זון, דאס הײַסט, נישט די זון אליין, נאר א שײַן פון דער זון. און דעמאלט איז א יום־טוב. אלע דרײַ שעהנע קעפּלעך שפּארען זיך צום שטיקעל פענסטער, קוקען ארויף, גאנץ אויבען, און זעהען א לאנגען שמאלען בלאהען פּאס, ווי א לאנגע בלאהע סטענגע.

— אַ! זעהט איהר, קינדער? אט דאס איז הימעל!

אזוי זאגט אבראמטשיק. אבראמטשיק ווײס. אבראמטשיק געהט אין חדר. ער לערנט שוין קמץ אלף. דער חדר איז טאקי דא נישט ווײט, די צווײטע שטוב, דאס הײַסט, די צווײטע טהיר. אך! וואס אבראמטשיק דערצעהלט זיך אן פאר חדושים פונ'ם חדר! אבראמטשיק דערצעהלט, אז ער האט אליין געזעהן, ער זאל אזוי זעהן אלדעס גוטס, א גרויסען מויער פון סאמע פענסטער פון אויבען ביז אראב. אבראמטשיק שווערט, אז ער האט אליין געזעהן, ער זאל אזוי זעהן אלדעס גוטס, א קוימען, א הויכען קוימען און פונ'ם קוימען געהט א רויך... אבראמטשיק דערצעהלט אז ער האט אליין געזעהן, ער זאל אזוי זעהן אלדעס גוטס, א מאשינע, וואס מע נעהט אויף איהר אהן הענד... אבראמטשיק דערצעהלט, אז ער האט אליין געזעהן, ער זאל אזוי זעהן אלדעס גוטס, א וואגען, וואס פאהרט אהן פערד... און נאך אזעלכע נסים ונפלאות דערצעהלט זיי אבראמטשיק פונ'ם חדר, און שווערט זיך, ווי די מאמע שווערט זיך — ער זאל אזוי זעהן אלדעס גוטס... און מאיסײַטשיק, און דבורה'קע הערען איהם און זיפצען און זענען איהם מקנא, וואס אלסדינג ווײס אבראמטשיק, אלסדינג!

למשל אַבראַמטשיק ווייס, אַז אַ בוים וואַקסט. אמת, ער אַליין האָט נאָך, גלייך מיט זיי, קיין מאָל נישט געזעהן ווי אַזוי עס וואַקסט אַ בוים. נישטאָ קיין בוימער אויף דער גאַס. נישטאָ! ער ווייס אָבער (אין חדר האָט ער עס געהערט), אַז אויף אַ בוים וואַקסען פירות, — און דערפאַר מאַכט מען אויף אַ פרי „בורא פרי העץ". אַבראַמטשיק ווייס (וואָס ווייס ער דען נישט?) אַז קאַרטאָפלעס, למשל, אָדער אוגערקעס, אָדער ציבעלעס, אָדער קנאָבעל וואַקסען אויף דער ערד. — און דערפאַר מאַכען מיר אויף זיי „בורא פרי אדמה". אַלסדינג ווייס אַבראַמטשיק! ער ווייס נאָר נישט, ווי און ווי אַזוי דאָס וואַקסט, ווארום ער האָט דאָס נאָך, גלייך מיט זיי קיין מאָל נישט געזעהן, ווארום אויף זייער גאַס איז נישטאָ קיין פעלד, נישטאָ קיין גאָרטען, נישטאָ קיין בוימער, נישטאָ קיין גרעזעל, — נישטאָ! נישטאָ! אויף זייער גאַס זענען דאָ גרויסע מויערן, גראָהע ווענד, הויכע קוימענס, וואָס סע גערט פון זיי אַרויך, און פענסטערלעך אַ סך אין יענעם גרויסען מויער, טויזענדער פענסטערלעך, און מאַשינעס וואָס נעהען אָהן הענד, און וואָגענס, וואָס פאָהרען אָהן פערד — און ווייטער גאָרנישט! גאָרנישט!

אַפילו אַ פויגעלע זעהט מען דאָ זעלטען. עס פערבלאָנזעט אַמאָל אַהער אַ וואָראָבייטשיק, איז ער גראָה אַזוי ווי די גראָהע וואַנד. פּיק=פּיק די גראָהע שטיינער, הויבט זיך אויף און פליהט אַוועק... פון עופות זעהען זיי אַמאָל אויף שבת אַ פערטעל עוף מיט אַ בלאַס אויסגעצויגען פיסעל. ווי פיעל פיסלעך האָט אַנ'עוף? — זעלבסטפערשטענדליך, פיער! עלעהיי אַ פערד! אַזוי פסקנ'ט דער עלטערער אַבראַמטשיק, און אַבראַמטשיק ווייס דאָך אַלעס!... אַמאָל ברענגט די מאַמע פונ'ם מאַרק אַ קעפעל פון אַנ'עוף מיט אַרויפגעגלאָצטע אויגעלעך איבערגעצויגען מיט אַ דין ווייס הייטעל... „ס'איז טוידט" — זאָגט דער עלטערער אַבראַמטשיק, און אַלע דריי קעפּלעך קוקען איינס אויפ'ן אַנדערע מיט גרויסע שוואַרצע אויגען און זיפצען... געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אין דער גרויסער שטאָדט, אינ'ם גרויסען מויער, אין גרויסער ענגשאַפט, עלענד און אַרמוט, האָבען אַלע דריי קינדער קיין מאָל נאָך נישט געהאַט קיין געלעגענהייט צו זעהן פאַר זיך לעבעדיגערהייד נישט קיין עוף, נישט קיין חיה, נישט קיין בהמה, אויסער אַ קאַץ. אַ קאַץ האָבען זיי אַנ'אייגענע, אַ לעבעדיגע, אַ גרויסע קאַץ, גראָה ווי די גרויסע גראָהע נאַסע וואַנד... די קאַץ איז זייער גאַנץ פערגניגען. מיט דער קאַץ שפּיעלען זיי זיך שעה'ן לאַנג, טהוען איהר אָן אַ פּאַטשיילע אויפ'ן קאָפּ, רופען זי „מחותנת'טע" און לאַכען, לאַכען,

שעור! דערזעהט די מאַמע און טײלט זײ אײן: שענקט זײ — דעם אַ זעץ דעם אַ שטורך אין זײט, דעם אַ דרעה בײ'ם אויער. די קינדער צעגעהען זיך אויף זײערע ערטער, הינטערן אויוועז. דער עלטערער, אַבראַמטשיק, דערצעהלט עפּיס, און די קלענערע, מאָיסײטשיק און דבורה'קע, האָרכען; קוקען אויף זײער עלטערן ברודערל מיט גרויסע אויגען און האָרכען. אַבראַמטשיק זאָגט, אַז די מאַמע איז גערעכט. אַבראַמטשיק זאָגט, אַז מיט אַ קאַץ טאָר מען זיך נישט שפּילען, ווײל אַ קאַץ איז אַ טמא זאַך און אַ מזיק. אַלסדינג ווײס אַבראַמטשיק, אַלסדינג! ס'איז דען דאָ אַ זאַך אויף דער וועלט, וואָס אַבראַמטשיק זאָל נישט וויסען?

IV.

אַלסדינג ווײס אַבראַמטשיק. אַבראַמטשיק ווײס, אַז ס'איז דאָ אַ לאַנד אַ ווײט לאַנד, זעהר אַ ווײט לאַנד, וואָס מע רופט דאָס אַמעריקאַ. דאָרט, דאָרט, אין דעם אַמעריקאַ, האָבען זײ פרײַנד אַ סך און בעקאַנטע. דאָרט, אין דעם אַמעריקאַ, איז יודען, קײן עין־הרע, גוט און פרעהליך. אַהינצו. אין דעם אַמעריקאַ, וועלען זײ אַריבערפאָהרען, אם ירצה השם, איבער אַ יאָהר, אַז זײ וועלען בעקומען פון דאָרטען שיפס־קאַרטען. אָהן שיפס־קאַרטען קאָן מען אין אַמעריקאַ נישט פאָהרען, ווײל ס'איז אַ ים און אויפ'ן ים איז אַ שטורם־ווינד און עס וואַרפט מיט סכנות נפשות — אַלסדינג ווײס אַבראַמטשיק.

אַלסדינג! אפילו וואָס אויף יענער וועלט טהוט זיך. למשל, ער ווײס, אַז אויף יענער וועלט איז דאָ אַ גן־עדן, פון יודענס־וועגען געוועהנ־ליך; אין גן־עדן איז דאָ בוימער אַ סך מיט די שענסטע פּירות; טײַכען וואָס פליסען בוימעל; דימאַנטען און בריליאַנטען וואַלגערן זיך אין די גאַסען, בויג זיך אָן, נעם און שטופּ אָן פולע קעשענעס, און ערליכע יודען זיצען דאָרטען טאָג ווי נאַכט און לערנען און האָבען הנאה פון דער שכינה...

אַזוי דערצעהלט אַבראַמטשיק, און בײ מאָיסײטשיק'ען און בײ דבורה'־קען ברענען די אויגעלעך, און זענען מקנא זײער עלטערן ברודער'ל, וואָס ער ווײס אַלסדינג, אַלסדינג ווײס ער! אפילו וואָס אויפ'ן הימעל טהוט זיך. אַבראַמטשיק שווערט, אַז צוויי מאָל אין יאָהר: הושענא־רבה אויף דער נאַכט און שבועות אויף דער נאַכט, שפּאַלט זיך דער הימעל. אמת, ער אַלײן האָט נאָך קײן־מאָל נישט געזעהן ווי דער הימעל שפּאַלט זיך, ווײל

ס'איז ניִשטאָ בײַ זײ קײן היִמעל, דערפאַר האָבען אָבער זײַנע חברים גע-זעהן. זײ שווערן, אַז זײ האָבען אַלײן געזעהן, זײ זאָלען אַזוי זעהן אַלדעם גוטס. זײ װעלען דאָך ניִשט שווערן אויף אַ ליגען. ווי טאָר מען שווערען אויף אַ ליגען? אַנ'עבירה, וואָס בײַ זײ אויף דער גאַס איז ניִשטאָ קײן היִמעל. ס'איז דאָ אַ לאַנגער שמאָלער בלאָהער פּאַס, ווי אַ לאַנגע שמאָלע בלאָהע סטענגע, וואָס קאָן מען אין אַזא שטיקעל היִמעל זעהן, אַ חוץ צוויי דרײַ קלײנע שטערענדלעך מיט אַנ'אָבשײַן פון דער לבנה?... און בכדי צו איבערצײַגען זײַן יונגערן ברודער מאָיסײטשיק און זײַן קלײן שוועס-טער'ל דבורה'קע, אַז סע שפּאַלט זיך דער היִמעל, געהט אַבראַמטשיק צו דער מאַמע, שלעפּט זי פאַר'ן קלײדעל:

— מאַמע! אַיאָ, הײַנט שבועות אַרום האַלבע נאַכט שפּאַלט זיך דער היִמעל?

— דעם קאָפּ װעל איך דיר שפּאַלטען!

געחאַפּט אַ מיאוס'ען פּסק פון דער מאַמע, וואַרט אַבראַמטשיק אויפ'ן טאַטען, דער טאַטע איז אַוועק אין מאַרק מיט אַ גאַנצען אוצר שאַבמלען.

— קינדער! אַ נו טרעפט, וואָס וועט הײַנט דער טאַטע ברענגען אַ מתנה פונ'ם מאַרק?

אַזוי זאָגט אַבראַמטשיק און די „קינדער" הויבען אָן „טרעפען", וואָס וועט דער טאַטע זײ ברענגען אַ מתנה פונ'ם מאַרק. זײ רעכענען אוים, אויף די פינגער אַלסדינג, וואָס ס'איז דאָ אין מאַרק, אַלסדינג, וואָס אַ מענשענס אויג קאָן זעהן און וואָס אַ מענשענס האַרץ קאָן גלוסטען: בולקעלעך און בײגעלעך און צוקערקעס — און קײנער האָט ניִשט געטראָפען און איהר וועט, האָב איך מורא, אויך ניִשט טרעפען. פּײַסי דער אײנבינדער האָט געבראַכט צו טראָגען איצטיגעס מאָל ניִשט קײן בולקעלעך, ניִשט קײן בײגעלעך, ניִשט קײן צוקערקעס: גראָז האָט ער געבראַכט צו טראָגען; אַ פּאַק מיט גראָז, מאָדנע, לאַנגע, גרינע, שמעקענדיגע גראָזען.

און אַלע דרײַ שעהנע קעפּלעך, אַבראַמטשיק, מאָיסײטשיק און דבורה'קע האָבען אַרומגערינגעלט דעם פאָטער:

— טאַטע! וואָס איז דאָס, אָט דאָס אָ?

— דאָס איז גרינס.

— וואָס הײסט דאָס גרינס?

— גרינס אויף יום-טוב. יודען דאַרפען יום-טוב גרינס.

— וואו נעמט מען דאָס, טאַטע?

— וואו מע נעמט עס? הם... אין מאַרק קויפט מען דאָס, אין מאַרק...

אַזוי זאָגט דער טאַטע, און ער צעװאַרפט דאָס גרינע שמעקענדיגע גראָז איבער דער נאָר־וואָס אויסגעקעהרטע שטוב און ער קוועלט, וואָס ס׳איז גרין און סע שמעקט, און ער זאָגט צו דער מאַמע פרעהליך, ווי זײַן שטײַגער איז:

— פּעסי, אַ גוט יום־טוב דיר!

— מזל טוב, אַ נײַער הקדש! די ממזרים זײַנע װעלען שוין האָבען וואָס צו מיסטיגען!...

אַזוי ענטפערט איהם די מאַמע נישט צופריעדען ווי אַלע מאָל און שענקט ווי אַלע מאָל די קינדער דעם אַ זעץ, דעם אַ שטורך אין זײַט, דעם אַ דרעה בײַם אויער. אַ מאָדנע מאַמע בײַ זיי! קיינמאָל איז זי נישט צופריעדען, תמיד פעראיבערט, שטענדיג פערזאָרגט, פונקט דער היפך פון׳ם טאַטען!

און די דרײַ שעהנע קעפּלעך קוקען אויף דער מאַמע, קוקען אויפ׳ן טאַטען, קוקען איינס אויף דאָס אַנדערע. און אַז טאַטע־מאַמע קערעווען אָב אַ ווײַלע אויף אַ זײַט, טהוען זיי זיך אַ וואָרף אַלע דרײַ אויף דער ערד, פאַלען צו מיט׳ן פנים צום שמעקענדיגען גראָז, קושען דאָס שמעקענדיגע גראָז, וואָס מע רופט דאָס גרינס, און וואָס יודען דאַרפען דאָס אויף יום־יום און וואָס מע קויפט דאָס אין מאַרק...

אַלסדינג איז דאָ אין מאַרק, אַפילו גרינס. אַלסדינג קויפט דער טאַטע. אַלץ דאַרפען יודען און אַלסדינג האָבען יודען. אַפילו גרינס!.. אַפילו גרינס!...

גרינס אויף שבועות

גְרִינְס אויף שָׁבוּעוֹת.

(אַ מעשה פאַר יודישע קינדער) .

1.

ערב שבועות האָב איך אויסגעבעטען ביי דער מאַמע עליה השלום, איך זאָל מיר אַליין געהן אונטערן שטאָדט אָנרייסען און ברענגען אַהיים גרינס אויף שבועות.

און די מאַמע האָט מיך געלאָזט איינעם אַליין געהן אונטערן שטאָדט, אָנרייסען און ברענגען אַהיים גרינס אויף שבועות. לאָז זי האָבען דערפאַר אַ ליכטיגען גן־עדן.

אַיין אמת'ע נסיעה קאָן מען אָנרופען נאָר די נסיעה, וואָס אַ מענש מאַכט איינער אַליין, אָהן חברים, אָהן אַ שום איבערשלאָג. איך בין מיר איינער אַליין, אַ פריי פויגעלע, אין דער גרויסער ברייטער וועלט; איבער מיר איז די גאַנצע גרויסע בלאָהע יאַרמעלקע, וואָס מע רופט זי „הימעל"; מיר איינעם אַליין לייכט די שעהנע ליכטיגע טאָג־מלכה, וואָס מע רופט די „זון"; פון מיינעטוועגען אַליין האָבען זיך עס צענויפגעקליבען דאָ אין פרייען פעלד די אַלע זינגערס, מיט אַלע פייפערס מיט אַלע שפרינגערס, און נאָר צוליעב מיר אַליין האָט זיך צענומען די שמעקענדיגע רויז, צעשפרייט דער לאַנגער, דער געלער „סאָנישניק", צעצוויקעלט און צעשפרענקעלט דאָס גאַנצע ברייטע פעלד מיט אַלע אַנטיקלעך פון דער מילדער נאַטור. קיינער קוועטשט מיך נישט, קיינער שטערט מיר נישט, קיינער זעהט מיך נישט, אַ חוץ גאָט, און איך קאָן מיר טהון וואָס איך וויל: וויל איך — זינג איך מיר אַ שעהנעם „כבקרת". וויל איך — שריי איך משוגענער־ווייז און רייס זיך אויפ'ן האַלז. וויל איך — לעג איך צענויף די האַנד ווי אַ שופר און בלאָז מיר אַ „תקיעה גדולה" און שפיעל מיר אַ „טרובאַטש". וויל איך — טהו איך מיך גאָר אַ וואַלגער ווי איך שטעה

און געה אויפ'ן גרינעס גראָז און קאַטשע מיך אויף אַלע זייטען ווי אַ לאָ־שעקל. ווער וועט מיר זאָגען אַ דעה און וועמען הער איך? איך בין פריי! איך בין פריי!

דער טאָג איז געוועזען אַזוי וואַרעם, די זון אַזוי שעהן, דער הימעל אַזוי לויטער, דאָס פעלד אַזוי גרין, דאָס גראָז אַזוי פריש, און אויפ'ן האַר־צען איז מיר געוועזען אַזוי גרינג און אויף דער נשמה אַזוי גוט, אַז איך האָב גאָר פערגעסען, אַז איך בין דאָ אַ ווילד פרעמדער און אַז איך בין אַרויסגעקומען אַהער צו — אַנרייסען גרינס אויף שבועות. און האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך בין דאָ אַ מושל, אַ פּרינץ, און דאָס גאַנצע פעלד, וואָס מיין אויג חאַפּט אַרום, מיט אַלסדינג וואָס אין פעלד און אַפילו מיט דעם גאַנצען בלאָהען שטיק הימעל—דאָס אַלעס געהער צו מיר, איך בין דערויף דער איינציגער בעל־הבית, און איך האָב דערויף צו שאַפען און ווייטער קיינער נישט, און ווי אַ מושל, וואָס איהם אַלעס געהערט און ער אויף אַלעס געוועלטיגט, הויבט זיך מיר אָן ווילען אַרויסבע־ווייזען מיין ממשלה, מיין כח און מיין גבורה, אַלעס וואָס איך קאָן און וואָס איך וויל...

קודם כל געפעלט מיר נישט אָט דער לאַנגער דראָנג מיט דער געלער היטעל (דער סאָנישניק), וואָס בעקומט מיט אַמאָל ביי מיר אין די אויגען אַ פּנים פון אַ שונא, אַ מין גלית הפלשתי, און די אַלע איבריגע פלאַנצונ־גען מיט שטעקלעך און אָהן שטעקלעך (באָב און פאַסאָלעס)—דאָס זענען לויטער שונאים, דאָס זענען די „פלשתים", וואָס האָבען זיך בעזעצט דאָ ביי מיר אויף מיין ערד, ווער האָט געשיקט נאָך זיי? און יענע נידעריגע, די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס, וואָס זיצען אַזוי געדיכט האַרט האַרט ביי דער ערד (קרויט), וואָס טהוען זיי דאָ די דאָזיגע קוטשמעס? זיי ווילען זיך נאָך אָנשפּור'ן און מאַכען מיר איין אומגליק... לאָזען זיי געהן אין דער ערד אַריין — איך דאַרף זיי נישט! און בייזע מחשבות, ווילדע אינסטינקטען וואַכען אויף אין מיר, און אַ מאָדנער געפיהל פון נקמה נעמט מיך אַרום דורך און דורך, און איך הויב זיך אָן נוקם זיין אין די שונאים — און נאָך ווי אַזוי נוקם זיין!...

געהאַט האָב איך מיט זיך אויף אָנצורייםען גרינס אויף שבועות מיט־גענומען כלי זיין: אַ מעסערל מיט צוויי קלינגלעך און אַ שווערד, אַפילו אַ הילצערנע נאָר אַ שאַרפע.

די דאָזיגע שווערד איז ביי מיר פערבליבען פון „ל"ג־בעומר". און האַטש איך בין מיט איהר געגאַנגען ל"ג בעומר אויף מלחמה מיט מיינע

איבריגע חברים אונטערן שטאָדט, פון דעסטוועגען קאָן איך אייך שווערן (איהר מעגט מיר גלויבען אָהן אַ שבועה), אַז זי האָט נישט פערגאָסען קיין איין טראָפּען בלוט. דאָס איז געווען אַ כלי פון דעם כלי זיין, וואָס דאָס מיליטער טראָגט בשעת שלום. ס'איז טאַקי הייסט עס נישטאָ קיין שום סימן פון מלחמה, שטיל און רוהיג אַרום און אַרום, נאָר גאָר נישט, גלאַט אַזוי, פון „דרך־שלום" וועגען, לאָזען זיך שטעהן צוגעגרייט שווערדען, ביקסען, האַרמאַטען, קאַנאָנען, פערד, סאָלדאַטען — הלואי זאָל מען זיי נישט בעדאַרפען, ווי מיין מומע־עטיל פלעגט זאָגען, בשעת זי האָט גע־פרעגעלט מאַלינעס...

II.

דאָס איז ידוע אויף דער גאַנצער וועלט, אַז בשעת מלחמה ציעלט מען זיך טרעפען דעם עלטערן, דעם אָפיצער; דעם גענעראַל אַז מע קען טרעפען איז נאָך בעסער; דעמאָלס פאַלען שוין במילא די סאָלדאַטען אַזוי ווי שטרוי. דערפאַר וועט אייך שוין קיין חדוש נישט זיין, וואָס איך בין צום אַלעם ערשטען אָנגעפאַלען אויף דעם „גלית הפלשתי", איהם דער־לאַנגט מיט דער שווערד אַ געשמאַקען האַק איבער'ן קאָפּ מיט דער געלער היטעל און היבשע עטליכע זעץ פון הינטען, — און דער רשע האָט זיך אויסגעצויגען ווי לאַנג ער איז פאַר מיינע פּנים. נאָך איהם האָב איך אַנידער־געלעגט נאָך היבשע עטליכע געזונדטע רשעים, די שטעקענס פון זייערע הענד אַרויסגעריסען און פערוואָרפען צו אַלדע שוואַרצע יאָהר, און די נידריגע די גראָבע מיט די גרינע קוטשמעס האָב איך גענומען צו דער אַרבייט גאָר אויף איין אַנדער אופן: וועמען איך האָב געקאָנט, — האָב איך אַראָפּ־גענומען די גרינע קוטשמע, און די איבריגע האָב איך געטראָטען מיט די פּנים, געמאַכט פון זיי אַ תל עולם!

בשעת מלחמה, אַז דאָס בלוט צעהיצט זיך און מע געהט אַריין אין התפעלות, שניידט מען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אַז מע האַלט ביי פערגיסען בלוט, פערלירט מען זיך און מע ווייסט נישט וואו מע איז אין דער וועלט. דעמאָלס לעגט מען נישט קיין כבוד אויף קיין עלטערס, מע קוקט נישט אויף קיין שוואַכע פרוי, מע האָט נישט קיין רחמנות אויף קיין קליינע קינדער. און בלוט, בלוט גיסט זיך אַזוי ווי וואַסער... איך, בשעת אָנפאַלען אויף דעם שונא, האָב נאָך נישט געפיהלט אין זיך אַזאַ

בעם מיט אַזאַ ברען, ווי נאָך די ערשטע עטליכע גוטע קלעפּ, וואָס איך האָב איינגעטיילט דעם שונא; נאָר וואָס ווייטער האָב איך מיר אַלץ מעהר געהיצט, זיך אַליין אינטער־גענעבען אַלע מאָל מעהר חשק, און איך בין אַזוי אַריין אין דער אַרבייט, איך בין געווען אין אַזאַ עקסטאַז, אַזאַ רציחה, אַז וואָס ס'איז מיר געקומען פאַר די אויגען דאָס האָב איך געבראַכט, געשניטען אויף אַלע זייטען, און מעהר פון אַלעמען האָבען פון מיר געליטען נעבאַך „קליין־וואַרג"... די יונגע קייעכיגע „אַרבוזלעך", „קאַבאַקלעך" מיט די גראָבע בייכלעך, די קליינע פּיצלעך, אוגערעקלעך, וואָס קריכען נאָר וואָס אַרויס פון דער גרינער „האָ־ענע" מיט די געלע נאָפּעלעך, זיי האָבען מיך צערייצט נאָר מיט זייער שטיל־שווייגען און מיט זייער קאַלטקייט; און איך האָב זיי איינגעטיילט אַזוי, אַז זיי וועלען מיך האָבען צו געדענקען: איך האָב געהאַקט קעפּלעך, געשניטען בייכלעך, געריסען אויף רער האַלב, געבראַכט אויף שטיקלעך, צעשלאָגען, צעהרג'עט, געמזיק'ט אויף טויט, לאָז מיך אַזוי וויסען שלעכטס ווי איך וויים, פון וואַנען עס האָט זיך צו מיר גענומען אַזאַ רציחה! אומשולדיגע קאַרטאָפּלעס נעבאַך, וואָס זענען געזעסען טיעף אין דער ערד, האָב איך פון דער ערד אַרויסגעגראָבען און האָב זיי מוסר מודעה געווען, אַז פון מיר באַהאַלט מען זיך נישט!... יונגען קנאָבעל מיט גרינע ציבעלקעלעך האָב איך אַרויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל, רעטעכלעך זענען געפלויגען ביי מיר ווי די האַלעשקעס — און לאָז מיך גאָט שטראָפען אויב איך האָב נהנה געווען אַפילו אַ שטיקעל רעטיך, ווארום איך געדענק גאַנץ גוט פון דער מגילה די ווערטער: „ובבזה לא שלחו את ידם" — ראַבעווען האָבען יודען נישט געראַבעוועט... און אַלע מינוט, אַז דער יצר־הרע איז געקומען צו מיר און מיך אָנגערעדט, איך זאָל געניסען אַ ציבעלקע, פערזוכען אַ קנאָבעלקע, איז מיר דער פּסוק פון דער מגילה געקומען אַקעגען מיט די ווערטער, מיט'ן טראָפּ און מיט דער נגינה: ובבזה לא שלחו את ידם!... — און איך האָב נישט אויפגעהערט צו שלאָגען, האַקען, בראָקען, מזיק'ען, ממית'ען און שניידען אויף שטיקלעך יונג און אַלט, קליין און גרויס, אָרעם און רייך אָהן אַ שום רחמנות...

אַדרבה, איך האָב מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך הער זייער שרייען מיט זייער וויינען מיט זייער בעטען זיך ביי מיר — און עס זאָל דאָס מיך אָנהויבען אַרען! מערקווירדיג — איך, וואָס האָב נישט געקאָנט זעהן ווי מע קוילע־אַיין עוף, ווי מע שמייסט אַ קאַץ, ווי מע בעליידיגט אַ הונד, ווי מע שלאָגט אַ פערד, זאָל איך זיין אַזאַ מין טיראַן, אַיין אַכזר!...

נקמה! האב איך א פער'שכור'טער נישט אויפגעהערט צו שרייען — נקמה! איך וועל זיך מיט אייך אברעכענען פאר יודיש בלוט! איך וועל אייך שוין בעצאהלען פאר ירושלים, און פאר ביתר, און פאר די יודען אין שפאניען מיט פארטוגאל, און פאר די יודען וואס אין מאראקא, און אויך פאר אונזערע וואס אין אומאן אמאל און וואס אין אנדערע ערטער אויך היינט... און פאר די יודישע ספר תורה'ס, וואס מע האט צעריסען און פאר די... אי! אי! אי! געוואלד! ראטעוועט! ווער האלט דאס מיך פאר'ן אויער?

צוויי רעכטע סטוסאקעס פון אונטען און א פאר כפול־שמונה'דיגע פעטש פון פארנט האבען מיך אין איין כהרף עין אויסגעניכטערט און איך האב דערזעהן פאר זיך א בעקאנטען פארשוין, וואס איך וואלט געטענט שווערען, אז ס'איז „אחרים דער באשטאנשטשיק".

III.

אחרים דער באשטאנשטשיק האט פון קדמונים געהאלטען א „באשטאן", א גארטען, אדער א „באקטשי", ביי אונז אונטערן שטאדט. דאס הייסט ער האט אפגעדונגען א דעסיאטינע ערד און דארטען פערפיהרט א גארטען, געזעצט קאווענעס און דיניעס, אוגערקעס און קארטאפלעס, ציבעלעס און קנאבעל און רעטעכלעך און שאר ירקות, און געהאט דערפון שעהן פרנסה. פון וואנען האב איך געקענט אחרימען? ווייל ער האט מיט אונז געהאנדעלט, דאס הייסט ער פלעגט לייהען ביי מיין מאמען געלד אלע ערב פסח, און ארום סוכות־צייט פלעגט ער אנהויבען ביסלעכווייז פונ'ם פדיון איינצאהלען, און דאס געלד פלעגט פערשריבען ווערען ביי דער מאמען אין גראבען סדור אויף דעם לינקען טאוועל (דארט איז געווען איהר גאנצע בוכהאלטעריע) אין א זייט, אבגעטרעטען פון אחרימס וועגען א בעזונדער פלאץ, א בעזונדערע קאנטע, און אנגעצייכענט פון אויבען מיט גרויסע אותיות: חשבון אחרים, און נאך־דעם איז שוין געגאנגען די חשבונות: פון אחרים א קערביל. פון אחרים נאך א קערביל. פון אחרים צוויי קערבלעך. פון אחרים א האלב קערביל, פון אחרים א זעקעל קארטאפלעס, און אזוי ווייטער... און חאטש די מאמע איז געווען א יודינע נישט קיין גביר'טע, איין אלמנה מיט קינדער, און האט געלעבט פון „פראצענט", נאר ביי אחרימען קיין פראצענט האט זי נישט גענומען קיין מאל: ער פלעגט אונז צאהלען מיט גארטען־ווארג, אמאל מעהר אמאל ווינציגער, מיר

האָבען זיך מיט איהם קיין מאָל נישט געקריגט.

איז געווען אַ גערעט פלעגט ער אַליין אָנשיטען אונז אַ פולען קעלער מיט קאַרטאָפ'לעס און מיט אוגערקעס אויפ'ן גאַנצען ווינטער, און אַז נישט פלעגט ער זיך אָבבעטען ביי דער מאַמע:

— ניע וויבאַטשאַי, אַווראומיכע, באָ נע וואָראָדילאָ! דאָס הייסט: האָב קיין פאַראיבעל נישט, אברהמ'ס ווייב, ס'איז נישט געראָטען; און די מאַמע פלעגט איהם מוחל זיין דאָס מאָל און אָנזאָגען, אַז אם ירצה השם אויפ'ן אַנדערן יאָהר זאָל ער נישט זיין קיין דבר אַחר, און טאַקי אַזוי פלעגט זי איהם זאָגען כהאי לישנא ממש:

— ליאַדיוש, אָחרימאו סערדצע, יאַק באָה דאַסט נאַ טאָי האָד שאָב טי נע באַוו סוויניאַ!...

— דאָב'ע, אַווראומיכאַ, דאָברע! — פלעגט איהר אָחרים אָבענט־פערן און האַלטען וואָרט: די ערשטע גרינע ציבעלעס מיט'ן ערשטען יונגען קנאָבעל האָט ער תמיד געבראַכט צו טראָגען אונז; די ערשטע יונגעטשקע קאַרטאָפעלעך מיט די ערשטע גרינע אוגערקעס זענען תמיד געווען ביי אונז, גיכער ווי ביי די נגידים. און איך האָב נישט איין מאָל געהערט פון אונזערע שכנים און שכני'טעס, אַז דער אַלמנה איז גאָר נישט אַזוי שלעכט, ווי זי מאַכט דעם אָנשטעל. „זעהט נאָר, מע טראָגט איהר אַריין אין שטוב פון כל טוב"... סע פערשטעהט זיך, אַז איך האָב דאָס באַלד אָבגעטראָגען דער מאַמען אין אויער אַריין, האָט זיי די מאַמע גוט אויסגעשאָלטען:

— זאַלץ זיי אין די אויגען, שטיינער זיי אין האַרצען! ווער סע פערגינט מיר נישט, דער זאָל אַליין נישט האָבען! איך ווינש זיי איבער אַ יאָהר אויף מיין שטייגער!

סע פערשטעהט זיך, אַז איך האָב באַלד איבערגעגעבען אונזערע שכנטעס, וואָס די מאַמע האָט זיי געווינשעוועט... סע פערשטעהט זיך, אַז פאַר אַזעלכע ווערטער זענען זיי געווען אויף דער מאַמע להרוג ולאבד און אָנגערופען זי מיט אַזאַ נאָמען, וואָס מיר איז געווען אַ חרפה צו הערען... סע פערשטעהט זיך, אַז מיך האָט דאָס פערדראָסען און איך האָב דאָס באַלד אָבגעטראָגען דער מאַמען, האָט מיך די מאַמע מכבד געווען מיט צוויי פעטש און אָנגעזאָגט, איך זאָל אויפהערען אַרום־טראָגען „שלח־מנות" פון איינעם צום אַנדערן... פון די פעטש האָב איך געוויינט, און דאָס וואָרט „שלח־מנות" האָט מיר געפיקט אין מוח: איך האָב נישט פערשטאַנען פאַר וואָס רופט זי דאָס עפּים „שלח־מנות"?

אַ יום טוב פלעגט זיין ביי מיר, אַז איך פלעג דעריועהן פון דער־ווייטען אַחרימען מיט די גרויסע שטיוואלעס און מיט דער גראָבער ווייסער, וואַרעמער, וואָלענער סוויטע, וואס ער האט זי געטראָגען זומער און ווינטער. דעריועהן אַחרימען געהן, האָב איך געוואוסט, אַז דאָס טראָגט ער אונז אַפּולע פעלענע מיט גאַרטען־וואַרג, און איך פלעג לויפען אין קיך אָנזאָגען דער מאַמע די בשורה, אַז אַחרים איז געקומען.

IV.

בכלל דאַרף איך מודה זיין, אַז צווישען מיר מיט אַחרימען איז געווען אַ מין ליבע אַ פערבאָרגענע, אַ מין סימפּאַטיע, וואָס מע קען זי נישט אַרויסגעבען אין ווערטער. גערעדט האָבען מיר צווישען זיך כמעט קיין מאָל נישט; ערשטענס דערפאַר, וואָס איך האָב נישט פערשטאַנען זיין לשון און ער האָט נישט פערשטאַנען מיין לשון (דאָס הייסט איך איהם האָב פערשטאַנען, נאָר ער מיך מכות!) און צווייטענס האָב איך מיך געשעמט; אַזאַ גרויסער אַחרים — ווי אַזוי רעדט מען מיט איהם? פלעג איך דאַרפען אָנקומען צו דער מאַמען, זי זאָל זיין צווישען אונז דער טאָלמאַטש.

— מאַמע! פרעג איהם, פאַר וואָס ברענגט ער מיר נישט קיין ווינשעל?

— וואו זאָר ער דיר נעמען ווינשעל? אין אַ באַשטאַן איז נישטאָ קיין ווינשעל.

— למאי איז נישטאָ אין אַ באַשטאַן קיין ווינשעל?

— וואָרום אין אַ באַשטאַן וואַקסען נישט קיין ווינשעל־בוימער.

— למאי וואַקסען נישט אין אַ באַשטאַן קיין ווינשעל־בוימער?

— למאי, למאי, למאי — דו ביזט אַ געשלייערטע שיקסע! מאַכט צו מיר די מאַמע און וואַרפט מיר אויף אַ פּאַטש.

— אַווראומיכאַ, נע בעיי דעטינאַ! — מאַכט צו איהר אַחרים און שטעלט זיך איין פאַר מיר.

אָט אַזאַ מין ערל איז געווען אַחרים און ביי איהם בין איך דאָס גע־לעגען אַצונד אין די הענד.

מיט'ן שכל בעדאַרף מען פערשטעהן, אַז ס'איז מן הסתם אַזוי געווען די מעשה: אַחרים, אַז ער איז אָנגעקומען און דעריועהן ביי זיך אויפ'ן באַשטאַן אַזאַ חורבן, האָט ער תחלת בעדאַרפט נישט פערשטעהן וואָס

טהוט זיך דאָ, דערזעהן אַזאַ נפש ווי איך אַרבּייט מיט דער שווערד אויף אַלע זייטען, האָט אַחרים בּעדאַרפט איבּערקלערען אויף מיר מי יודע וואָס :—אַ נישט=גוטער, אַ שרעטעלע, אַיין אַנשיקעניש, און האָט געוויס זיך איבּערגעצלמ'ט עטליכע מאָל, נאָר נאָך=דעם, אַז ער איז צוגעגאַנגען נעהנ-טער און דערזעהן, אַז דאָס אַרבּייט אַזוי געטריי דוקא אַ יודיש יונגעל און דוקא מיט אַ הילצערנע שווערד, האָט ער מיך אָנגענומען בּיים אויער, נאָר אַזוי געשמאַק, אַז עס האָט מיך צוגעצויגען צו דער ערד און איך האָב אָנגעהויבּען שרייען נישט מיט מיין קול:

— אַי! אַי!! אַי!!! ווער ציהט דאָס מיך פאַר'ן אויער?

ערשט הערט שפּעטער נאָך די רעכטע סטוסאַקעס און נאָך די אמת'ע פּעטש, וואָס אַחרים האָט מיר איינגעטיילט האָבּען מיר זיך בּעגעגענט מיט די אויגען און האָבּען זיך בּיידע דערקענט איינס דאָס אַנדערע, און מיר זענען בּיידע געוועזען איבּערראַשט, געבּליבּען אָהן לשון.

— אַווראומיכענע דעטינאַ!? — האָט אַחרים אויסגעשריגען און האָט זיך איבּערגעצלמ'ט, און האָט גענומען בּעטראַכטען די היזקות, וואָס איך האָב איהם דאָ אָנגעאַרבּייט. בּעקוקט יעדע גראָדקע מיט איטליכ'ס שטיקעל ערד און עס האָט איהם אַזוי אָנגענומען בּיים האַרצען, אַז עס האָבּען זיך איהם געשטעלט טרערען אין די אויגען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ קעגען מיר צענויפגעלעגט בּיידע הענד בּיי זיך אויפ'ן בּויך און אַ פרעג געטהון מיך נאָר איין וואָרט:

— זאַ שטשאָ? — פאַר וואָס קומט דאָס מיר הייסט דאָס...

ערשט דאָ האָב איך צעקייט וואָס פאַר אַ חתונה איך האָב אָנגעאַר-בּייט און ווע מען איך האָב אַזוי שטאַרק גורם היזק געוועזען. און איך האָב זיך אַליין געפרעגט: „פאַר וואָס?" „פאַר וואָס?"...

— חאָדים! — מאַכט צו מיר אַחרים און נעמט מיך אָן פאַר אַ האַנד און איך בּויג זיך צו צו דער ערד פאַר שרעק, איך מיין אַט=אַט מאַכט ער פון מיר אַ פרעזשעניצע. נאָר אַחרים טשעפּעט מיך נישט; ער האַלט מיך נאָר שטאַרק פאַר דער האַנד, נאָר אַזוי שטאַרק, אַז עס שפּרינגען מיר די אויגען פונ'ם קאָפּ, און פיהרט מיך אָב אַהיים צו דער מאַמע און דערצעהלט איהר אויס אַלסדינג און גיט מיך איבּער אויף אַ י ה ר ע הענד...

ז.

זאָל איך אײַך דערצעהלען, וואָס איך האָב געהאַט פון דער מאַמע? זאָל איך אײַך אויסמאָלען איהר שרעק מיט איהר כעס מיט איהר ברעכען די הענד, בשעת אָחרים האָט איהר איבערגעגעבען מיט אַלע פּיטשטשיווקעס דעם גאַנצען חורבן, וואָס איך האָב איהם אָנגעמאַכט אין באַשטאַן? אָחרים האָט זיך נישט געפוילט, גענומען דעם שטעקען און בעוויזען מיט איהם דער מאַמע, ווי אַזוי איך האָב געאַרבייט אַהער און אַהין אויף אַלע זייטען, ווי אַזוי איך האָב געהאַקט און געבראָקט און געשטאָכען און געטרעטען מיט די פיס און די קאַרטאָפלעס פון דער ערד אַרויסגעגראָבען און די האָרענע פון די אוגערקעלעך, נאָר וואָס אויפגעגאַנגענע אוגערקעלעך... און פאַר וואָס? פאַר ווען?

— זאַשטשאָ, אָווראָומיכאַ, זאַשטשאָ?...

מעהר האָט אָחרים נישט געקענט רעדען; עס האָבען זיך איהם אַ פּנים געשטעלט די טרערען אין האַלז.

דעם רעכטען אמת מוז איך אײַך זאָגען, קינדער, איך וואָלט בעסער געוואָלט זײַן געפּאַטשט פון אָחרים׳ס הענד, איידער האָבען דאָס וואָס איך האָב געהאַט פון דער מאַמע פאַר שבועות און פון׳ם רבין נאָך שבועות... הײַנט די בזיונות, וואָס איך האָב נאָך־דעם געהאַט אַ גאַנץ קײַלעכיג יאָהר פון מײַנע חברים אין חדר, וואָס האָבען מיר צוגעזעצט זעהר אַ לײַטישען נאָמען: „באַשטאַנטשיק“, „יוסעל באַשטאַנטשיק“!... דער דאָזיגער שעהנער נאָמען איז מיר פערבליבען העט־העט כמעט ביז דער חתונה...

אָט ווי אַזוי איך בין געגאַנגען רײַסען גרינס אויף שבועות.

נאך א בלעטעל שיר השירים

נאָך אַ בְּלֶעטֶעל שִׁיר הַשִׁירִים.

א.

— גִיכֶער, בּוּזי, גִיכֶער! — זאָג איך צו בּוּזי'ן אַ טאָג פאַר שבועות, און נעהם זי פאַר אַ האַנד און מיר לאָזען זיך האַסטיג באַרג אַרויף. — דער טאָג שטעהט נישט, נאַרעלע. מיר דאַרפען דורכגעהן אַזאַ באַרג, און נאָכ'ן באַרג האָבּען מיר נאָך אַ טײַכעל. איבּער'ן טײַכעל געהט אַ קלאַדקע פון בּרעטער, הײסט עס „דאָס בּריקעל”. דאָס טײַכעל לויפט, די זשאַבּעס קוואַקען, די בּרעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך, און ערשט דאָרט, אויף יענער זײַט בּריקעל — דאָרט איז ערשט דער אמת'ער גן־עדן, בּוּזי! דאָרט ערשט הויבּען זיך אָן מײַנע מאַיאָנטקעס.

— דײַנע מאַיאָנטקעס?

— מײן איך, די „לעוואַדע”. אַ גרויס פעלד, וואָס ציהט זיך, ציהט זיך אָהן אַ סוף אָהן אַ בּרעג. מיט אַ גרינער קאָלדרע איז דאָס איבּערגעצויגען. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז דאָס בּעשפּרענקעלט. מיט רויטינקע צווײַקעלעך איז דאָס בּעצווײַקעלט. און ריחות זאָלסט דו הערען דאָרטען — די שענסטע בּשמים פון דער וועלט! און בּוימער האָבּ איך דאָרטען, אָהן אַ שיעור בּוימער, הויכע, צווײַגענדיגע בּוימער. און אַ בּערגעל האָבּ איך מיר דאָרט, וואָס איך זיץ אויף דעם. וויל איך, זיץ איך מיר. וויל איך, הויבּ איך מיך אויף דורכ'ן „שם־המפורש” און פליה מיר, ווי אַן אָדלער, העכער פון דער כּמאַרע. איבּער פעלדער און וועלדער, איבּער ימים און מדבּריות, בּיז איך קום אויף יענער זײַט הרי־חושך...

— און פון דאָרטען — שלאָגט מיך איבּער בּוּזי — געהסט דו צו פוס זיבּען מײַל, בּיז דו קומסט צו אַ וואַסערל.

— נײן. צו אַ געדיכטען וואַלד... פריהער געה איך וואַלד־אײַן, וואַלד־אויס, און ערשט נאָך דעם קום איך צו אַ וואַסערל...

— דאָס וואַסערל שווימסט דו אַריבער און צעהלסט אָפּ זיבען מאָל זיבען...

— וואַקסט אוים פאַר מיר אַנ׳ אַלטיטשקער מיט אַ לאַנגען באָרד...

— פרעגט ער דיך: „וואָס איז דיין בעגעהר?"

— זאָג איך איהם: „פיהר מיך אָפּ צו דער בת-מלכה"..

בוזי רייסט אַרוים איהר האַנד פון מיין האַנד און לאָזט זיך לויפען באַרג אַראָפּ. איך לויף איהר נאָך.

— בוזי, וואָס לויפסטו אַזוי?

בוזי ענטפערט נישט. זי איז ברוגז. זי האָט פיינד די בת-מלכה. אַלע מעשיות האָט זי ליעב, נאָר נישט די בת-מלכה...

ב.

ווער בוזי איז — דאַרפט איהר געדענקען. איך האָב אייך שוין אַמאָל דער־צעהלט. נאָר טאַמער האָט איהר פערגעסען, חזר איך אייך איבער נאָך אַ מאָל.

איך האָב געהאַט איין עלטערן ברודער — בעני — איז ער דער־טרונקען געוואָרען. נאָך איהם איז געבליבען אַ וואַסער-מיהל, אַ יונגע אַלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיהל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פערקויפט, די אַלמנה האָט חתונה געהאַט ערגיץ וויים און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונז.

דאָס איז געוועזען בוזי.

האַ-האַ-האַ! אַלע מיינען, אַז איך און בוזי זענען אַ ברודער מיט אַ שוועסטער. מיין טאַטען רופט זי טאַטע, מיין מאַמען רופט זי מאַמע, און מיר צווישען זיך לעבען ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער און האָבען זיך ליעב ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער.

ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער? פאַר וואָס זשע שעהמט זיך פאַר מיר בוזי?

איין מאָל האָט זיך געטראָפען אַ מעשה. מיר זענען געבליבען אַליין, אַליין אין צווייען איבער דער גאַנצער שטוב. פאַרנאַכטליך איז ד... געוועזען. פינסטערליך שוין. דער טאַטע איז געגאַנגען אין שוהל זאָגען קדיש נאָך מיין ברודער בעני, און די מאַמע — נאָך שוועבעלעך. איך און בוזי האָבען זיך פערשלאָגען אין אַ ווינקעלע און איך דערצעהל

4

איהר מעשיות. בוזי האָט ליעב, אַז איך דערצעהל איהר מעשיות. שעהנע מעשיות פון׳ם חדר, מעשיות פון טויזענד און איין נאַכט. זי רוקט זיך צו צו מיר גאַנץ נאָהנט. איהר האַנד איז אין מיין האַנד.

— דערצעהל, שימעק, דערצעהל.

שטיל לאָזט זיך אַראָב די נאַכט. פּאַוואָלי קלעטערן אויף די ווענד די שאָטענס, ציטערן, פּויזשען אויף דער ערד און צוקריכען זיך. קוים־קוים וואָס מיר זעהען זיך. נאָר איך פיהל, איהר הענדטעל ציטערט, און איך הער, איהר הערצעל קלאַפּט, און איך זעה, איהרע אויגען אין דער פינסטער גלאַנצען. פּלוצים רייסט זי אַרויס איהר האַנד פון מיין האַנד.

„וואָס איז בוזי?” „מען טאָר ניט”. „וואָס טאָר מען נישט?” „האַלטען זיך ביי די הענד”. „פאַר וואָס? ווער האָט דיר געזאָגט?” איך ווייס אַליין”.

„מיר זענען דען פרעמדע? מיר זענען דען נישט שוועסטער און ברודער?”

„ע! ווען מיר זאָלען זיין שוועסטער און ברודער!”... ציהט אויס בוזי און עס הערט זיך מיר אין איהרע ווערטער דאָס לשון פון שיר־השירים: „מי יתנך כאח לי — פאַר וואָס ביזט דו נישט מיר אַ ברודער?”

תמיד אַזוי. רעד איך פון בוזי׳ן, דערמאַהן איך מיך אין שיר־השירים.

ג.

וואו זשע האַלטען מיר? ערב־שבועות, מיר לויפען באַרג־אַראָפּ. פריהער בוזי, נאָך־דעם איך. בוזי איז אויף מיר ברוגז פאַר דער בת מלכה. אַלע מעשיות האָט זי ליעב, נאָר נישט די בת־מלכה. בוזי׳ס ברוגז זיין, איהר זאָלט גאָר קיין יסורים נישט האָבען, דויערט נישט אפילו אַזוי פיעל, ווי איך רעד צו איך. אָט קוקט זי שוין ווידער אויף מיר מיט איהרע גרויסע ליכטיגע פערטראַכטע אויגען, פערוואָרפט די האָר אַרונטער און זאָגט צו מיר:

— שימעק! אוי, שימעק! טהו נאָר אַ קוק, זעה אַ הימעל, דו זעהסט גאָר־נישט, וואָס אין דרויסען טהוט זיך!

— איך זעה, נאַרעלע, וואָס דען, איך זעה נישט? איך זעה אַ הימעל, איך פיהל אַ וואַרעם ווינטעלע, איך הער פויגעלעך פּישטשען און צוויטשען און טראָגען זיך איבער אונזערע קעפּ. דאָס איז אונזער הימעל, אונזער ווינטעלע, אונזערע פויגעלעך — אַלסדינג איז אונזערס, אונזערס, אונזערס! גיב אַהער דיין האַנד, בוזי!...

נײַן. זי גיט מיר נישט די האַנד. זי שעמט זיך. למאַי שעמט זיך פאַר מיר בוזי? למאַי איז זי רויט געוואָרען?

— דאָרטען, זאָגט מיר בוזי און לויפט פאָראויס — דאָרטען, אויף יענער זײַט בריקעל... און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז זי רעדט צו מיר מיט׳ן לשון פון שולמית, וואָס אין שיר־השירים: „לכה־דודי — קום, טהײַערער! לאָמיר געהן אין פעלד אַרויס! לאָמיר נעכטיגען אין די דערפער! לאָמיר זיך פאַדערן אין די ווײַנגערטנער! לאָמיר זעהן, אויב דער ווײַנשטאָק בליהט? אויב דער ווײַנצווײַג האָט זיך פאַנאַנדערגענומען? אויב די מילגראָמען שפּראָצען?״...

און אָט זענען מיר בײַם בריקעל.

ד.

דאָס טײַכעל לויפט, די זשאַבעס קוואַקען און די ברעטער שאָקלען זיך, הוידען זיך און בוזי ציטערט.

— אַי, ביזט דוא, בוזי, אַ... וואָס האָסט דוא מורא, נאַרעלע? האַלט זיך אָן אָן מיר, אָדער גיב, לאָמיך דיך אַרומנעהמען. איך דיך און דו מיך. זעהסט דו? אָט אַזוי. אָט אַזוי.

אויס בריקעל.

און אַזוי ווי מיר האָבען זיך אַרומגענומען, אַזוי געהען מיר שוין אין צווײַען, איינע אַליין איבער דעם דאָזיגען גן־עדן. בוזי האַלט זיך אָן מיר שטאַרק, זעהר שטאַרק. זי שווײַגט. נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז זי זאָגט צו מיר מיט׳ן לשון פון שיר־השירים: „אני לדודי ודודי לי — איך בין דײַנע און דוא ביזט מײַנער״...

די לעוואַדע איז גרויס. זי ציהט זיך אָהן אַ סוף, אָהן אַ ברעג. מיט אַ גרינער קאָלדרע איז זי איבערגעצויגען. מיט געלינקע שפּרענקעלעך איז זי בעשפּרענקעלט. מיט רויטינקע צוויקעלעך איז זי בעצוויקעלט און ריחות שמעקען דאָ, די שעהנסטע בשמים פון דער וועלט! און מיר געהען בײַדע אַרומגענומען, איינע אַליין, אין צווײַען, אינ׳ם דאָזיגען גן־עדן.

— שימעק! — זאָגט מיר בוזי און קוקט מיר גלײַך אין די אויגען אַרײַן און רוקט זיך צו צו מיר נאָך נעהנטער. — ווען וועלען מיר אָנהויבען רײַסען גרינס אויף שבועות?

— דער טאָג איז נאָך גענוג גרויס, נאַרעלע! — זאָג איך צו איהר און איך ברען. איך ווייס נישט, וואוהין זאָל איך קוקען פריהער: צי אין דער יאַרמאַלקע פונ׳ם בלאָהען הימעל? צי אויף דער גרינער קאָלדרע פונ׳ם ברייטען פעלד? צי אַהין אין עק וועלט אַריין, דאָרטען, וואו דער הימעל געהט זיך צונויף מיט דער ערד? צי אין בוזי׳ס ליכטיג פנים זאָל איך אַריינקוקען, אין בוזי׳ס שעהנע גרויסע אויגען, וואָס ווייזען מיר אזוי טיעף, ווי דער הימעל, און פערטראַכט, ווי די נאַכט? תמיד זענען איהרע אויגען פערטראַכט. אַ טיעפער זאָרג ליעגט אין זיי פערבאָרגען. מיט אַ שטילען טרויער זענען זיי איבערגעצויגען. איך ווייס איהר זאָרג. מיר איז בעקאַנט איהר טרויער. זי טראָגט אַ גרויסען וועהטאָג אין האַרצען. אַ פערדראָס אויף איהר מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ פרעמדען טאַטען און איז אַוועקגעפאָהרען פון איהר אויף שטענדיג, אויף עביג, גלייך ווי זי וואָלט איהר אָנגעקעהרט אַ פרעמדע. אין שטוב טאָר איהר מוטערס נאָמען נישט דערמאָהנט ווערען, גלייך ווי זי וואָלט גאָר קיין מאָל נישט געהאַט קיין מאַמע. מיין מאַמע — דאָס איז איהר מאַמע. מיין טאַטע — דאָס איז איהר טאַטע. און זיי האָבען איהר ליעב ווי אַנ׳ אייגען קינד, ציטערן איבער איהר, גיבען איהר נאָך, וואָס איהר האַרץ געלוסט. נישטאָ קיין צו טהייערס פאַר בוזי׳ן. בוזי האָט געזאָגט, אַז זי וויל געהן מיט מיר אָנרייסען גרינס אויף שבועות (דאָס האָב איך זי אַרויפגעפיהרט דערויף), האָט דער טאַטע אַ זאָג געטהון צו דער מאַמע: „ווי מיינסט דו?״ און בעת־מעשה האָט ער אַריבערגעקוקט אַריבער די זילבערנע ברילען און געגלעט זיך די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער־באָרד. און עס געהט אַוועק אַ שמועס צווישען טאַטע־מאַמע וועגען אונזער געהן אַליין אונטער דער שטאָדט אַרויס אָנרייסען גרינס אויף שבועות:

דער טאַטע: וואָס זאָגסט דו?
די מאַמע: וואָס זאָגסט דו?
דער טאַטע: זאָל מען זיי לאָזען געהן?
די מאַמע: פאַר וואָס זאָל מען זיי נישט לאָזען געהן?
דער טאַטע: איך זאָג דען, אַז ניין?
די מאַמע: וואָס זשע דען זאָגסטו?
דער טאַטע: איך זאָג נאָר, צי זאָלען זיי געהן?
די מאַמע: פאַר וואָס זאָלען זיי נישט געהן?

און אַזוי ווייטער. איך ווייס, וואָס זיי קוועטשט. אפשר צוואַנציג מאָל זאָגט מיר אָן דער טאַטע, און נאָכ׳ן טאַטען אויך די מאַמע, אַז

דאָרט איז דאָ אַ בריקעל, און אונטער'ן בריקעל איז דאָ אַ וואַסער, אַ טײַכעל, אַ טײַכעל, אַ טײַכעל...

ה.

מיר (איך און בוזי) האָבען שוין לאַנג פערגעסען דאָס בריקעל מיט'ן וואַסער, מיט'ן טײַכעל. מיר טראָגען זיך איבער דער ברייטער פרייער לעוואַדע, אונטער'ן ברייטען פרייען הימעל. מיר לויפען איבער'ן גרינעם פעלד, פאַלען און קאַטשען זיך אין'ם שמעקענדיגען גראָז. מיר שטעהען אויף, פאַלען און קאַטשען זיך נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, און קיין גרינס אויף שבועות הויבען מיר נאָך אַלץ נישט אָן צו רייסען. איך פיהר בוזי'ן אין דער לענג און אין דער ברייט איבער דער לעוואַדע. איך בערימ זיך פאַר איהר מיט מיינע מאַיאָנטקעס.

— זעהסט דוּא אַט די בוימער? זעהסט דוּא אַט דעם זאַמד? זעהסט דוּא אַט דאָס בערגעל?

— איז דאָס אין גאַנצען דיינס?

אַזוי זאָגט צו מיר בוזי און איהרע אויגען לאַכען. מיך פערדריסט עס, וואָס זי לאַכט. תמיד איז ביי איהר אַזאַ טבע לאַכען פון מיר. איך בלאָז מיך אָן און קערעװע מיך אַפּ אויף אַ ווײַלע פון בוזי'ן. שטויסט זיך בוזי, אַז איך בין ברוגז. פערגעהט זי צו מיר פון פאָרנט, פערקוקט מיר אין די אויגען אַריין און נעהמט מיך אָן ביי דער האַנד און זאָגט צו מיר: „שימעק!"... פליהט אַוועק דער רוגז און אַלעס ווערט פערגעסען. און איך נעהם זי פאַר דער האַנד און איך פיהר זי צו מיין בערגעל, דאָרטען וואו איך זיץ מיר תמיד, אַלע יאָהר. ווייל איך, זיץ איך מיר. ווייל איך, הויב איך מיך אויף דורכ'ן „שם-המפורש" און פליה מיר, ווי אַן' אָדלער, העכער פון דער כמאַרע, איבער פעלדער און וועלדער, איבער ימים און מדבריות...

ו.

דאָרטען, אויפ'ן בערגעל, זיצען מיר. איך און בוזי (קיין גרינס אויף שבועות האָבען מיר נאָך אַלץ נישט אָנגעריסען), און דערצעהלען מעשיות.

8

דאָס הייסט: איך דערציילט אין זי האָרכט. איך דערצעהל איהר פון דעם וואָס וועט זיין אַמאָל, אַמאָל, אַז איך וועל זיין אַ גרויסער און זי אַ גרויסע, און מיר וועלען זיך נעהמען... מיר וועלען זיך באַלד אויפהויבען דורכ'ן שם־המפורש אַריבער דער כמאַרע און וועלען אַרומרייזען די גאַנצע וועלט. פריהער וועלען מיר זיין אין אַלע לענדער, וואו אלכסנדר מוקדון איז געווען. און נאָך דעם וועלען מיר געבען אַ פאָהר איבער קיין ארץ־ישראל. דאָרט וועלען מיר זיין אויף אַלע בשמים־בערג, אין אַלע וויין־גערטנער, אָנשטופען פולע קעשענעס מיט באָקסערן, פייגען, טייטלען און איילבורטען און איועקפליהען פון דאָרטען נאָך ווייטער און ווייטער. און אומעדום וועלען מיר אָפּטהון אַנ'אַנדער שפּיצעל, וואָרום קיינער וועט דאָך אונז נישט זעהן...

— קיינער וועט אונז נישט זעהן? — פרעגט מיך בוזי און האַפּט מיך אָן פאַר די הענד.

— קיינער, קיינער! מיר וועלען זעהן אַלעמען, און אונז וועט נישט זעהן קיינער!

— ווי באַלד אַזוי, שימעק, האָב איך צו דיר אַ בקשה.

— אַ בקשה?

— אַ קליינע בקשה...

נאָר איך ווייס פריהער איהר בקשה. זי וויל, אַז מיר זאָלען זיך דורך־פאָהרען אַהין, וואו איהר מאַמע האָט חתונה געהאַט... אָפּטהון עפּיס אַ שפּיצעל איהר שטיף־טאַטען...

— פאַר וואָס נישט? — זאָג איך צו איהר. — מיט'ן גרעסטען כבוד! אויף מיר מעגסט דו זיך שוין פערלאָזען, נאַרעלע. איך קאָן זיי אָפּטהון אַזעלכעס, אַז זיי זאָלען מיך האָבען צו געדענקען!

— נישט זיי, נאָר איהם, איהם אַליין, — בעט זיך ביי מיר בוזי. נאָר נישט אַזוי גיך פועל'ט זי דאָס ביי מיר; מיך, אַז מע צו־בעס'ט, איז מיט סכנת־נפשות! וואָס הייסט, איך וועל איהר אָפּשווייגען אַזאַ מעשה, אַ פאָטעפּאַלנאָסט פון אַ ווייבעל? נעמען און חתונה האָבען מיט אַנ' אַנדער טאַטען, פערפאָהרען צו אַלרע שוואַרצע יאָהר און אוועקוואַרפען אַ קינד, נישט אַריינשרייבען קיין בריוועל אַפילו! היתכן, וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ רציחה?!...

ז.

אומזיסט האָב איך מיך אַזוי צופלאַקערט. איך האָב חרטה, ווי הינט עסען מיך, נאָר ס'איז שוין פערפאַלען. בוזי האָט פערשטעלט דאָס פּנים מיט ביידע הענד. זי וויינט? איך וואָלט גענומען און צוריסען זיך אַליין אויף שטיקלעך! צו וואָס האָט מיר געטויגט אָנריהרען איהר ווע-טאָג — די מאַמע איהרע? שטיל אין האַרצען ביי זיך רוף איך מיך אָן מיט אַלע מיאוסע נעמען: „פערד! בהמה! אָקס! קאַלב! לעקיש! לאַנגע צונג!“... איך רוק מיך צו צו איהר. איך נעהם זי אָן ביי דער האַנד: „בוזי! בוזי!“ איך וויל איהר זאָגען מיט'ן לשון פון שיר-השירים: „הראיני את מראיך — לאָז מיר זעהן דיין פּנים, השמיעיני את קולך — לאָז מיך הערען דיין שטים“...

פּלוצים... פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַהער דער טאַטע מיט דער מאַמען?

ח.

דעם טאַטענס זילבערנע ברילען גלאַנצען פון דער ווייטען. די זילבערנע פּעדעם פון זיין זילבער-באָרד האָבען זיך צולאָזט אויפ'ןווינטעל, און די מאַמע מאַכט צו אונז פון דער ווייטען מיט דער פּאַטשיילע. מיר ביידע, איך און בוזי, זענען געבליבען זיצען, ווי געלעהמט. וואָס טהוען דאָ טאַטע-מאַמע?

דאָס זענען זיי געקומען צו אונז אַהער, געוואָהר ווערען, וואָס מיר מאַכען. צי האָט זיך נישט עטראָפען מיט אונז, חס-ושלום, עפּיס אַיין אונגליק? אַ קשיא אויף אַ מעשה — אַ בריקעל, אַ וואַסער, אַ טייכעל, אַ טייכעל, אַ טייבעל...

מאָדנע טאַטע-מאַמע!

— און וואו איז אייער גרינם?

— וואָסער גרינם?

— דאָס גרינם, וואָס איהר זענט געגאַנגען אָנרייסען אויף שבועות?...

מיר ביידע, איך און בוזי, קוקען זיך איבער. איך פערשטעה איהרע אויגען. איך פערשטעה איהר קוק. און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך הער, ווי זי זאָגט צו מיר מיט'ן לשון פון שיר-השירים:

„מי יתנך כאח לי — אָ, ווען דו וואָלסט געווען מיר אַ ברודער!... פאַר וואָס ביזט דו מיר נישט קיין ברודער?...“

— — — — — — — — — — — — —

— מילא נרינם אוף שבועות וועט שוין מסתמא ווי עס איז זיין — זאָגט דער טאַטע מיט אַ שמייכעל און די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער־באָרד גלאַנצען אָפּ אין די ליכטיגע־שטראַהלען פון דער גינגאָלדענער זון. — אַבי געלויבט דער אויבערשטער די קינדער זענען געזונד און ס'איז זיי חלילה קיין זאַך נישט געשעהן.

— געלויבט איז גאָט! — ענטפערט איהם די מאַמע אוןווישט זיך מיט דער פאַטשיילע דאָס רויטע פערשוויצטע פנים. און ביידע קוועלען זיי אָן, ווערען ברייטער ווי לענגער.

מאָרנע, מאָרנע טאַטע־מאַמע!

— — — — — — — — — — — — —

„צער בעלי חיים".

(געדאנקען פון א נארישׁ יונגעל).

א.

— זאלסט זיין א וואהל יונגעלע, וואלסט דו אונז געהאלפען אנרייבען חריין, ביז מיר וועלען פארטיג ווערען מיט די פישׁ לכבוד דעם היילינען יום טוב.

אזוי מאכט צו מיר די מאמע ערב שבועות נאך האלבען טאג, און אין־איינעם מיט דער קעכין שאבט זי די פישׁ צו דער מילכיגע סעודה, נאך לעבעדיגע, נאך צאפעלדיגע פישׁ! וואס אז מע האט זיי אריינגעלעגט אין א שיסעל, א גרויסע ליימענע געגלייזטע שיסעל מיט וואסער האבען זיי זיך נאך געווארפען.

מעהר פון אלע האט זיך געווארפען א קליין קארעסעל נעבאך מיט א גרוים בייכעלע, מיט א קיילעכיג מוילכעל און מיט רויטע אויגעלעך. דאס דאזיגע קארעסעל האט שטארק חשק געהאט א פנים צוריק אין טייך אריין, האט זיך עס געווארפען, געשפרונגען פון שיסעל ארויס, געעפענט דאס מוילכעל, געפאטשט מיט'ן עק'ל און געשפריצט מיר דאס וואסער גלייך אין פנים אריין: „יונגעלע, ראטעווע מיך!... ראטעווע מיך!..."

איך ווישׁ אויס דאס פנים און נעם זיך צו דער ארבייט רייבען חריין אויף יום טוב, און טראכט מיר: „ארעם קארעסעל וואס דו ביזט! איך קאן דיר גארנישט טהון... אט וועט מען דיך נעמען צו דער ארבייט. מע וועט דיך אבשאבען, וועט מען דיר אויפטרענען דאס בייכעלע. אויסטרויבערן די קישקעלעך. נאך דעם וועט מען דיך צעשניידען אויף שטיקלעך, אריינלעגען אין טעפעל אריין, בעזאלצען און בעפעפערן, אוועקשטעלען אויפ'ן פייער און קאכען און פרעגלען און בראטען און בראטען און בראטען"...

— ארחמנות, זאָג איך צו דער מאַמע, א צער בעלי חיים.
— אויף וועמען א צער בעלי חיים?
— אויף די פישעלעך.
— ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?
— דער רבי.
— דער רבי?
זי קוקט זיך איבער מיט דער קעכין, וואָס העלפט איהר שאָבען די פיש און בייזע צעלאַכען זיך.
— דו ביזט א נאַר און דיין רבי איז נאָך א גרעסערער. חא־חא...
רייב דעם חריין, רייב!
אַז איך בין א נאַר — דאָס ווייס איך. דאָס זאָגט מיר די מאַמע אַלע מאָל. און דער טאַטע אויך. און די ברידער אויך. און די שוועסטער אויך. נאָר אַז דער רבי איז נאָך א גרעסערער נאַר, ווי איך — דאָס איז ביי מיר א נייעס.

ב.

איך האָב א חבר פינילע, א שוחט'ס א יונגעל. בין איך געקומען אַמאָל צו איהם צו גאַסט און האָב דערזעהן ווי א קליין מיידעל האָט געבראַנגט צו זיי צו טראָגען, א גרויסען גאַלאַנאַנסקען האָהן, געפענטעט די פיס מיט שטריקלעך. מיין חבר'ס פאָטער, דער שוחט, איז געשלאָפען, און דאָס מיידעל איז געזעסען ביי דער טהיר און געוואַרט. דער האָהן, א יונגאַטש מיט ביינער, האָט זיך געריסען נעבאָך פונ'ם מיידעל'ס הענד, געדריגעט מיט די געזונדטע פיס איהר אין בויך אַריין, דערלאַנגט א פיק איהר אין האַנד אַריין, אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל א „קאָ־קאָ־קאָ" פונ'ם האַלז — געפראַטעסטירט ווי ווייט מעגליך. דאָס מיידעל איז אָבער אויך נישט געווען קיין פראַמאַך. האָט זי דעם האָהנ'ס קעפעל אַריינגעלעגט צו זיך אונטערן אָרעם, געגעבען איהם אַלע מאָל א שטורך מיט'ן עלענבויגען און א זאָג דערביי:
— זיץ אין געהאַקטע וואונדען.
און ער האָט זי געפאָלגט און געזעסען אין געהאַקטע וואונדען.
נאָך דעם אַז דער שוחט איז אויפגעשטאַנען, האָט ער געוואַשען די הענד און אַרויסגענומען דעם חלף. ער האָט מיט א וואונק געהייסען זיך

דערלאַנגען דעם האָהן. איך האָב דערזעהן, אַז אויפ'ן בחור איז געקומען אַ נייע הויט. עס האָט זיך איהם אַ פּנים אויסגעוויזען, אַז דאָס בינדט מען איהם אָב די געפּענטעטע פיס, און מע לאָזט איהם אָב פריי, צו זיינע היהנער, צו דער פּראָסע און צו דער קאָרעטע מיט וואַסער. צום סוף האָט איהם דער שוחט אַ גאַם געטהון זיך צווישען די פיס, מיט איין האַנד פערדריסען איהם דאָס קעפּעל, מיט די אַנדערע אויסגעפליקט איהם עטליכע פעדערלעך איהם אַ טובה געטהון און געמאַכט אַ ברכה — און תיכף — מיט'ן חלף איבערן האַלז, אָבגעצאַפּט אַ ביסעל בלוט אין אַש אַריין, און אַ שליידער פון זיך. איך האָב געמיינט ער וועט צושאָטען ווערען.

— פיני! דיין טאַטע איז אַ גוי — זאָג איך צו מיין חבר.

— מיט וואָס איז ער אַ גוי.

— נישטאָ ביי איהם קיין „צער בעלי חיים”.

— איך האָב גאָר נישט געוואוסט, אַז דו ביזט אַזאַ חכם — זאָגט צו מיר מיין חבר און טראָגט מיר אונטער אַ גאַנץ שעהנע פייג גלייך אונ־טער דער נאָז.

ג.

אונזער קעכין איז אַ בלינדע אויף איין אויג. מע רופט זי „פרומע מיט'ן אויגעל”. אַ מויד אָהן אַ האַרץ. איין מאָל האָט זי אָבגעשמיסען די קאַץ מיט קראָפּיווע דערפאַר, וואָס האָט זיך איהר אויסגעוויזען, אַז די קאַץ האָט אַוועקגעשלעפּט אַ לעבערל פונ'ם זאַלץ־ברעטעל. צום סוף אַז זי האָט איבערגעצעהלט נאָך אַמאָל די עופות מיט די לעבערלעך, האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי האָט געהאַט אַ טעות. זי האָט גערעכענט אַז מע האָט געקוילעט זיבען עופות, האָט בעדאַרפט זיין נאָך איהר חשבון זיבען לעבערלעך, און ס'איז נאָר געווען זעקס עופות. און ווי באַלד אַז זעקס עופות, דאַרף דאָך מעהר נישט זיין אַז זעקס לעבערלעך. — גאָטס נסים!... אומזיסט חושד געווען אַ קאַץ.

קענט איהר מיינען, אַז פרומע האָט זיך גענומען צום האַרצען, גע־גאַנגען מסתמא איבערבעטען די קאַץ! ווייס איך וואָס — פערגעסען, אי זי האָט פערגעסען, אי די קאַץ האָט פערגעסען. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז די קאַץ געזעסען גאַנץ סטאַטעטשנע אויפ'ן פּריפּעטשיק און בעלעקט זיך גלייך ווי ס'איז גאָרנישט געווען. נישט אומזיסט זאָגט מען, אַ קאַצענער מוח.

איך האָב אָבער נישט פֿערגעסען. ניין, איך האָב נישט פֿערגעסען. איך זאָג צו אונזער קעכין: „אומזיסט געשמיסען אַ קאַץ. אומזיסט גענומען אויף זיך אַנ׳עבירה — „צער בעלי חיים". גאָט וועט דיך שטראָפֿען".

— וועסט נישט אַוועקגעהן? אָט גיב איך דיר מיט דער האַנד-שיסקע איבער׳ן פּנים!

אזוי זאָגט פֿרומע מיט׳ן אויגעל און גיט צו:

— רבונו של עולם! פֿון וואַנען נעמען זיך אַזעלכע נאַרישע קינדער אויף דער וועלט?...

ד.

דאָס איז געווען איבער אַ הונד, וואָס מע האָט איהם אָפּגעקאָכט מיט זודיג וואַסער. טאַקי זי, די איינענע „פֿרומע מיט׳ן אויגעל". אַך, האָט איהם וועה געטהון דעם הונד! פֿריהער האָט ער געקוויטשעט, געשריגען, געבילט מיט סכנות נפשות, איינגעלעגט די וועלט. דאָס גאַנצע שטערטעל איז זיך צונויפֿגעלאָפֿען אויף זיין בייז וואונדער און געלאַכט, און געלאַכט. די אַלע איבריגע הינד וואָס אין שטעדטעל האָבען זיך אָבגערופֿען, איטליכער פֿון זיין מיסט, און איטליכער אויף זיין שטייגער, גלייך ווי מע פֿרעגט ביי זיי אַ דעה... נאָך דעם אז דער אָבגעקאָכטער האָט זיך גוט אויסגעקוויטשעט, האָט ער אָנגעהויבען וואָיען, אונטער-האַווקען, לעקען די פֿערוואונדעטע פֿעל און וויינען שטילערהייד. עס האָט מיך אָנגענומען ביים הארצען. איך געה צו צו איהם, איך וויל איהם שענקען אַ גלעט:

— נאַ, סירקאָ!

דער הונד האָט דערזעהן, אז איך הויב אויף די האַנד, האָט ער זיך אויפֿגעחאַפּט ווי נאָך אַמאָל איין אָבגעבריהטער, צעגויפֿגענומען דעם עק און איז אַוועק — אַוועק.

— סטאָי, סירקאָ! פּרוב איך מיך איהם איינשטילען מיט ווייכע רעד — וואָס אַנטלויפֿסט דו, נאַרעלע. איך וויל דיך דען טשעפּען?...

אַ הונד בלייבט אַ הונד. אַ שטומע צונג. ער ווייסט נישט פֿון קיין „צער בעלי חיים".

דערזעהט דער טאַטע, אז איך פּאַרע זיך מיט׳ן הונד, גיט ער מיר אַ רעכטע פּאַרציע:

אין חדר אַרײַן, דו הינט־שלעגער!...
בין איך שוין גאָר דער הינט־שלעגער.

ה.

און דאָס איז געווען איבער צוויי פויגעלעך. צוויי פשוטע, קלײנע פויגעלעך, וואָס צוויי שקציב'לעך, אײנער אַ גרעסערער, דער אַנדערער אַ קלענערער האָבען דערהרג'עט. די צוויי פויגעלעך, אַז זיי זענען אַראָבגעפאַלען אויף דער ערד, האָבען זיי נאָך געלעבט, געזעסען צעלאָזט די פעדערלעך, געציטערט נעבאַך און געפלאַטערט מיט אַלע אברים.

— ריהר זיך, דו מאָפּס! — האָט דאָס גרויסע שײגעצעל אַ זאָג געטהון צום קלענערן שײגעצעל, און זיי האָבען גענומען די אונטערגעשלאָגענע פויגעלעך אין די הענד אַרײַן און האָבען זיי געשלאָגען מיט די קעפּלעך אין בוים אַרײַן, ווי מיר אַ שטײגער שלאָגען די הושענא'ס אין שטענדער אַרײַן, ביז די פויגעלעך זענען אויסגעגאַנגען.

— וואָס טהוט איהר דאָס! האָב איך מיך נישט געקאָנט אײנהאַלטען און האָב מיך אַײנגעשטעלט צוצולויפען צו די שקצים'לעך.

— חיבאַ שטשאָ? וואָס איז דען — האָבען זיי מיר געענטפערט גאַנץ רוהיג — צעזש וואָראָבצי! ס'איז דאָך נישט מעהר הײסט דאָס ווי פויגעלעך, פּראָסטע פויגעלעך.

— און אַז פויגעלעך איז וואָס? אויף אַ פויגעלע איז דען נישט קײן רחמנות, קײן „צער בעלי חיים?"

בײדע שקצים האָבען זיך עפּיס מאָדנע איבערגעקוקט. און גלײַך ווי זיי האָבען זיך אויפגעערעדט נאָך פון פריהער, האָבען זיי מיך גענומען צו דער אַרבײַט...

אַז איך בין געקומען אַהײם, האָט מײַן קאַפּאָטקעלע אויסגעזאָגט די גאַנצע מעשה. האָט מיר דער טאַטע מקיים פּסק געווען לויט מײַן פערדיענסט.

— אָבגעריסענער נאַר! שרײַט אויף מיר דער טאַטע.

מילא „אָבגעריסענער נאַר" בין איך איהם מוחל. פאַר וואָס קומט מיר אָבער פּעטש?!..

ו.

פאַר וואָס קומט מיר פּעטש? זאָגט דען נישט דער רבי אַליין, אַז אַלע בעשעפעניששען זענען ביים אויבערשטען טהייער? אַפּילו אַ פליג אויף דער וואַנד טאָר מען נישט זאַטשעפּען, זאָגט ער, איבער „צער בעלי חיים". אַפּילו אַ שפּין, וואָס איז שוין אַ מזיק, טאָר אויך אַ מענש נישט הרגנען. און ער זאָגט דאָס מיט אַ טעם: „ווען ס'זאָל איהם קומען, זאָגט ער, מיתה, ו'אָלט איהם גאָט אַליין הרגנען"...

פרעגט זיך אַ קשיא: „גוט. ווי באַלד אַזוי, הײַנט למאי קוילעט מען אָכסען, קעלבלעך, שאָף און עופות אַלע טאָג?..."

און נישט נאָר בהמות, חיות און עופות — מענשען הרג'נען זיך דען נישט איינם דאָס אַנדערע? אָט בשעת „פּאָגראָם" האָט מען דען נישט גע-וואָרפען קליינע קינדער, עופה'לעך, פונ'ם בוידעם אַראָב?...

האָט מען דען נישט גע'הרגע'ט אונזער שכנ'ס אַ מיידעלע? — פּערעלע האָט זי געהייסען. — און נאָך ווי אַזוי גע'הרג'עט!!...

אַך, ווי איך האָב ליעב געהאַט דאָס קינד! און ווי דאָס קינד האָט מיך ליעב געהאַט! „פּעטער בעבעבע" פלעגט זי מיך רופען — איך הײַס וועלוועלע — און רייסען מיך ביי דער נאָז מיט איהרע קליינע דינע זיסע פינגערלעך...

צוליעב איהר, צוליעב פּערעלען רופען שוין מיך אַלע „פּעטער בעבעבע".

— אָט נעהט דער „פּעטער בעבעבע", וועט ער דיך נעמען אויף די הענד.

ז.

פּערעלע איז געווען אַ קראַנק קינד. דאָס הייסט אַזוי איז זי געווען נישקשה, נאָר געהן האָט זי נישט געקענט. נישט געהן נישט שטעהן. נאָר זיצען. פלעגט מען זי דאַרפען טראָגען אויף די הענד אין דרויסען אַרוים. זעצען אין זאַמד אַריין, אויף דער זון. זי האָט ליעב געהאַט די זון. סכנות ליעב געהאַט. פלעג איך זיך אַרום-טראָגען מיט איהר, פלעגט זי מיך אַרומנעמען דעם האַלז מיט איהרע דינע זיסע פינגערלעך, זיך צוטוליען צו מיר מיט'ן גאַנצען — גאַנצען לייבעלע, אַרויפלעגען אויף מיר דאָס קליינע

קעפּעלע: „ליעב דעם פּעטער בּעבּעבּע".

אונזער שכנה קרעני זאָגט אַז זי קען נאָך עד היום נישט פערגעסען אָט דעם „פּעטער בּעבּעבּע", און טהוט זי אַ קוק אויף מיר אַזוי מוז זי, זאָגט זי, דערמאָהנען זיך אָן איהר פּערעלען...

בּייזערט זיך אויף איהר מיין מאַמע למאי זי וויינט. מע טאָר נישט וויינען, זאָגט די מאַמע. מע טאָר נישט זינדיגען. מע דאַרף פערגעסען... פערגעסען"...

אַזוי זאָגט איהר די מאַמע, און פערשלאָגט איהר „האַקע בּאַקע". און מיך טרייבּט די מאַמע דורך: „איך זאָל מיך נישט דרעהען פאַר די אויגען. וועט מען זיך נישט דערמאַהנען אָן דעם וואָס מע דאַרף נישט"...

חאַ חאַ, ווי איז דאָס מעגליך מע זאָל זיך נישט דערמאַהנען? און דערמאַהן איך זיך אינ'ם דאָזיגען קינד, אַזוי שטעלען זיך מיר טרעהרען אין די אויגען אַליין פון זיך, פון זיך...

— זעהט נאָר, ער וויינט שוין ווידער דער חכם! — רופט זיך אָן פרומע מיט'ן אויגעל צו דער מאַמען. און די מאַמע טהוט אויף מיר אַ גיבען קוק און צעלאַכט זיך:

— פערגאַנגען דיר דער חריין אין די אויוען אַריין! אַ מכה דער מאַמע! ס'אַ האַרבּער חריין דאָס איז! פערגעסען איהם אָנזאָגען צוזמאַכען די אויגען אַ צרה איז מיר!... נאַ דיר מיין פאַרטוך... וויש אוים די אויגען, נאַריש יונגעל, און די נאָז אין איין וועגם וויש אָפּ... די נאָז! די נאָז!...

די סוכה

די סוכה.

א.

פארהאַן מענשען, וואָס האָבען קיין זאַך נישט געלערענט און קאָנען אַלסדינג, אין ערגיץ נישט געוועזען און ווייכ'ען אַלסדינג, אויף קיין זאַך נישט פערטראַכט זיך און פערשטעהען אַלסדינג.

„געבענשטע הענד! — אַזוי רופט מען זיי, די דאָזיגע גליקליכע מענשען, און די וועלט איז זיי מקנא, חדוש'ן זיך און האָבען אָבשיי.

אָט אַזאַ מענש איז געווען ביי אונז אין כתרילעווקע און גערופען האָט מען איהם: איין מאָל משה.

דערפאַר האָט מען איהם גערופען „איין מאָל משה", ווייל אויף יעדער זאַך, וואָס ער האָט געזעהן, געהערט אָדער געמאַכט, האָט ער ליעב געהאַט צו זאָגען: „שוין איין מאָל אַזוי".

— ביי אונז אַ חזן אין שול — שוין איין מאָל אַ חזן!

— מע האָט געטראָגען איין אינדיק אויף פסח — שוין איין מאָל איין אינדיק!

— מאָרגען וועט דאָס זיין אַ פראָסט אין דרויסען — שוין איין מאָל אַ פראָסט!

— איז דאָס געפלויגען פעטש צו די הקפות — שוין איין מאָל פעטש!

— אוי, יודען, בין איך איין אָרעמאַן — שוין איין מאָל איין אָרעמאַן!

און אַזוי אויף אַלסדינג.

און געוועזען איז משה... איך קאָן איך נישט זאָגען, וואָס ער איז געוועזען, ער איז געוועזען אַ יוד; נאָר פון וואָס ער האָט געלעבט — איז שווער צו וויסען, ער האָט געלעבט ווי עס לעבען אַ סך טויזענדער,

צעהנער טויזענדער יודען לעבען אין כתריליעווקע. געדרעהט זיך אַרום פּריץ, דאָס הייסט נישט אַרום פּריץ אַליין, נאָר אַרום די פּריצים וואָס בייַ'ם פּריץ, און נישט אַרום די פּריצים גופא, נאָר אַרום די יודען וואָס דרעהען זיך אַרום די פּריצים וואָס בייַ'ם פּריץ, און צי האָט ער געהאַט פּרנסה — דאָס איז שוין ווידער אַ בעזונדערע מעשה, ווארום „איין מאָל משה" איז געווען אַ מענש וואָס האָט פייַנד געהאַט זיך בערימען מיט זייַן גוטסקייַט און בעקלאָגען זיך אויף זייַן שלעכטסקייַט, תמיד איז ער געווען פרעהליך, תמיד זענען איהם די בעקלעך געווען רויט, איין וואָנסע אַביסעל לענגער פון דער אַנדערער, דאָס היטעל אויף אַ זייַט און די אויגען תמיד גוטע, שמייכלענדיגע, ־עענדיג קיין צייַט נישט געהאַט און אַלע מאָל צו יעדער צייַט גאַנץ גרייט פון יענעמס וועגען געהן צעהן מייל צו פוס.

אָט אזא מין פּאַרשוין איז געווען אונזער „איין מאָל משה".

ב.

נישט געווען איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס „איין מאָל משה" זאָל דאָס נישט קענען מאַכען: אַ שטוב איז אַ שטוב, אַ זייגער איז אַ זייגער, אַ מאַשינע איז אַ מאַשינע, אַ לעמפּעל, אַ דריידיל, אַ קראַן, אַ שפּיגעל, איין עמער, אַ שטייַג — און וואָס נישט?

אמת, קיינער האָט נישט געקאָנט אָנווייַזען אויף די הייַזער מיט די זייגערס מיט די מאַשינעס וואָס זענען אַרויס פון זייַנע הענד, נאָר אַלע זענען געווען איבערצייַגט אַז משה קאָן; אַלע האָבען געזאָגט אַז ווען ער האָט געצייַג, קעהרט ער איבער וועלטען, דער גאַנצער אומגליק איז געווען: וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געצייַג, מיין איך פערקעהרט: דאָס איז טאַקי געווען דאָס גליק, וואָס איבער דעם איז די וועלט נישט איבערגעקעהרט געוואָרען, און די וועלט הייסט דאָס איז געבליבען אַ וועלט.

אַז מען האָט משה'ן נישט צוריסען אויף שטיקלעך, איז ער געווען איינער אַ גליקליכער! האָט זיך איבערגעדרעהט אַ שלאָס — צו וועמען איז מען געגאַנגען צו משה'ן, האָט זיך געשטעלט דער זייגער — צו משה'ן, פאַרשטאָפּט געוואָרען דער קראַן פונ'ם סאַמאָוואַר און עס קען אַך נישט צאַפּען — צו משה'ן; טאַראַקאַנעס, פּרוסאַקעס און אַנדערע

מאוס׳קײטען האָבען זיך פערפיהרט אין שטוב, װעמען פרעגט מען? משה׳ן; אַ טחויר האָט זיך אַרײנגעחאַפּט און שטיקט אַלע נאַכט די עופות, מיט װעמען האַלט מען זיך אײן עצה? מיט משה׳ן, װידער אַ מאָל „אײן מאָל משה" און טאַקי אָבער אַ מאָל „אײן מאָל משה!".

אמת, דעם איבערגעדרעהטען שלאָס האָט מען טאַקי נאָך דעם פערװאַרפען אײן איבערגעדרעהטען ערגיץ אויף אַ שאַפּע, דעם זײגער האָט מען געמוזט אָבגעבען צום זײגערמאַכער און דעם סאַמאָװאַר צום קעסלער, די טאַראַקאַנעס מיט די פּרוסאַקעס מיט די אַנדערע מאוס׳קײטען האָבען זיך אַ פּנים פאַר משה׳ן װיניציג װאָס איבערגעשראָקען, און דער טחויר האָט זיך געטהון דאָס װאָס אַ טחויר דאַרף טהון... נאָר „אײן מאָל משה" איז געבליבען דער אײגענער „אײן מאָל משה" װאָס פריהער, פּאָרט „געבענטשטע הענד", און מסתמא איז דאָך אין איהם עפּיס געװען אָזעלכעס. אַ װעלט איז דאָך נישט משוגע! אַ סימן האָט איהר: פאַר װאָס געהט מען נישט צו מיר אָדער צו אײך מיט קײן איבערגעדרעהטע שלעסער, מיט קײן זײגער׳ס, סאַמאָװאַרען, טחוירען, טאַראַקאַנעס, פּרוסאַקעס און אַנדערע מאוס׳קײטען? נישט אַלע מענשען זענען גלײך און טאַלענטען אויף דער װעלט זענען אַ פּנים פאַרהאַן געצעהלטע.

ג.

מיט דעם דאָזיגען „אײן מאָל משה" זענען מיר געװאָרען גאַנץ נאָהנטע שכנים אין אײן דירה אונטער אײן דאַך. איך זאָג „געװאָרען", װײל ביז אַהער זענען מיר געזעסען אין אונזער אײגענער דירה. נאָר עס האָט זיך בײ אונז פּלוצים גענעבען אַ דרעה דאָס רעדיל, די צײט איז אונז געװאָרען שלעכט, קײן „אָנזעצערס" האָבען מיר נישט געװאָלט זײן, האָבען מיר די דירה פערקויפט, אַרומגעצאָהלט זיך מיט די חובות און אַריבער־געצויגען זיך (ערב ראש השנה איז דאָס געװען) צו הערשקע מאַמציס, אין אײן אַלטער חורבה, אָהן אַ גאָרטען, אָהן אַ הויף, אָהן אַ גאַניק, אָהן לײב און אָהן לעבען.

— נו, אַ „חאַטע"! — זאָגט די מאַמע כלומר׳שט מיט אַ געלעכטער און איך זעה בײ איהר טרעהרען אויף די אויגען.

— זינדיג נישט! — זאָגט צו איהר דער טאַטע, שװאַרץ װי די ערד — דאַנקען גאָט דערפאַר

פאר וואס „דערפאר" — ווייס איך נישט, אפשר דערפאר וואס מיר זיצען נישט אין דרויסען? איך וואלט ליעבערשט געזעסען אין דרויסען איידער דא ביי הערשקע מאמצים אין שכנות מיט פרעמדע יונגלעך און מיט פרעמדע מיידלעך וואס איך ווייס זיי נישט און קען זיי נישט און וויל זיי נישט וויסען און וויל זיי נישט קענען מיט זייערע געלע הערעלעך, מיט זייערע נאסע נעזעלעך, מיט זייערע דינע פיסעלעך און גראבע בייכע-לעך, און אז זיי געהען קאטשען זיי זיך ווי די קאטשקעלעך, אליין האלטען זיי אין איין עסען, און אז יענער עסט קוקען זיי אין מויל אריין... איך האב דאס געהאלטען פאר א גרויסע עולה פון גאט, וואס ער האט ביי אונז צוגענומען די דירה. מיר האט נאך נישט אזוי באנק געטהון די דירה ווי די סוכה, וואס מיר האבען דארטען געהאט, א שטענ-דיגע, פון יאהר צו יאהר, מיט א פליגעל וואס הויבט זיך אויף און לאזט זיך אראב און מיט א שעהנער, געמאלטער סטעלי פון גרינע און געלע שטעקעלעך, אויסגעלעגט אין קעסטעלעך מיט מגן דוד'ן. אמת, גוטע פריינד האבען אונז אויסגערעדט דאס הארץ, אז מיר וועלען זי נאך אמאל אנקויפען צוריק, אדער, גאט וועט העלפען, מיר וועלען זיך אויס-בויען איין אנדער דירה, א סך א בעסערע און א גרעסערע און א שעהנערע פון יענער דירה... דאס איז אבער געוועזען אלץ נישט מעהר ווי טרייסט-ווערטער, קאלטע רפואות, פונקט אזעלכע טרייסט=ווערטער ווי בשעת איך האב צובראכען (אומגערן געוויינטליך) דאס בלעכענע זייגערל מיינס אויף שטיק-שטיקלעך, האט מיך די מאמע מכבד געוועזען מיט פעטש און דער טאטע האט מיר אויסגעווישט די אויגען, מיר צוגעזאגט קויפען איין אנדער זייגערל א סך א בעסערס און א גרעסערס און א שעהנערס פון יענעם זייגערל... וואס מעהר דער טאטע האט מיר געלויבט דאס נייע זייגערל וואס מע וועט מיר א מאל קויפען, אזוי מעהר האב איך געוויינט נאך יענעם, נאכ'ן אלטען זייגערל... שטילערהייד אז דער טאטע זאל נישט זעהן, האט די מאמע געוויינט נאך דער דירה, און דער טאטע האט געזיפצט און גע-קרעכצט און א שווארצער וואלקען האט צוגעדעקט זיין פנים און ברייטע קנייטשען האבען זיך געלעגט אויף זיין גרויסען ווייסען שטערן.

איך האב דאס געהאלטען פאר א גרויסע עולה פונ'ם רבונו של עולם, וואס ער האט צוגענומען ביי אונז אונזער אייגענע דירה...

— איך בעט דיך, זאלסט מיר געזונד זיין, וואס וועלען מיר טהון מיט א סוכה?

אזוי רופט זיך אָן די מאַמע צום טאַטען אין איינעם פון די עשרת ימי תשובה.

— דו קערהרסט אודאי וועלען זאָגען: וואָס וועלען מיר טהון אָהן אַ סוכּה?

אזוי ענטפערט איהר דער טאַטע, כּלומר׳שט מיט אַ שפּאַס, און איך זעה, אַז עס קאָסט איהם געזונד; איך זעה, אַז ער קערהרט זיך אָב אויף אַ זייט מע זאָל נישט זעהן זיין פּנים, וואָס איז בּעדעקט מיט אַ פינסטערע שווארצע חמארע, און די מאַמע שנייצט די נאָז אין פאַרטוך, שלינגט די טרעהרען, און איך — אויף זיי קוקענדיג. פּלוצים קערהרט זיך אום דער טאַטע מיט׳ן פּנים צו אונז עפּיס זעהר לעבּעדיג.

— שאַ! מיר האָבּען דאָך דאָ עפּיס אַ שכן משה.

— „שוין איין מאָל משה״? העלפט איהם אונטער די מאַמע און איך ווייס נישט, צי זי לאַכט צי זי מיינט דאָס ערנסט? אַ פּנים אַז ערנסט, וואָרום אין אַ האַלבּע שעה אַרום דרעהען זיך אַרום בּיי דער שטוב אַלע דריי, דאָס הייסט: דער טאַטע און משה און הערשקע מאַמציס, אונזער בּעל הבּית, און מע זוכט איין אָרט, וואו צו שטעלען די סוכּה.

ד.

הערשקע מאַמציס דירה איז אפילו אזוי אַ גאַנץ פיינע דירה, נאָר איין חסרון: זי שטעהט אין דרויסען און האָט נישט קיין פּיצעל הויף. זי זעהט אויס, ווי מע האָט זי פערלאָרען אין מיטען גאַס: עמיצער איז געגאַנגען און האָט פערלאָרען אַ דירה. אָהן אַ הויף, אָהן אַ הויז, אָהן אַ דאַך, די טהיר פון יענער זייט געסעל, ווי אַ קאַפּאָטע מיט׳ן סטאַן פון פאַרנט און מיט די קנעפּלעך פון אונטען — און רעדט מיט הערשקען, וועט ער אייך פערק׳אַפּען דעם קאָפּ מיט זיין דירה: ווי אַזוי ער האָט זיך געלאָדען פאַר דער דירה, ווי אַזוי ער האָט אויסגעלאָדען די דירה, ווי אַזוי מע האָט געוואָלט צונעהמען בּיי איהם די דירה, ווי אַזוי ער האָט זיך געשלאָגען פאַר דער דירה, און ווי אַזוי די דירה איז געבּליבּען זיין דירה...

— וואו רעכענט איהר, רב משה, צו שטעלען די סוכּה? פרעגט דער טאַטע בּיי „איין מאָל משה׳ן״, און „איין מאָל משה״, פערדריסען די

היטעל און פערטראַכט ווי אַ גרויסער אַרכיטעקטאָר, וואָס בעקלערט זעהר אַ גרויסען פּלאַן, ווייזט מיט ביידע הענד פון דאַנען אַהער און פון דאָרטען אַהין און וויל געבען צו פערשטעהן, אַז ווען די דירה שטעהט נישט אין דרויסען און האָט אַ הויף, פערשפּאָרט מען דעמאָלט צוויי ווענד און די סוכה ווערט ביי איהם פּאַרטיג אין איין טאָג, וואָס זאָג איך אין איין טאָג? אין איין שעה! נאָר אַזוי ווי די דירה האָט נ.— קיין הויף און מע דאַרף האָבען פיער ווענד, וועט דאָס ביי איהם אַ ביסעל געדויערן, נאָר דערפאַר וועט דאָס זיין אַ סוכה — שוין איינמאָל אַ סוכה! דער עיקר ס'זאָל נאָר זיין מאַטריאַל.

— מאַטריאַל וועט זיין, האָט איהר זשע אינסטרומענטען? — פרעגט איהם הערשקע.

— אינסטרומענטען וועלען זיך געפינען האָט איהר זשע געהילץ?

— פרעגט איהם משה.

— געהילץ איז פאַרהאַן, האָט איהר זשע צוועקעס? — פרעגט איהם הערשקע.

— צוועקעס קאָן מען קריגען, האָט איהר זשע סכך? פרעגט איהם משה.

— עפּים זענט איהר מיר היינט צו „דאָסיג", מאַכט הערשקע.

— צו וואָסיג? — פרעגט איהם משה און קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין, און ביידע צולאַכען זיי זיך.

ה.

נאָר אַז הערשקע מאַמצים האָט געבראַכט צו שלעפּען די ערשטע עטליכע ברעטלעך מיט די ערשטע פּאָר קלעצלעך, האָט שוין „איין מאָל משה" געזאָגט, אַז עם וועט אם ירצה השם זיין שוין „איין מאָל אַ סוכה". און איך בין געווען זעהר נייגעהריג צו וויסען, ווי אַזוי וועט ער דאָס מאַכען פון די דאָזיגע עטליכע ברעטלעך מיט די פּאָר קלעצלעך אַ סוכה? איך האָב מיך אויסגעבעטען ביי דער מאַמע, זי זאָל מיך לאָזען זיין דערביי בשעת משה וועט מאַכען די סוכה, און ביי משה'ן אַליין האָב איך דאָס באַלד געפּועל'ט; נישט נאָר, ער האָט מיר ערלויבט צו זיין דערביי, אדרבה — ער האָט מיר געזאָגט, איך זאָל איהם זיין אַ „פּאָמעטש", דאָס הייסט איך זאָל איהם העלפען דערלאַנגען און צוהאַלטען וואָס ער וועט מיר הייסען.

ס'פערשטעהט זיך אז איך בין פון אזא מעשה געווען אויפ'ן זיבענטען הימעל. א קלייניגקייט — איך וועל העלפען בויען א סוכה! און געהאלפען האב איך זעהר א סך: געהאלפען מאכען מיט די ליפען בשעת משה האט געקלאפט מיט'ן האמער, געהאלפען געהן אין שטוב אריין גלייך מיט איהם עסען, געהאלפען שרייען אויף די איבעריגע קינדער זיי זאלען אונז נישט שטערען די ארבייט און געהאלפען אונטער־טראגען איהם אלע מאל דעם האמער בשעת ער האט בעדארפט דעם זאסטאפ און דערלאנגען איהם די אבצווייגע בשעת ער האט בעדארפט האבען א צוויאק. איין אנדערער אויף זיין ארט וואלט פאר אזא מין „העלפען" מיט אזא מין „אונטערטראגען" געווארפען אין קאפ אריין דעם האמער אדער די אפצווייגע; נאר „איין מאל משה" איז געווען א מענש אהן א גאל, איהם האט נאך קיינער נישט געהאט די זכיה צו זעהן ער זאל זיין אין כעס.

— כעס, האט ער געזאגט, איז עבודה זרה; אזוי ווי די עבודה זרה העלפט. אזוי העלפט כעס...

און מחמת איך בין געווען זעהר פערטיעפט אין דער ארבייט, האב איך גארנישט בעמערקט ווי אזוי און פון וואסערע נסים ס'איז ביי אונז פארטיג געווארען די סוכה.

— קום, וועסט דו זעהן די סוכה וואס מיר האבען אויסגעבויט! — אזוי זאג איך דעם טאטען און שלעפ איהם ארויס פאר דער פאלע אין דרויסען ארויס, און דער טאטע קוועלט אן פון אונזער ארבייט, קוקט אויף משה'ן מיט א שמייכעלע און זאגט צו איהם, בעווייזענדיג אויף מיר:

— האט איהר חאטש געהאט פון איהם, רבי משה, א שטיקעל „פאמעטש"?

— שוין איין מאל א „פאמעטש"! זאגט משה און קוקט ארויף אויפ'ן דאך פון דער סוכה מיט יסורים.

— אונזער הערשקע זאל שוין ברענגען צו טראגען דעם סכך, וואלט שוין געווען איין מאל א סוכה!

ו.

הערשקע מאמצים האט אונז געפיהרט מיט'ן סכך, אבגעלעגט פון טאג אויף טאג, ביז גאט האט געהאלפען דעם טאג פון ערב סוכות האט

ער געבראַכט צו פיהרען אַוואָגען מיט דינע, דינע שטעקעלעך, אַ מין קאַמיש, וואָס וואַכסט ביי אונז אויף יענער זייט טייך אין געמייזעכטס, און מיר האָבען זיך גענומען דעקען די סוכה, דאָס הייסט, דעקען האָט געדעקט משה אַליין, און איך האָב געהאָלפען צוטרייבען די ציגען. וואָס האָבען זיך צוגעחאַפּט צום דאַזיגען סכך ווי צו עפּים רעכטס. איך וויים ניט, וואָס פאַר אַ טעם האָבען זיי געפונען אין די דאָזיגע ביטערע, גרינע שטעקעלעך.

מחמת הערשקע מאַמצים שטוב שטעהט אין דרויסען, דאָס הייסט אין אַ רשות הרבים, איז פון די ציגען געווען ניט אָבצוטרייבען זיך. אָט האָט איהר אַוועקגעטריבען איינע, איז געקומען די אַנדערע, נאָך ניט אַוועקגעטריבען די אַנדערע — אַהאַ, אָט איז שוין די ערשטע נאָך אַ מאָל אויסגעוואַכסען.

איך האָב זיי געטריבען מיט שטעקענס:

— אַ קאַז'אַ וואָן פון דאַנען! וויי־טער ביזט דו דאָ, דו נאַרישע ציגע? אַ קאַז'אַ!

דער רוח ווייסט זיי, פון וואַנען זענען זיי געוואָהר געוואָרען אַז ס'איז ביי אונז פאַראַן גרינער סכך! אַ פּנים זיי האָבען געגעבען צו וויסען איינס דאָס אַנדערע, ניט אַנדערש, וואָרום עס האָבען זיך צונויפגעקליבען אַרום אונז אַלע ציגען פון דער גאַנצער שטאָדט און איך, איינער אַליין האָב געמוזט מיט זיי אַלע מלחמה האַלטען!

אַז גאָט האָט געהאָלפען, דער גאַנצער סכך איז שוין געלעגען אויף דער סוכה, זענען די ציגען געבליבען שטעהן ווי די נאַראָנים, געקוקט אַרויף מיט נאַרישע אויגען און נאַריש געמעלה־גרה'ט. איך האָב דערלעבט אָן זיי אַ נקמה און האָב זיך אָנגערופען צו זיי:

— פאַר וואָס שלעפּט איהר איצטער ניט קיין סכך, נאַרישע ציגען?

עס ווייזט אויס, אַז זיי האָבען מיך פערשטאַנען: זיי האָבען זיך איינציגווייז אָנגעהויבען צוגעהן זוכען זיך איין אַנדער עובדא, און מיר האָבען זיך גענומען אויספוצען די סוכה פון אינוועניג. קודם כל האָבען מיר אויסגעשאָטען די ערד מיט געלע זאַמד, נאָך דעם האָבען מיר אַרום־געהאָנגען די וואַנד מיט אַלערליי קאָלדרעס פון אַלע דריי שכנים. און דאָרט וואו עס האָט ניט געחאַפּט קיין קאָלדרעס איז געהאָנגען אַ שאַל, און אַז עס האָט ניט געחאַפּט קיין שאַלען איז געהאָנגען אַ טישטוך אָדער אַ לייַלעך, און ערשט נאָך דעם האָבען מיר אַרויסגעטראָגען די טישען מיט די

בענקלעך, די לייכטער מיט די בענטש־ליכט, דאס געפעס מיט די מעסערס מיט די גאפלען מיט די לעפעל, און אלע דריי בעל־הבית'טעם זענען גע־גאנגען בענטשען ליכט און מאכען א ברכה „לישב בסוכה״.

ז׳

מיין מאמע, עליה השלום, איז געווען א יודענע, וואס האט ליעב געהאט וויינען. ימים נוראים — דאס זענען געווען איהרע ימים טובים, און פון זינט מיר האבען פערשפילט אונזער אייגענע דירה האבען זיך איהר די אויגען נישט אויסגעטריקענט אויף קיין מינוט. דער טאטע וואס איז אליין אויך ארומגעגאנגען אהן א קאפ, האט דאס נישט געוואלט ליידען, איהר געזאגט זי זאל מורא האבען פאר גאט, זי זאל נישט זינדיגען, ווארום ס'איז פארהאן נאך ערגערס, דאנקען גאט דערפאר... נאר דא אין סוכה, בשעת ליכט־בענטשען, האט זי פערשטעלט די אויגען מיט ביידע הענד און האט געקענט וויינען און וויינען שטילערהייד קיינער זאל נישט וויסען, אז זי וויינט. נאר נישט מיך נארט מען: איך האב גאנץ גוט געזעהן ווי די פלייצעס טרייסלען זיך איהר און טרעהרען רינען דורך די ווייסע, דינע פינגער און זיי פאלען אויפ'ן ווייסען טישטוך, און איך ווייס אפילו וואס זי וויינט!... איהר גליק, וואס דער טאטע גרייט זיך אין שוהל אריין, טהוט אן די שבת'דיגע שוין אפילו צוהאקטע, נאר כמעט ניידענע קאפאטע, נעמט זיך ארום מיט'ן געפלאכטענעם זיידענעם גארטעל, שטעקט אריין ביידע הענד אין גארטעל אריין און מיט א טיעפען יום־טוב'־דיגען זיפץ זאגט ער צו מיר:

— קום, לאמיר גיין, שוין צייט געהן אין שול אריין דאווענען.

איך נעהם די סדורים מיט די מחזורים און מיר לאזען זיך מיט'ן טאטען אין שוהל אריין, און די מאמע בלייבט דאווענען אין דערהיים און איך ווייס פריהער וואס זי וועט טהון: זי וועט וויינען, זי וועט זיך קענען גוט אנוויינען! והראיה, אז מיר זענען געקומען צוריק און אריין אין סוכה אריין מיט'ן שעהנ'ם בריטען גיט יום טוב און דער טאטע, האט זיך געשטעלט מאכען קידוש, דעם שעהנעם יום־טוב'דיגען קדוש מיט'ן שעהנעם יום־טוב'דיגען ניגון, האב איך זיך צוגעקוקט צו איהרע אויגען — זענען זיי געווען רויטליך און אונטערגעשוואלען די קישעלעך פון אונטען. אויך די נאז האט שטארק געגלאנצט, געבלישטשעט — און דאך האט

זי מיר אויסגעוויזען שעהן ווי די מוטער רחל אָדער ווי אביגיל, אָדער ווי די מלכה שבא, אָדער ווי אסתר המלכה, און קוקענדיג אויף איהר, דערמאָהן איך מיך אָן אַלע אונזערע שעהנע, יודישע טעכטער, די יפת תואר'ס, וואָס איך בין מיט זיי פאַרפריה בעקאָנט געוואָרען אין חדר. און קוק איך אויף מיין שעהנער מאַמען מיט איהר שעהן קלאָהר ווייס פנים, וואָס שיינט אַרויס פון דער שעהנער זיידענער יום־טוב'דיגער פאַטשיילע, מיט איהרע שעהנע, גרויסע פערזאָרגטע אויגען, פערקלעמט מיך ביי'ם האַרצען, וואָס אַזעלכע שעהנע אויגען דאַרפען שטענדיג וויינען, וואָס אַזעלכע שעהנע, ווייסע הענד דאַרפען געבען אַליין קאָכען און באַקען, און עס פערדריסט מיך אויפ'ן רבונו של עולם, פאַר וואָס ער גיט אונז נישט קיין געלד אַ סך, און איך בעט ביי גאָט ער זאָל מיך בעגליקען, איך זאָל געפינען עפיס איין אוצר פון אַ סך גאָלד און דימאַנטען מיט בריליאַנטען, אָדער לאָז קומען משיח, וועלען מיר אַלע געהן קיין אָרץ־ישראל און דאָרטען וועט דאָך שוין אונז אַלעמען זיין גוט!...

אַזוי טראַכט איך מיר און מיינע געדאַנקען הויבען מיך אויף און פערטראָגען מיך וויט, וויט אַהין צו מיינע גילדענע חלומות, וואָס איך וועל זיי נישט פערבייטען אויף כל הון דעלמא. און דער שעהנער יום־טוב'דיגער נגון פונ'ם טאַטענס שעהנעם יום־טוב'דיגען קידוש גיסט זיך מיר אַריין אין די אויערן אַריין:

כי בנו בחרת,
ואותנו קדשת,
מכל העמים!...

און איך פערשטעה די טייטש פון די דאָזיגע שעהנע, גוטע ווערטער:

דען אונז האָסט דו אויסדערוועהלט
און אונז האָסט דו אויסגעקליבען
פון אַלע פעלקער!...

אַ קליינינקייט, אַ פאָלק אַ מיוחס ביי גאָט? אַ פאָלק אַ בן יחיד? און עס ווערט מיר גוט אויפ'ן האַרצען: פונ'ם דאָזיגען גליקליכען אויסדערוועהלטען פאָלק! און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז איך בין אַ פרינץ... יאָ, אַ פרינץ, און די סוכה, דאָס איז אַ פּאַלאַץ, און דאָ רוהט די שכינה, און דאָ זיצט מיין מאַמע די יפת תואר, די מלכה שבא, און דאָ וועלען מיר מאַכען מאָרגען אי"ה דעם שעהנעם שהחיינו איבער דעם שענסטען פון אַלע פירות, איבער'ן אָתרוג — אַך, ווער קען זיך צו מיר גלייכען? ווער קען זיך צו מיר גלייכען!

ח׳

נאָכ׳ן טאַטען מאַכט קידוש „שוין איין מאָל משה״, — נישט דער קידוש, וואָס בײַם טאַטען, אָבער גאָר לאָ! — און נאָך איהם דער בּעל־הבּית אַליין הערשקע מאַמצים — אַ פּראָסטער יוד, אַ פּראָסטער קידוש, און מיר געהען זיך וואַשען און מאַכען המוציא, און אַלע דרײַ בּעל־הבּית׳טעס בּרענגען צו טראָגען די גוטע, וואַרעמע, פרישע, געפּעפּערטע, מחיה שמעקעדיגע פיש — און איטליכער זיצט זיך מיט זײַן געזינדעל בײַ זײַן טיש, אַ סך קוילעטשען, אַ סך הענד טונקען איין ווײַכען קוילעטש אין הייסער פיש־יויך, אַ סך מײַלער עסען. און אַ ווינדטעל בּלאָזט אַרײַן אין סוכּה דורך די דינע שוואַכע ווענטלעך און דורכ׳ן שיטערן סכך, און די ליכטלעך שמעלצען זיך, און אַלע עסען, עסען געשמאַק די יום־טוב׳דיגע סעודה — און עס שטעלט זיך מיר פאָר, אַז ס׳איז נישט קײַן סוכּה, נאָר אַ פּאַלאַץ, אַ גרויסער, אַ ליכטיגער פּאַלאַץ, און מיר, יודען, מיוחסים, פּרינצען, בּני יחידים, זיצען דאָ און עסען און טהוען זיך אָן וואוילטאָג: — אַשריכם ישראל — וואויל איז צו אײַך, יודעלעך, טראַכט איך מיר, קײנעם איז נישט אַזוי גוט, ווי אײַך! מכּות האָט נאָך עמיצער אַ זכיה צו זיצען אין אַזאַ שעהנער סוכּה, געדעקט מיט גרינעם סכך און אויסגעשאָטען מיט געלען זאַמד און בּעהאָנגען מיט די שעהנסטע קאָלדרעס פון דער וועלט, און אויפ׳ן טיש יום־טוב׳דיגע קוילעטשען מיט אָמת גוטע יום־טוב׳דיגע פיש, וואָס דאָס אַליין איז מאכל מלכים, הײַנט ווער שמועסט, אַז מע וועט נאָך... פלוצים — טררראַך! דער גאַנצער דאַך מיט׳ן סכך אויף אונזערע קעפּ, און נאָכ׳ן דאַך איין וואַנט און די אַנדערע וואַנט בּויגען זיך, פאַלען כורעים, און עפּיס אַ ציגע פליהט פון אויבּען אַראָב גלײַך אויף אונז, און מיט אַמאָל ווערד פינסטער חשך, אַלע ליכט אויסגעלאָשען, אַלע טישען איבּערגעקעהרט. און מיר אַלע, מיט די קוילעטשען, מיט׳ן געפּעס, מיט דער ציגע, ליגען אין זאַמד, און די לבנה שײַנט, און די שטערען קוקען, און די ציגע חאַפּט זיך אויף מיט שרעק אויף די דינע פיסלעך, בּלײַבּט שטעהן אַ ווײַלע און קוקט זיך אַרום מיט נאַרישע אויגען, ווי אַ זינדיגער מענש, און בּאַלד חאַפּט זי די פיס אויף די פלײצעס און מאַרש, ווי אַיין עזות פּנים איבּער טישען און איבּער בּענק און איבּער קעפּ מיט אַ געשרײַ: מע־ע־ע־ע! די ליכט אַלע אויסגעלאָשען, דאָס געפּעס צובּראָכען, די קוילעטשען אין זאַמד, מיר אַלע איבּער־געשראָקען אויף טויט. די ווײַבּער קוויטשען, די קלײנע קינדער ווײנען — אַ חורבּן! אַיין אָמת׳ער חורבּן!

* *

— אַ שעהנע סוּכּה האָט איהר אַנידערגעשטעלט! — זאָגט צו אונז נאָך דעם דער בעל־הבית הערשקע מאַמציס מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי מיר וואָלטען ביי איהם גענומען פאַר דער סוכה מי יודע וויפיעל—אַז איין ציעג האָט זי געקענט אַ נידערלעגען. אַ שעהנע סוכה!

— שוין איין מאָל אַ סוכה! — זאָגט שוין „איין מאָל משה", שטעהט ווי איין אויסגעפּאַטשטער און בעטראַכט מיט קאָפּ פון וואַנען איינגענטליך האָט זיך גענומען דער דאָזיגער חורבן — שוין איין מאָל אַ סוכה!

— יאָ, שוין איין מאָל אַ סוכה! קרימט איבער דער בעל הבית מיט סם המות, און אַלע העלפען איהם אונטער אין איין קול:

שוין איין מאָל אַ סוכה!..

א טוידטער אתרוג

אַ טוֹידְטֶער אֶתְרוֹג.

(אַ מעשה לכבוד יום טוב).

דערצעהלט

פון

שלום־עליכם.

א.

הייסען הייס איך לייב, צו דער תורה רופט מען מיך אויף יהודה לייב, דאָרט, אין דערהיים, שרייב איך מיך לעוו מאָיסעיעוויטש, צווישען דייטשען הייס איך הערר לעאָן, דאָ אין ענגלאַנד שרייבט מען מיר מיס־טער ליאָן, קינדווייס האָט מען מיך גערופען לייבעל און אין חדר האָט מען מיר צוגעגעבען אַ צונעמעניש: „לייב־דרויב־אָבדירעק”. אין חדר ביי אונז דאַרפט איהר וויסען האָט איטליכעס יונגעל זיין צונעמעניש, למשל: מאָטיל־קאַפּאָטיל, מאיר־דרעהער, מענדיל־פענדיל, חיים־קליין, איציק־שפּיציק, בעריל־צאַפּ... געפעלט אייך אַ ביסעל אַ גראַם? מילא אַז איציק איז שפּיציק, מענדיל איז פענדיל און חיים איז קליין — דאָס קען מען נאָך פערשטעהן; אָבער וואָס פאַר אַ מחותן איז בעריל מיט צאַפּ? למאי וואָס פאַר אַ משל איז לייב מיט אָבדירעק? פון דעסטוועגען וויל איך דאָס שטאַרק ניט ליידען און קריך זיך שלאָגען און חאַפּ פּעטש מיט קולעקעס מיט סטוסאַקעס מיט בעכענציס מיט שטשיפּאַלקעס פון אלע זייטען. מען מאַכט מיך בְּרוֹין און בְּלוֹי, וואָרום איך בין דער קלענסטער ביי אונז אין חדר, דער קלענסטער און דער שוואַכסטער און דער אָרימסטער; קיינער וועט זיך פאַח מיר ניט איינשטעלען,

אדרבה, אז צוויי נגידישע יונגלעך בעכען מיך, איינער זיצט אויף מיר רייטענדיג און דער אנדערער דרעהט מיר איין אויער, שטעהט דער הריטער, איין ארעמאנס א יונגעל, און פּאדטאקעוועט מיט א נגון:

אַט אַזוי! אַט אַזוי!
בעכעט איהם!
טעכעט איהם!
די עווערלעך,
די עווערלעך,
אַט אַזוי! אַט אַזוי!

דעמאלט ליעג איך שטיל ווי א קעצעלי, און אז מען לאזט מיך אפּ, געה איך מיר אוועק אין א ווינקעלי און וויין זיך אויס שטילער-הייד, וויש אויס די אויגען, רוק זיך צוריק צו חברה און ווער ווידער א מענש... בקצור, אז איהר וועט בעגעגענען אין דער דאזיגער מעשה א נאמען לייבעל, זאלט איהר וויסען, אז דאס בין איך.

אליין בין איך א געפּאקטער פּוחלעק, א נידעריגער, נאר א גראבער, מיט אזוי מחמת פּעטקייט, איך בין אויפן לייב דוקא א מאגערער, נאר דערפאר בין איך פּוחלעקוואטע. ווייל איך טראג גראבע וואטאווע הויזליך, א גראבע וואטאווע לייבעל מיט א גראבע וואטאווע קאפּאטקעלי, די מאמע, פערשטעהט איהר מיך. וויל עס זאל מיר זיין ווארעם און איך זאל מיך חלילה ניט פארקיהלען, האט זי מיך ארומגעוויקעלט מיט וואטען פון קאפּ ביז די פיס. זי מיינט, די מאמע הייסט דאס, אז וואס קומט ניט צו נוטץ פאר א יונגעל; וואס קומט זעהר צו נוטץ אויף א מיאטש, און נאך אויף א מיאטש. און נאך אויף א מיאטש — אלע יונגלעך האב איך איינגעטיילט מיט וואטע, געשלעפּט פון די הויזלעך און פונ'ם קאפּאטקעלע אזוי לאנג ביז מע האט דערזעהן, האב איך געחאפּט פּעטש מיט קולעקעס מיט סטוסאקעס מיט בעכענצעס מיט שטשיפּאלקעס. נאר לייבעל טהוט זיך זיינס, טהעלט וואטען.

אויפן פנים בין איך רויט, די באקען זענען ביי מיר בלויעליך, און די נאז תמיד פארקאיועט, תמיד פול ווי איין אויג: „איין אוצר ביי איהם צו אלרע שווארצע יאהר!" — אזוי זאגט די מאמע און רייבט לייבלען די נאז מיטן פארטוך אום ברחמנות און שרייט צו איהם: „נאך..." „נאך!..." נא דיר איין אנשיקעניש! א נאז! ס'זאל ניט זיין קיין נאז וואלט דאך געווען גוט. ערשטענס פארשפּארט מען דעקוטשען מיטן שנייצען און צווייטענס איז ניטא ווער ס'זאל פרווירען ווינטער

אויפן פראָסט... נישט איין מאָל פלעגט מיר איינפאַלען, ווי וואָלט זיין למשל ווען ס'זאָל גאָר לחלוטין נישט זיין קיין נאָז? ווען מענשען זאָלען ארומגעהן אָהן נעזער? אַי וואָס פאַר אַ פּנים וואָלטען מיר דעמאָלט געהאַט? בלייבט אַ קשיא!... נאָר איך האָב אייך געוואָלט דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ טוידטען אֶתרוג און אַרויף בין איך גאָר אויף ווייס איך וואָס... לכן ריים איך איבער אין מיטען און קעהר מיך אום מיט אייך צוריק צו דער מעשה מיטן טוידטען אֶתרוג.

ב.

מיין טאַטע „משה יענקיל דער נאמן" דיענט אין פּראָיעקט פון כמה וכמה יאָהרען, ער איז קאַסירער. ער בעקומט געהאַלט פינפטהאַלבען קאַרבען אַ וואָך און קוקט אַרויס אויף אַיין הוספה: אַז מע וועט איהם געבען איין הוספה וועט ער, זאָגט ער, היינטיגס יאָר אם ירצה השם קויפען אַיין אֶתרוג. נאָר די מאַמע (בתיה ביילה די נאמנ'טע רופט מען זי) גלויבט ניט אין אַזעלכע זאַכען; גיכער, זאָגט זי, וועט אומפאַלען אַ קאַזאַרמע און מענשען וועלען גע'הרג'ט ווערען איידער אַ בעל הבית וועט געבען אַיין הוספה.

איין מאָל פאַר ראש השנה איז לייבעל אָנגעקומען אויף אַזאַ מין שמועס צווישען טאַטע-מאַמע.

ער: עס זאָל זיך קעהרען די גאַנצע וועלט, מוז איך היינטיגען סכות האָבען אַיין אֶתרוג!

זי: די וועלט וועט זיך ניט קעהרען און דו וועסט קיין אֶתרוג נישט האָבען.

ער: אַזוי זאָגסט דו? ווי זשע איז אָבער דער דין אַז מע האָט מיר צוגעזאָגט געבען צו שטייער אויף אַיין אֶתרוג?

זי: וועט מען דאָס דאַרפען פאַרשרייבען אין ספר פּראַלניק, אַז ראש חודש קרעמעניץ האָט זיך געטראָפען אַ נס — עס איז גע'פגר'ט אַ בער אין וואַלד, נאָר וואָס דען? אַז איך וועל ניט גלויבען, וועל איך אויך ניט זיין קיין גרויסע אפּיקורס'טע.

ער: מעגסט דו יאָ גלויבען און ניט גלויבען — איך זאָג דיר אַז היינטיגען סכות האָבען מיר איין אייגענעם אֶתרוג.

זי: אָמן, הלואי, פון דיין מויל אין גאָטס אויערען!

— אָמן! אָמן! — טראַכט לייבעל ביי זיך אין האַרצען, און עס שטעלט זיך איהם פאָר, אַז דער פאָטער זיינער קומט אין שוהל אַריין ווי אַיין אַלטער שטאָדט בעל הבית מיט זיין אייגענעם אֶתרוג און מיט זיין אייגענעם לולב, און חאָטש משה יענקיל דער נאָמן איז אַ יוד פון שפיגעל-באַנק, פון דעסטוועגען אַז ס'קומט צו די הושענא'ס און דער עולם מאַכט אַ שפּאַציער מיט די אֶתרוגים אַרום דער בימה געהט משה יענקיל אויך אין קאָן גלייך מיט אַלע מזרח-לייט, און לייבילס האַרץ קוועלט און פרייעדט זיך... געקומען אין חדר, קאָן זיך לייבעל נישט איינהאַלטען און פּויקט אוים אַז היינטיגען יום טוב וועלען זיי האָבען אַיין אֶתרוג „אַיין אייגענעם אֶתרוג!" נאָר קיינער וויל איהם נישט גלויבען.

— וואָס זאָגט אַ'הר אויף זיין טאַטען? רעדען חברה שקצים צווישען זיך — אַזאַ כתריליק, אַזאַ קבצן שבקבצן גלוסט זיך אַיין אֶתרוג! ער מיינט אַ פּנים ס'איז אַ לימענע, אַיין עפּעל פאַר אַ גראָשען!...

אַזוי זאָגען חברה שקצים און מען איז איהם נאָך מכבד ווי אַלע מאָל מיט שעהנע עטליכע פעטש, קורעקעס, סטוסאַקעס, בעכענצעס און שטשיפּאַלקעס... און לייביל הויבט אָן גלויבען, אַז זיין טאַטע איז אַ כתריליק, אַ קבצן שבקבצנים. און אַ קבצן טאָר זיך ניט גלוסטען... ווי איבעראַשט איז ער אָבער אַז ער קומט אַ היים און טרעפט רב העניזעל דעם שוחט מיט דער נאַפּעליאָנקע אויפן קאָפּ זיצען מיטן פאָטער ביים טיש און פאַר זיי שטעהט אַ קעסטיל מיט אֶתרוגים וואָס לאָזען זיך הערען מיט זייער גן עדן ריח איבער דער גאַנצער שטוב.

ג.

די „נאַפּעליאָנקע", וואָס רב העניזיל דער שוחט טראָגט אויפ'ן קאָפּ איז אַזאַ מין שטריימעל, אָדער אַ מיצעל, אַזעלכעס וואָס איז פאַרבליבען בירושה פון נאַפּאָליעאָן דעם ערשטען דאָרטען, ביי די פראַנצויזען איז דאָס מיצעל שוין לאַנג אוים מאָדע, נאָר ביי אונז אין שטעדטעל האָט זיך נאָך פערוואַלגערט אַיין נאַפּעליאָנקע, אָבער טאַקי מעהר נישט ווי אַיינס ביי דעם ר' העניזיל דעם שוחט. דאָס מיצעל איז אַ לאַנגס און אַ שמאָלס, פון פאָרענט מיט אַ שפּעלטיל מיט אַ קנעפּיל און מיט צוויי קאָטעסלעך. איך האָב תמיד חשק געהאַט צו די דאָזיגע קאַטעסלעך: ווען דאָס מיצעל

פאַלט צו מיר אַרײַן אין די הענד, חאַטש אויף צוויי מינוט, זענען די קאָטעסלעך מײַנע....! רב הענזיל דער שוחט, לײגט פאַנאַנדער די גאַנצע קראָם זײַנע, קלויבט אויס איין אתרוג, טראָגט איהם צו דעם טאַטען מיט צוויי פינגער און הײסט איהם בעטראַכטען.

— אַט דעם אתרוג זאָלט איהר נעהמען, רב משה יענקיל, וועט איהר האָבען הנאה...

— אַ קאַרפירער? פרעגט דער טאַטע און בעטראַכט דעם אתרוג פון אַלע זײַטען ווי מע בעטראַכט אַ בריליאַנט און די הענד ציטערן איהם פאַר פרייד.

— נאָך אַ מין קאַרפירער! — מאַכט דאָס מיצעל מיט אַ געלעכטערל און די קאָטעסליך באַמבלען זיך.

משה יענקיל דער נאמן שפיגעלט זיך אינ׳ם אתרוג, שמעקט איהם, קאָן זיך אָן איהם ניט אָנקוקען, רופט צו בתיה־ביילה׳ן און ווײַזט איהר, מיט אַ גליקליך שמייכעלע אויפ׳ן אתרוג ווי מען ווײַזט אָן אויף זעהר אַ רײַכען פערמואַר, אַ צירונג, איין אֶבן־טוב אָדער ווי אויף אַ שעהן טהײַער קינד אַ טרײַסט. בתיה ביילה געהט צו, שטרעקט אויס די האַנד פאַוואָלינקע, וויל נעהמען דעם אתרוג, גיט מען איהר נישט: „פאַוואָלינקע מיט די הענד! אַ שמעק אויב דו ווילסט”... בתיה ביילה בעניגענט זיך חאַטש מיט אַ שמעק, און מיר גיט מען אַפילו קיין שמעק אויך ניט טהון! מיך לאָזט מען אַפילו ניט צו, איך זאָל ניט שטעהן צו נאָהנט, איך זאָל גאָר ניט קוקען אַפילו, וואָרום ס׳איז מסוכן נפש. — שוין אַט איז ער דאָ! — זאָגט די מאַמע — אַט לאָז איהם נאָר צו, בײַסט ער באַלד אָפּ דעם פּטום פון אתרוג!...

— לאָז גאָט היטען! — זאָגט דער טאַטע.

— שומר ומציל זײַן! — העלפט צו דאָס מיצעל, און די קאָטעסלעך באַמבלען זיך... רב הענזיל שײנקט זיי אַביסעל קראָטשע אויף אײַנצוּוויקלען דעם אתרוג, און דער ריח, דער גן־עדן ריח, צעגעהט זיך אין אַלע ווינקעלעך... ווי אַ בריליאַנט, ווי אַ זעלטענער שטיין, ווי אַ טײַערן פקדון, וואָס מע האָט איהם איבער געגעבען בעהאַלטען און אָפּהיטען ווי דעם שוואַרצאַפּעל פונ׳ם אויג, אַזוי האָט מען גענומען דעם שמעקעדיגען אתרוג, אײַנגעהילט אין קלאָטשע ווי מע הילט איין אַ ציטעריג קינד אַ בן יחיד׳ל, ס׳זאָל חלילה ניט צוקיהלען דאָס העלזיל, און מע האָט פאַוואָלינקע אויסגעבעט און באַלײגט אין אַ שעהנע קײַלעכדיגע הילצערנע, געטאָקטע, געפאַרבטע פושקע פון צוקער; דעם צוקער האָט

מען געבעטען מחילה, און דעם אתרוג האָט מען אַרײַנגעבעטען ווי אַ ליבהאַרציגען גאַסט: — ברוך הבא רב אתרוג! אַרײַן, אַרײַן אין פּושקע אַרײַן!...

די פּושקע האָט מען פּאַוואָלינקע צוגעדעקט מיט'ן דעקעל. אַרײַנגעשטעלט אין דער גלעזערנער שאַפע, צוגעמאַכט דאָס טירל און אַ גוטען טאָג!

— איך האָב מורא, דער משומד (דאָס מײנט מען מיך) זאָל זיך נית דאַביוועןן צו דער שאַפע חלילה און נישט אָפּבײַסען דעם פּטום פונ'ם אתרוג!... אַזוי טהוט אַ זאָג די מאַמע נאָך אַמאָל און נעהמט לײבלען פאַר אַ האַנד און שלעפּט איהם אָפּ פון דער שאַפע.

ווי אַ קאַץ אַז זי דערשמעקט פּוטער, שפּרינגט אַראָפּ פון בריפּעטשיק, גלײַכט זיך אויס דעם רוקען, הויפּט זיך אָן ארומדרעהען, רײַבען זיך, קוקען איטליכען בעזונדער אין די אויגען אַרײַן און בעלעקט זיך, אַזוי האָט נעבּיך לײבעל אַ היבשע צײַט זיך אַרומגעדרעהט נעבען דער שאַפע, אַרײַנגעקוקט אינ'ם גלעזערן טירל, געשמײכעלט צו דער פּושקע מיט'ן אתרוג. אַזוי לאַנג ביז די מאַמע זײַנע האָט דאָס דערזעהן האָט זי אַ זאָג געטהון דעם טאַטען אז דער ווײַסער חברה'ניק האָט חשק זיך דאַביוועןן צום אתרוג און אָפּבײַסען דעם פּטום...

— אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ אײנער, נית געדאַכט זאָלסט דו ווערען!...

לײבעל בײגט אײַן דעם קאָפּ, לאָזט אַראָפּ די אויגען און געהט אין חדר אַרײַן.

ד.

די עטליכע ווערטער וואָס די מאַמע האָט אַ זאָג געטהון דעם טאַטען מכח דעם פּטום פונ'ם אתרוג זענען געוועזען פאַר לײבלען, קאָן מען זאָגען, אַ סם המות, אַ גיפט אין די בײנער אַרײַן.

פון יענער מינוט אָן האָט זיך דער „פּטום פונ'ם אתרוג" באַזעצט בײַ לײבלען אין מח, נישט אַרויסגעקראָכען פון זײַנע געדאַנקען אויף קײן מינוט, בײַ נאַכט געקומען צו חלום, געטאָרעט איהם, געשלעפּט פאַר אַ האַנד: „דו האָסט מיך נישט דערקענט נאַרישו? דאָס בין איך איך, פּטום!..." לײבעל קעהרט זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט,

קרעכצט און ווערט אנשלאפען, טארעט מען איהם ווידער: „שטעה אויף נארישו! געה עפען אויף די שאפע, נעהם ארויס דעם אתרוג און בייס מיך אפ, וועסט דו זיך מחיה זיין!..."

אין דער פריה, אז לייבעל שטעהט אויף און גיסט אפ נעגעל־וואסער, חאפט ער זיך צום דאווענען, נעהמט דאס אנבייסען מיט זיך, האפט א קוק פארביינגעהענדיג אהין אין שאפע, דורך דעם גלעזערנעם טירל, אויף דער פושקע מיט'ן אתרוג, און עס דאכט זיך איהם אויס, אז די פושקע ווינקט צו איהם, רופט צו איהם, מאכט מיט אויגען: „אהער!... אהער, בחור'ל!..." לייבעל נעמט די פיס אויף די פלייצעס און מארש אין חדר אריין.

איין מאל אין א שעהנעם פריה מארגען, אז לייבעל איז אויפגעשטאנען, האט ער דערזעהן, אז ער איז איינער אליין, איינער אליין אויף דער גאנצער שטוב. דער טאטע איז אין פראיעקט, די מאמע אין מארק, די דינסט פארעט זיך אין קיך. — „אלע אוועק, נישטא קיין לעבעדיגער מענש!..." — טראכט זיך לייבעל, גיסט אפ נעגעל־וואסער און חאפט א קוק אהין אין שאפע אריין דורך דעם גלעזערנעם טירעל, און דערזעהט די פושקע. זי ווינקט צו איהם, רופט איהם, מאכט מיט אויגען! „אהער! אהער, בחור'ל!.." פאוואלינקע, פאמעלעכען געהט לייביל צו צו דער שאפע, עפענט אויף דאס גלעזערנע טירעל, נעהמט ארויס די פושקע, די שעהנע קיילעכיגע הילצערנע געטאקטע געפארבטע פושקע, עפענט אויף דאס דעקעל, און איידער ער דעקט נאך אב די קלאטשע פונ'ם אתרוג, טהוט איהם א זעץ אין נאז אריין א ריח א שטארקער, שארפער ריח, א גן עדן ריח! און איידער ער קוקט זיך ארום איז שוין דער אתרוג ביי איהם אין האנד און דער פטום טהוט איהם א שפרונג אין די אויגען אריין:

— ווילסט האבען הנאה? ווילסט פיהלען א טעם גן עדן? נעהם בייס מיך אפ! האב קיין מורא ניט, נארישו! קיינער וועט נישט וויסען, קיין בן־אדם וועט ניט זעהן! קיין פויגעל וועט נישט אויסזאגען! . .

. . . .

וואס איז געוויען ווילט איהר וויסען? איהר ווילט וויסען צי איך האב אבגעביסען דעם פטום פונ'ם אתרוג? צי איך האב זיך איינגעהאלטען, ניט אבגעביסען דעם פטום פונ'ם אתרוג?... איך וואלט וועלען וויסען, וואס וואלט איהר געטהון אויף מיין ארט, ווען מען זאל אייך אנזאגען צעהן מאל איהר זאלט זיך ניט דערוועגען אפבייסען דעם פטום פונ'ם אתרוג? איהר וואלט ניט וועלען וויסען וואס פאר א טעם

עס האָט אַ פּטום פון אַיין אתרוג? איהר וואָלט ניט געפּאַלען אויף דער עצה וואָס איך: אָפּבייסען און צוריק צוקלעפּען מיט שפּייעכץ? איהר קאָנט מיר גלויבען אָדער ניין, דאָס איז אייער זאַך, נאָר בנאמנות שווער איך אייך, אַז איך ווייס אַליין ניט ווי דאָס איז געשעהן: נאָך איידער דער אתרוג איז געווען ביי מיר אין די הענד, איז שוין דער פּטום גע-לעגען ביי מיר צווישען די ציינער...

ה.

דעם טאָג פון ערב סוכּות האָט זיך דער טאַטע געאיילט קומען פאַר כּריה און האָט זיך בעשעפטיגט מיט אויסבינדען דעם לולב, צעניפקלויבען די פיער מינים און צוגרייטען אַלסדינג אויף דעם שענסטען אַרט. דעם צוגעקליבענעם אויסגעפּוצטען לולב האָט ער אַוועקגעשטעלט גאַנץ אויבען אָן אין אַ ווינקעלע, אַ ביסעל איהם צוגעשפּאַרט אויף אַ זייט און לייבלען האָט מען אָנגעזאָגט למען השם, ער זאָל זיך ניט דערוועגען צוריהרען צום לולב. נאָר ס'איז געווען אומזיסט דאָס אָנזאָגען. לייבעל האָט געהאַט זיינע אייגענע צרות: סטייטש דער פּטום! דער פּטום! צו וואָס האָט ער בעדאַרפט אָפּבייסען דעם פּטום? וואָס איז איהם דערפון אַרויס-געקומען וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ פּטום פון אַיין אתרוג, אַז בסך הכּל איז ער גאָר פע — ביטער גאַל, אַ בייזע וויסטע חלשות! אומזיסט, אום-נישט קאַלי געמאַכט אַ פּרי, געפּסל'ט אַיין אתרוג!.. און אַז דער אתרוג איז געפּסל'ט — דאָס איז לייבעל שוין געוואָהר געוואָרען אין חדר פון זיינע חברים, פרעגט זיך אַ קשיא: צו וואָס האָט דאָס איהם געטויגט? צו וואָס האָט ער דאָס געדאַרפט?.. עס האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער איז „הורג נפש", גענומען אַ לעבעדיגע זאַך, אָפּגעביסען דאָס קעפּעל און צוגענומען ביי דעם דאָס חיות; פאַר וואָס? פאַר ווען?.. ביי נאַכט אין שלאָף איז דער אתרוג געקומען צו איהם צו חלום איהם געטאָרעט און געשלעפּט פאַר'ן אַרבעל, געוועקט איהם און גע-טענה'ט: „וואָס האָסט דו געהאַט צו מיר, דו שייגעץ איינער?.. פאַר וואָס האָסט דו אָפּגעביסען מיין פּטום? איך בין דאָך שוין איצטער פּסול, פּסול"!.. לייבעל קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט, קרעכצט און ווערט אַנשלאָפען, טאָרעט מען איהם ווידער „קוילער! וואָס האָסט דו געהאַט צו מיין פּטום? צו מיין פּטום? צו מיין פּטום"?..

ו.

געקומען דער ערשטער טאָג סוכות. נאָך דעם בײַנאַכטעגדיגען פרעס־טיל איז אויפגעגאַנגען די זון אויפ'ן לויטערן בלויען הימעל, און באַגאָסען די ערד מיט אַ פערשפּעטיגט וואַרעמקייט פון אַ שטיפמאַמע... דעם טאָג האָט זיך משה יענקיל דער נאמן געפעדערט אויפצושטעהן פאַר פריה, איבערקוקען די קריאה, איבערזינגען זי מיט דעם בעקאַנטען שעה־נעם יום־טוב'דיגען נגון. דעם טאָג האָט זיך אויך בתיה ביילה געפעדערט צו די יום־טוב'דיגע פיש מיט די יום־טוב'דיגע פאַרפעל, מיט'ן יום־טוב'־דיגען מעהרען־צימעס. דעם טאָג האָט זיך אויך זלמן דער סטאָליער גע־פעדערט אָפּבענטשען אתרוג ביי אונז אין דער סוכה פריהער פאַר אַלעמען, בכדי ער זאָל קאָנען טרינקען טײ מיט מילך און זיך אָנטהון וואָהלטאָג לכבוד יום טוב.

— זלמן בעט דעם לולב מיט'ן אתרוג — מאַכט די מאַמע צום טאַטען.

— עפען אויף די שאַפע, נעם אַרויס די פושקע, נאָר פּאַוואָליני־קע! — זאָגט צו איהר דער טאַטע און אַליין שטעלט ער צו אַ ביינקעל צו דער שאַפע און נעהמט אַראָב דעם לולב און איז זיך אַליין מטריח מיט איהם אין סוכה אַריין מכבד זיין דעם סטאָליער מיט דער מצוה.

— נאַט בענשט אתרוג — מאַכט ער צום סטאָליער — נאָר פּאַ־וואָליניקע, למען השם פּאַוואָליניקע!..

זלמן דער סטאָליער, אונזער שכן, איז קיין עין הרע אַ איד אַ גבור, און האָט צוויי הענד וואָס איטליכער פינגער פון זיי וואָלט געקאָנט אַוועק־לייגען דריי אַזעלכע ליײבעלעך ווי איך. אויף יעדען גראָבען פינגער איז ביי איהם פאַראַן אַ נאָגעל תמיד פאַרפּאַפּט און תמיד רויט פון לאַק, און מיט דעם נאָגעל אַז ער פיהרט דורך איבער אַ ברעט אַ ברעט בלייבט אַ טיפער סימן אויסגעקריצט ווי מיט אַ שאַרף פון אַיין אייזען... לכבוד יום־טוב האָט זלמן אָנגעטאָהן אַ ווייס העמד מיט אַ נייער קאַפּאָטע, און האָט אין באָד זיך לאַנג געזייפט די הענד מיט זייף און מיט זאַמד און נישט גע־קאָנט אָפּזייפען זיך; די הענד זענען געבליבען פאַרפּאַפּט און די נעגעל רויט פון לאַק ווי פריהער.

אָט אין די הענד איז אַרײַנגעפאַלען דער ציטערדיגער שמעקע־דיגער אתרוג. ניט אומזיסט האָט זיך משה יענקיל דער נאמן אזש אַ וואָרף געטאָהן בשעת זלמן דער סטאָליער האָט אַ נעם געטהון דעם

אתרוג, א רעכטען קוועטש געטהון איהם און א גוטען טרייסעל מיט'ן לולב — פּאוואָלינקע! פּאוואָלינקע! — זאָגט צו איהם דער טאַטע, און ציטערט איבער'ן אתרוג — אַט היינט קערהרט, זייט מוחל איבער דעם אתרוג מיט'ן פּטום אראָפּ און זאָגט, „שהחינו", נאָר פּאוואָלינקע! פּאַוואָלינקע! למען השם פּאוואָלינקע!

פלוצים האָט זיך משה יענקיל דער נאָמען געגעבען א וואָרף און א געשריי ניט מיט זיין קול „אוי"! אויף זיין געשריי איז געקומען צו-לויפען אין סוכּה אריין בּתיה בּיילה די נאַמנ'טע.

— וואָס איז משה יענקיל? גאָט איז מיט דיר?!

— גראָבּער יונגאַטש! עם הארץ! — האָט ער זיך צושריגען אויפ'ן סטאָליער און איז גרייט איהם דורס צו זיין מיט דער ראיה — ווי אַזוי איז מען אַזאַ גראָבּער יונגאַטש? אַזאַ איין עם הארץ? איין אתרוג איז דען א האָק? צו א דאָלעטע! צו איין עקבּויר? איין אתרוג איז ניט קיין האָק, ניט קיין דאָלעטע, ניט קיין עקבּויר! איהר האָט דאָך מיר איבער-געקוילעט דעם האַלז אָהן א מעסער! איהר האָט מיר געפּסל'ט דעם אתרוג! אַט ליגט דער פּטום, אַט נאַט זעהט, גראָבּער יונגאַטש! עם הארץ וואָס איהר זיינט!..

אַלע זיינען מיר מיט א מאָל טוידט געוואָרען. זלמן סטאָליער איז געשטאַנען א טוידטער, ניט פאַרשטאַנען ווי אַזוי האָט זיך עס איהם גע-טראָפען אַזאַ מין אומגליק? פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען וואָס דער פּטום איז אָפּגעשפּרונגען? ער האָט דאָכט זיך געהאַלטען דעם אתרוג פון דער גרינג, קוים קוים מיט די שפּיץ פינגער! איין אומגליק! אַזאַ איין אומגליק!..

בּתיה בּיילה די נאַמנ'טע איז געווען טוידט, געבּראָכען די הענד. — א מענש אַז עס געהט איהם ניט — זאָגט זי מיט טרעהרען אין די אויגען — זאָל ער בּעסער נעמען און בּעגראָבּען זיך לעבּעדיגערהייד א פרי-שער, א געזונדער אין דער ערד אריין!..

און לייבּעל? לייבּעל ווייסט ניט צי זאָל ער טאַנצען פאַר פרייד וואָס גאָט האָט מיט איהם געטאָהן אַזאַ נס, אויסגעלייזט פון אַזאַ צרה, פון אַזאַ איין אומגליק? צי ער זאָל וויינען אויף'ן טאַטענס יסורים און אויף דער מאַמעס טרעהרען? צי זאָל ער ארומחאַפּען זלמן דעם סטאָליער און איהם קושען די גראָבּע הענד מיט די פאַרפּאַפּטע פינגער מיט די רויטע נעגעל, דערפאַר וואָס ער איז געווען זיין שליח, זיין גוטער שליח, זיין מלאך הגואל, זיין אויסלייזער?... לייבּעל טהוט א קוק אויף'ן

טאַטענס פנים, אויף דער מאַמעס טרעהרען, אויפ'ן סטאָליערס הענד, אויפ'ן אֶתרוג, וואָס וואַלגערט זיך אויפ'ן טיש אַ טוידטער געל ווי וואַקס, אָהן אַ פּטום, אָהן אַ טראָפּען חיות, אַ מת, אַ בר־מינן, אַ טוידטער נפש!.....

— אַ טוידטער אֶתרוג! — זאָגט דער טאַטע מיט איין אונטער־געבּראָכענע שטימע.

— אַ טוידטער אֶתרוג! — זאָגט איהם נאָך די מאַמע מיט טרעהרען אין די אויגען.

— אַ טוידטער אֶתרוג, זאָגט זיי נאָך זלמן דער סטאָליער און קוקט זיך אין דיא הענד אַריין, און טראַכט אַ פּנים בשעת מעשה: „אַ פּאָר ידים — אָפּגעגעדאַרט זאָלען זיי ווערען!....״

— אַ טוידטער אֶתרוג — זאָגט לייבּעל מיט אַ פריילּיכען טאָן און פערחאַפּט זיך, וואָרום ער ווייסט דאָך יאָ, אַז דאָס איז ער, לייבּעל, געוועזן דער גזלן, דער קוילער, דער רוצח פונ'ם אֶתרוג!...

ענדע.

אבגעשלאגענע הושענות

אָפּגעשלאָגענע הושענות.

א.

איסר דער שמש.

I.

דערמאָהן איך מיך אָן איסר דעם שמש שטעלט זיך מיר פאַר אין דער פאַנטאַזיע אַמין אַלכסנדר מוקדן, אַנאַפּאָליאָן באָנאָפּאַרט, וכדומה אַזעלכע בילדער, גבורים פון דער היסטאָריע...

אַ קליינינקייט איסר? אַמענש וואָס פיהרט די גאַנצע שוהל מיט אַלע בעלי־בתים ביי דער נאָז. אַ מענש וואָס האַלט דאָס גאַנצע שטעדטעל ביי זיך אין בוזעם. אַמענש וואָס דינט ביי אַלעמען און געוועלטיגט אויף אַלעמען. אַ מענש וואָס איז יעדען אונטערוואָרפען און האָט פאַר קיינעם קיין מורא ניט. אַמענש וואָס האָט אַ בייזען קוק, מורא'דיגע ברעמען, אַמעשענע באָרד, אַ געזונטען קולאַק מיט אַ לאַנגען שטעקען. אַ ווערטעלע אויסצורעדען איסר!

ווער האָט געמאַכט איסרן פאַר אַ איסר? פרעגט מיך עפּעס נריגערס. פאַרהאַן טיפּען וואָס מ'קאָן זיי אָנרופען: „פערגליווערטע", „שטעהענדיגע", דאָס הייסט אַזעלכע וואָס ריהרען זיך ניט פונ'ם אָרט: אָט אַזוי ווי איהר האָט זיי געזעהן דאָס ערשטע מאָל, אַזוי זענען זיי געבליבען ווי אויף אייביג. עס ווייזט זיך אייך אוים, אַז זיי זענען תמיד אַזוי געווען און וועלען אייביג אַזוי בלייבען. קינדווייז פרעג איך מיך ניט קאָנען אָפּרייסען פון דעם איסרן; מיך האָט אינטערעסירט איין זאַך: ווי אַזוי איז געווען איסר, בשעת ער איז נאָך ניט געווען קיין איסר? דאָס הייסט בשעת ער האָט נאָך נישט געהאַט אָט די מורא'דיגע ברעמען,

אַט די גרויסע האַרבאַטע נאָז, וואָס איז שטענדיג אָנגעשטופּט מיט טאַבּעקע, אַט די מעשענע באָרד וואָס הויבּען הויבּט זי זיך אָן דאַכט זיך אַזוי געדעכט און גראָב, און לאָזען לאָזט זי זיך אוים דוקא דין מיט עטליכע שיטערע לאַנגע בּייזע האָר? ווי אַזוי האָט ער אויסגעזעהן למשל בשעת ער איז געווען אַ יונגעל, געגאַנגען באָרוויס, געלערנט אין חדר און געחאַפּט פּעטש פון'ם רבּין? און וואָס איז געווען איסר בשעת די מאַמע זיינע האָט איהם געטראָגען אויף די הענד, איהם געגעבּען זויגען, איהם אויסגעוויישט דאָס נעזעל: „איסר'ל, זיסער קדיש מיינער, ליכטיגער פנים געטרייער, מיר זאָל זיין פּאַר דיינע ביינדעלעך!" —

אַט אַזוי פּלעג איך זיך קינדווייז אַ מאָל פערטראַכטען, זיך ניט קאָנענדיג אָבּרייסען פון איסר'ן.

— אַ היים, ממזרים, אַ רוח אין אייער פאָטער און מוטער אריין! — פלעגט איסר אַפּילו קלערען וועגען איהם נישט לאָזען.

דאַכט זיך, אַז איך בין איינער, פונדעסטוועגען היים איך בּיי איהם מיט אַ לשון רבים: ממזרים! פאַר וואָס קומט מיר „ממזרים"? איסר האָט פיינט, פערשטעהט איהר מיך, אַז מ'שטעהט און מען קוקט איהם אין די אויגען אריין, איסר האָט פיינט קליינוואַרג, קאָן נישט אָנקוקען קיין קינדער! קינדער, זאָגט ער — דאָס זענען כל מום רע; קינדער זענען פּאַקאָסטניקעס, צו-להכעיס'ניקעס; קינדער זענען ציגען, וואָס שפּרינגען אין פרעמדע גערטנער: קינדער זענען הינט, וואָס סיפּען בּיי די פּאָלעס; קינדער זענען חזירים, וואָס קריכען אויפ'ן טיש, קינדער דאַרפען וויסען דרך-ארץ, קינדער דאַרפען ציטערען, קינדער דאַרפען האָבּען דאָס נייניעהריגע קדחת! און מיר האָבּען טאַקי געציטערט, טאַקי געהאַט דאָס נייניעהריגע קדחת.

וואָס האָבּען מיר מורא געהאַט פרעגט איהר? אַ נו פּרובּט, אדרבּה האָט ניט מורא, אַז מען טהוט אייך אַ נעם פאַר'ן אויער און מען פיהרט אייך צו צו דער טיר און מען גיט אייך האַלז-און-אַקען און מען זאָגט אייך:

— אַהיים, ממזרים, אַ רוח אין אייער פאָטער און מוטער אריין!

איהר וועט זיך אפשר קלאָגען אויף איהם פאַר דער מאַמען? נו, אדרבּה, פּרובּט! וואָס וועט זיין ווילט איהר וויסען? אַט וועל איך אייך זאָגען וואָס ס'וועט זיין: איהר וועט קומען אַהיים און בּעווייזען דער מאַמען אַנ'אָנגעריסענעם אויער; וועט די מאַמע אָנפאַלען אויפ'ן טאַטען

מיט א גוואלד: „זעה נאר, זעה דעם בן־יחיד דיינעם ווי דער רוצח דער גזלן האט איהם אנגעריסען אנ'אויער"! וועט אייך דער טאטע נעהמען פאר א הענטעל און וועט אייך ברענגען אין שוהל אריין און צופיהרען גלייך צו איסר דעם שמש, ווי איינער רעדט: „נאט, זעהט וואס איהר האט געטהון מיט מיין בן יחיד, איהר האט דאך איהם שיער ניט אפגעריסען אנ'אויער". וועט איסר געבען א הוק אויפן טאטען: „געהט אייך געזונדטערהייד מיט אייערע ממזרים!" (איהר הערט? א בן יחיד איז ביי איהם אויך ממזרים!). און דער טאטע וואס וועט טהון? דער טאטע וועט אנרוקען דאס היטעל און וועט געהן אהיים, וועט איהם די מאמע פרעגען: „נו?" וועט איהר דער טאטע זאגען: איך האב דאס איהם מכבד געוועזן, אט דעם המן הרשע, וואס נאך האב איך איהם געקאנט טהון?"...

זעהר ניט שען אפילו, אז א טאטע זאל זאגען אזא גראבען ליגען! נאר וואס זאל מען טהון, אז מען איז ביי א שמש אין גלות?

II.

מע קאן זאגען, אז די גאנצע שטאדט איז ביי איסר'ן אין גלות. וואס ער וויל, דאס טהוט ער. וויל איסר ניט הייצען די שוהל ווינטער אינ'ם גרעסטען פראסט, מעגט איהר צעזעצט ווערען רעדענדיג, וועט ער אייך הערען ווי דעם פאראיאהריגען שניי, וויל איסר מע זאל זיך שטעלען דאווענען פריה, וועט איהר שוין פערשפעטיגען ווען איהר זאלט ניט קומען. וויל איסר אייך נישט געבען קיין עליה אכטצעהן וואכען דורכאנאנד מעגט איהר קוקען צו איהם אויף דער בימה פון היינט ביז מארגען, הוסטען צעזעצטערהייד — ער וועט אייך ניט זעהן ניט הערען! דאס אייגענע איז מיט'ן טלית, און מיטן חומש, און מיט'ן מחזור, און מיט'ן אתרוג, און מיט דער הושענא. איסר וועט אייך ברייינגען דעמאלט ווען ער וועט וועלען, ניט ווען איהר ווילט! וואס זענט איהר איהם פאר א „איהר"? „בעלי־בתים — זאגט ער — זענען ווי די הינט, און ער איז איינער, איין שמש קיין עין הרע אויף אזוי פיעל עולם — משוגע צו ווערען!"

און איסר שמיצט זיך, ווארפט זיך, מאכט איטליכען מיט דער בלאטע. דער גרעסטער בעל־הבית קאן ביי איהם חאפען א פסק, ער

זאָל ניט טרעפען די טיר. „מיך — זאָגט ער — זאָלט איהר בעסער ניט זאַטשעפּען, ווארום איך האָב קיין ציַיט ניט מיט אייך צו רעדען! איהר זענט אַ סך און איך בין קיין עין הרע איינער!“ און קיינער זאַטשעפּעט איהם ניט; איהר זענט גערן, אַז ער טשעפּעט אייך ניט.

ס'פערשטעהט זיך, אַז קיינער וועט זיך ניט איינשטעלען פרעגען בײַ איסר'ן, וואו קומט אַהין דאָס געלד וואָס פאַלט אַרײַן פון די בעבור שנדר'ס, פון די יאָהר־צײַט ליכט, פון דער פּושקע וכדומה אַזעלכע זאַכען וואָס זענען שייך צו בעל הבתיש'קײַט, ווארום בעל־הבית אין שוהל איז דאָך ער, הײַנט ווער וועמען דאַרף ער דאָס אָפּגעבען דין וחשבון? דער עולם איז גערן, אַז ער לאָזט זײַ צו רוה און וואַרפט זײַ ניט די שפּיסעל פון בית המדרש אין פּנים אַרײַן: „געהט האַלט אויס אַליין אַזאַ שוהל מיט האָלץ און מיט וואַסער, מיט ליכט און מיט שוועבעלעך, און אַ האַנטוך אויסוואַשען דאַרף מען אויך. און אַ טאַפלי אַרײַנשטעלען דאַרף מען אויך, און אויסשמירען די ווענט מיט דער סטעלי דאַרף מען אויך, און אַ סטענדער פאַררעכטען דאַרף מען אויך און אַ סדור צו קויפען דאַרף מען אויך, און אַ סליחה אײַנבינדען דאַרף מען אויך, און וואו איז אַ גרײַגער, וואו איז אַ דרײדעל, וואו איז אַ חנוכה־ליכטעל, וואו איז אַ לולב, וואו איז אַן אתרוג, וואו איז אַ הושענא, און וואו איז אַ דאָס, און וואו איז אַ יענץ?... און חאָטש אַלע ווײסען גאַנץ גוט אַז אַ גרײַגער און אַ דרײדעל און אַ חנוכה־ליכטעל און אַ לולב און אַן אתרוג און אַ הושענא און אַ דאָס און אַ יענץ — זענען אַלץ אַזעלכע זאַכען וואָס ניטשט נאָר מע דאַרף אויף זײַ אויסגעבען געלד; אדרבה, זײַ ברײַנגען נאָך אַרײַן געלד, פונדעסטוועגען וועט זיך קיינער ניטשט דערוועגען אַרײַנשטעקען די נאָז; דאָס געהער צום שמש; דאָס איז זײַן הכנסה: „די שענע שבירות וואָס מען נעהמט זיך אָן בײַ אייך?.. דער קאָפּ קאָן האַרט ווערן!... וואַסער אויף קאַשע!“... אַזוי זאָגט איסר און דער עולם שווײַגט.

דער עולם שווײַגט, חאָטש דער עולם ווײסט גאַנץ גוט אַז איסר לעגט אָפּ אַ קערבעל; דער עולם ווײסט גאַנץ גוט, אַז דער שמש איז אָנגעשטופּט מיט געלד. ס'איז גאָר אַ סברא, אַז שטילערהייד פערלײַהט ער אַמאָל עטליכע גראָשענס, כאַבט אַ הלוואה'לע, געוועהנליך אויף אַ בעוואָהרעניש, אויף אַ משכון. און אַ שטיבעל האָט איסר אַן'אייגענס, און אַ בהמה אַן'אייגענע, און טרינקען טרינקט ער אויס אַלע טאָג און

דוקא פון אַ גרויסער גלאָז, און אַ פּעלץ טראָגט ער ווינטער ברוך השם
ווי דער שענסטער בעל הבית, און שיך טראָגט די שמש'טע גאַנצע,
און אַ יפֿע האָט זי זיך געמאַכט ניט לאַנג אַ נייע — פֿאַר קהל'ס געלד,
„פֿאַר אונזער בלוט אויסקריינקען זאָל זי דאָס, רבונו של עולם"!..

אַזוי מומרען די בעלי בתים צווישען זיך שטילערהייד, אַז דער שמש זאָל ניט הערען! און אַז דער שמש גערט צו, האָקט מען איבער דעם שמועס און מען הויבט אָן רעדען פֿון עפּעס אַנדערש, בלינצעלען מיט די אויגעלעך, סמאָרקען בשעת מעשה מיט די נעז און נעהמען ביי איהם אַ שמעק טאַבעק מיט צוויי פינגער פֿון זיין הילצער'ן פּושקעלע:
„זייט זשע מוחל!"...

אָט דער „זייט זשע מוחל" איז אַ פּאַסקודנער זייט זשע מוחל. אין איהם ליעגט אַ חניפה'לע: „זייט זשע מוחל, ביי אייך דאַרף זיין אַ רעכטער שמעק טאַבעק"... אין איהם ליעגט אַנ'אַנצוהערעניש אויף אַוועקצוגעהן: „זייט זשע מוחל, גיט אַ שמעק טאַבעק און געהט אייך געזונדטערהייד"...

איסר איז אַ מבין סאי אויף דער חניפה'לע, סאי אויף דעם אַנצוהערעניש. איסר ווייסט אַז דער עולם האָט איהם ליעב אַזוי ווי אויגענווייטיג; איסר ווייסט אַז דער עולם וואָלט וועלען איהם מאַכען אויס שמש אַזוי ווי מען וויל לעבען, נאָר ער הערט זיי אַלעמען ווי המן דעם גרייגער, איסר האַלט זיי רעכט אין די לאַפּקעס. איסר ווייסט וואָס ער האָט צו טהון.

III.

ווער עס וויל יוצא זיין פֿאַר אַלעמען, דער איז נישט יוצא פֿאַר קיינעם; און אַז ס'איז באַשערט זיך בוקען, זאָל מען זיך בוקען צום קאָפּ ניט צו די פֿיס.

דאָס האָט פֿערשטאַנען איסר און האָט געשלאָגען בלאָט מיט די גבאים, מיט די עטליכע געצעהלטע רעדערפיהרער פֿון שטאָדט. זיי האָט ער דוקא געפֿאָלגט, געקראָכען אונטער די נעגעל, נישט געפּוילט זיך פון זייערטוועגען געהן אַנ'איבעריגען גאַנג און געחנפה'ט האָט ער זיי אַז ס'האָט געשלאָגען צו דער גאַל! און ווער שמועסט אַז ס'איז געקומען די צייט פֿון דער קלפה, פֿון קלויבען גבאים, — דעמאָלט האָט איסר נישט גערוהט. ווער עס האָט נישט אָנגעקוקט דעמאָלט איסר'ן דער האָט קיין שענס ניט

געזעהן. א פערשוויצטער, פעררוקט דאס היטעל ארויף, מיט'ן גרויסען שטעקען און מיט די לאנגע שטיוועל האט איסר געקנאטען די בלאטע, געשפרייזט פון איין גבאי צום אנדערן, געארבייט, געפלאכטען, גע-פיהרט רכילות מיט אינטריגעס, אינטריגעס, אינטריגעס אהן א שיעור!

אויף אינטריגעס פיהרען איז איסר פון תמיד אן געווען איין בריה אין דער וועלט. א וואנט מיט א וואנט האט ער געקאנט צענויפפיהרען פערקאבען א קאשע אזו קונציג, אז דער גאנצער עולם זאל זיך בלאזען איינער אויפ'ן אנדערן, זיך קריגען און זידלען און עס זאל דערגעהן אזש צו פעטש, און ער, איסר, גארנישט, גאט די נשמה! איסר, פער-שטעהט איהר מיך, האט געפיהרט דאס רעדעל דוקא ניט שלעכט; ער האט זיך געבראכט: "רייסט זיך, רייסט זיך, בעלי בתים, ביי די נעז, וועט איהר פערגעסען אויפ'ן שמש"..

פערגעסען אויפ'ן שמש — דאס איז געווען פאר אונזער איסר'ן זעהר א נויטיגע זאך, מחמת פון א צייט אז מען האט זיך אנגעהויבען צו איהם נעהמען, דולען א ספאדיק, ער זאל אפגעבען דין וחשבון, וואו קומט אהין דאס גאנצע געלד פון שוהל? און ווער? דוקא די יונגע-לייט, דוקא יונג-ווארג, דוקא אט די "ממזרים" וואס ער האט זיי אזוי פיינט געהאט פון תמיד, וואס ער פלעגט זיי אמאל דערגעהן די יאהר!

פון קינדער, זאגט מען, ווערען לייט און פון לייט ווערען קינדער. היבשע עטליכע דורות זענען געוואקסען, אויסגעוואקסען און אוועקגעגאנ-גען. פון די קליינע ציגלעך זענען געווארען גרויסע צאפעס, פון די קליי-נע ממזרים זענען געווארען בעלי-בית'לעך; די בעלי-בית'לעך האבען חתונה געהאט, געווארען בעלי בתים; די בעלי בתים זענען געווארען אלטע יודען און איסר איז אלץ געווען איסר. נאר מיט אמאל איז עפעס אויסגעוואקסען א דור, א נייער, א יונגער, א משונה-מאדנער דור. א דור פון סאמע שקצים, עבערושים, עזות מחוצף פנים'ער, מזיקים, הולטייעס— מען זאל בעהיט און בעוואהרענט ווערען!

— וואס איז איסר פאר אנ'אויבערהאר? איסר איז נישט מעהר ווי א שמש, וואס דיעניט ביי אונז. ניט מיר ביי איהם! ביז וואנען וועט געוועלטיגען אויף אונז אט דער אלטער איסר מיט די לאנגע פיס און מיט'ן גרויסען שטעקען? חשבון! וואו איז חשבון? דין וחשבון!!...

אזוי האט געטענה'ט אט דער נייער דור פון סאמע שקצים, עבערושים, עזות מחוצף פנים'ער, מזיקים, הולטייעס, און דוקא אין מיטען שולהויף, און דוקא הויך אויף א קול... תחלת האט איסר געמאכט זיך

כלא ידע, אַביסעל טויבליך שוין; נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבען זיי טרייבען פון שול, פערלעשען די ליכט, פערשליסען די טיר; נאָך דעם האָט ער אָנגערייצט אויף זיי די בעלי־בתים פון שטאָדט, דערצעהלט אויף זיי המנ'ס מסירות, אַז די הולטייעס מאַכען חוזק פון עלטערע מענשען, אַז זיי לאַ־כען אָפּ פון די גבאים, — אַ סימן: אָט האָט ער ניט לאַנג געפונען אַ פּאַפּירעל, עפּעס אַ לידעל, וואָס איינער פון די הולטייעס האָט פער־לאָרען.

דאַכט זיך וואָס? אַ נאַרישׁ לידעל? וואָס פאַר אַ חתונה האָט אָבער דאָס דאָזיגע נאַרישע לידעל אָנגעמאַכט אין שטאָדט! וואָס פאַר אַנ'איבער־קעהרעניש — אַי־אַי־אַי! הלוואי וואָלט דאָס איסר בעסער ניט געפונען און נישט בעוויזען דאָס די גבאים, וואָלט געווען פאַר איהם אַ סך געזינדער! דאָס דאָזיגע לידעל, קאָן מען זאָגען, איז געווען דער אָנהויב פון זיין מפּלה. די נאַרישע גבאים, אָנשטאָט דעם מ'זאָל דאָס לידעל אַראָפּשלינ־גען און מאַכען אַ שווייג, האָבען זיי דאָס אַליין צעשמירט. זיי האָבען זיך אַזוי לאַנג אַרום־געטראָגען מיט דעם פון איינעם צום אַנדערן, ביז דער עולם האָט דאָס אויכגעלערענט אויף אויסווייניג, לצים האָבען צוגעזעצט צו דעם אַ נגון פון אַנ'אַלט בעקאַנט לידעל. און מ'האָט דאָס לידעל גע־זונגען אויף אַלע שטרעקען: בעלי־מלאכות האָבען עס געזונגען ביי'ם וואַר־שטאַט, קעכינס — ביים אויווען, מיידלעך אויף די פריזבעס, מוטערס האָבען מיט דעם פערוויגט קינדער... אַ נאַרישׁ לידעל האָט אין זיך אַ כח: בשעת דער האַלז זינגט, טראַכט דער קאָפּ; קלעהרט, קלעהרט אַזוי לאַנג ביז עס דערקלעהרט זיך עפּעס; מחשבות'ן דרעהען זיך, דרעהען זיך, פּיקען אין מוח אַזוי לאַנג ביז עס פּיקט זיך עפּעס אויס, און פון אַ מחשבה ווערט אַ מעשה.

די מעשה וואָס איז אַרויס פון דעם לידעל איז געווען אַ שענע מעשה נאָר אַ קורצע. איהר מעגט דאָס האָרכען. עס קאָן אייך צו נוטץ קומען.

IV.

שקצים, עבּרושים, עזות מחוצף פּנימ'ער, לצים, ווייסע־חברה'ני־קעס, הולטייעס האָבען אַזוי לאַנג געגראָבען אויף איסר'ן, געזוכט און גע־נישטערט, ביז מ'האָט זיך אַרויפגעשלאָגען אויף אַ שטיקעל דרך. איין מאָל אין אַ שענעם פריהמאָרגען איז מען אַרויף אויפ'ן בוידעם פוג'ם אַלטען

בית המהרש און מ'האט ענטדעקט דארטען א גאנצען אוצר: סטערינאָווע ליכט א גוזמא, עטליכע פוד וואקס, א פאר צעהנדליג טליתים נאָך גאָר נייע, א גאנצער סקלאד פון מחזורים נאָך נישט קיין געניצטע, סדורים מיט סליחות מיט קינות מיט נאָך גוטע זאכען, וואס ביי אייך קאָן זיין האָט דאָס נישט אזא ווערטה ווי ביי א שמש פון א שול. מיט גרוים פאראר האָט מען דעם דאָזיגען אוצר אראָפּגעטראָגען פונ'ם בוידעם, — און לאָז אייך שוין אייער פאנטאזיע אליין פאָרשטעלען אָט דאָס בילד: פון איין זייט איסר מיט דער האָרבאטע נאָז, מיט די מורא'דיגע ברעמען, מיט דער מעשענע באָרד, וואָס הויבען הויבט זי זיך אָן דאכט זיך אזוי געדעכט און גראָב און לאָזען לאָזט זי זיך אוים דוקא מיט עטליכע שיטערע לאנגע בייזע האָר... און פון דער אנדערער זייט די שקצים, עכברושים, עזות מחוצף פנים'ער, לצים, ווייסע-חברה'ניקעס, הולטייעס, מיט'ן אוצר פון סטערינאָווע ליכט, וואקס, טליתים, סדורים, מחזורים, סליחות און קינות א גאנצער סקלאד! מיינט נישט פון דעסטוועגען אז איסר האָט זיך חלילה פערלאָרען, איסר איז נישט פון די מענשלעך וואס באלד עפּעס פערלירען זיי זיך. ער איז נאָר געשטאנען, געקוקט און געחדושט זיך, ווי קומט דאָס גאָר אהער אין שול אויפ'ן בוידעם?!..

אויף מאָרגען גאנץ פריה האָט זיך בעוויזען אויפ'ן פארקאן פון דער שול אזא מין אנאָנס, מיט קרייד אויפגעשריבען:

„בְּכַאן פֶּערְקוֹיפְט מֶען יָאהרְצַייט-לִיכְט בְּמֶקַח הַשָּׁוֶה".

אויפ'ן אנדערן טאָג איז שוין געווען אנ'אנדער אויפשריפט. אויפ'ן דריטען טאָג ווידער אנ'אנדער אויפשריפט און איסר האָט געהאט א גוט שטיקעל ארבייט: אלע פריהמאָרגען פלעגט ער שטעהן מיט א נאסע שמאטע אָפּרייבען די דאָזיגע שענע אנאָנסען, וואס זענען געוואָכסען אין דער לייננג און אין דער ברייט אויפ'ן פארקאן פונ'ם אלטען בית המדרש. אויך אין די סטענדערס האָבען בעלי-בתים געפונען אלע שבת גאנצע פעק מיט בריוועלעך, וואס לצים האָבען אונטערגעוואָרפען אויף איסר דעם שמש און אויף דעם בינטעל גבאים, וואס איסר האָט געשלאָסען מיט זיי בלאט.

א שווער שטיקעל צייט האָט דערפאַרט איבערגעלעבט איסר. ער האָט ארויפגעפיהרט די גבאים מ'זאל אויסהענגען אין בית המדרש א מודעה אויף פארמעט געשריבען מיט גרויסע אותיות, בזה הלשון:

חוות ווי עס האָבען זיך בעוויזען ביי אונז בעוונותינו הרבים יונגע

לײַט, ריקים ופוחזים, פּערדאָרבענע מענשלעך, וואָס טרעטען אַרויס מיט פֿאַלשע מסירות קעגען די פּאָרנעמסטע לײַט פֿון שטאָדט, לכן זענען מיר מוסר מודעה בשם הגבאים דבית המדרש הגדול אַז מהיום והלאה וועלען מיר געבען השגחה אויף די דאָזיגע ענינים זעהר און זעהר, און דעם וואָס מען וועט חאַפּען וועט מען מיט איהם טהון על פּי הזאַקאָן"...

פֿערשטעהט זיך אַז די מודעה האָבען חברה באַלד אַראָפּגעריסען און אויף איהר אָרט איז אַרויסגעוואַקסען אַנ'אַנדער מודעה; האָט מען זיך ניט געפֿוילט און מען האָט די נײַע מודעה אויך אַראָפּגעריסען, און עס איז אויף איהר אָרט אויסגעוואַקסען אַ פֿרישע מודעה. און די בעלי בתים האָבען געפֿונען אין די סטענדערס פֿרישע בריוועלעך אויפ'ן שמש מיט די גבאים. הכלל דאָס איז געווען אַ שטיקעל צײַט, וואָס דער עולם האָט גע־האַלטען אין איין שרײַבען: די גבאים האָבען געשריבען מודעות, און די לצים די ווײַסע־חברה'ניקעס האָבען געשריבען בריוועלעך, אַזוי לאַנג אַזוי ברײַט ביז עס זענען געקומען די טעג פֿון ימים נוראים, די צײַט פֿון דער קלפּא, פֿון קלויבען גבאים הײַסט עס, און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ שטרײַט צווישען בײַדע צדדים: פֿון איין זײַט איסר מיט זײַנע פּאַטראָנען, די אַלטע גבאים, און פֿון דער אַנדערער זײַט די שקצים, עכּברושים, לצים, ווײַסע־חברה'ניקעס מיט זײַערע קאַנדידאַטען. איטליכער צד האָט געצויגען צו זיך דעם גאַנצען איבעריגען עולם, יעדער מיט וואָס גאָט האָט איהם געבענשט: דער מיט הייסע ווערטער, פֿלאַם־פֿײַערדיגע דרשות, דער גלאַט מיט זיסע רעד, און דער מיט געבראָטענע קאַטשקעס, פּופּעקלעך, גוטע הבטחות צוזאָגעכצען אויף שפּעטער, — און שטעלט אײַך פֿאָר אַז גובר געווען האָבען... איהר וועט גאָרניט טרעפֿען... דוקא די שקצים, עכּברושים, לצים, ווײַסע־חברה'ניקעס! און אויסגעקליבען האָט מען נײַע גבאים, און דוקא פֿון די יונגעלײַטליעך, קורצע ווײַטעגלעך, לצים, קבצנים און — אוי וועה אַ שאַנד צו דערצעהלען! — בעלי־מלאכות, פּראָסטע בעלי־מלאכות!..

V.

איך האָב מורא אַז איהר שטויסט זיך אָן, אַז די מעשה נעמט אַ סוף. ביז וואַנען איז דער שיעור צו ציהען? צי איהר ווילט איך זאָל אײַך טאַקי דערצעהלען, ווי אַזוי אונזערע נײַע גבאים האָבען זיך געדעכענט

מיט'ן אלטען שמש? ווי אזוי מען האט נעבאך דעם אלטען איסר'ן געפיהרט יענעם שמחת=תורה מיט כבוד און מיט געזאנג איבער אלע גאסען און קונדיסים, לצים, ווייסע=חברה'ניקעס האבען געטראגען אויף צופריהער מיט גרויס פאראד דעם גאנצען אוצר מיט סטערינאווע ליכט מיט וואקס און מיט די אלע טליתים, סדורים, מחזורים, קינות, און סליחות, וואס מען האט גע-פונען אויפ'ן בוידעם פונ'ם אלטען בית המדרש? ניין, איך מיין, אז איהר וועט פון מיר אזא זאך ניט פערלאנגען.

דערלעבען א נקמה אינ'ם שונא — מהכתיתי; נאר באדען זיך אין זיין בלוט — דאס נישט. איך קאן אייך נאר דערצעהלען נישט מעהר ווי עטליכע ווערטער:

אויף היינטיגע ימים=טובים בין איך מיך דורכגעפאהרען אהיים, אין מיין געבורטס=שטאדט. שוין לאנג נישט געוועזען. א סך, א סך וואסערן זענען פון יענער צייט דורכגעלאפען. פונדעסטוועגען האב איך געטראפען דאס אלטע בית=המדרש אויפ'ן זעלביגען ארט; דער אייגענער ארון=קודש מיט'ן זעלבען פרוכת, מיט דער אייגענער בימה, מיט די אייגענע הענגלייכטער. נאר די מענשען, די מענשען האבען זיך איבערגעביטען, שטארק פער-ענדערט געווארען, אזוי אז ס'איז כמעט נישט צו דערקענען זיי. די אלטע לייט זענען שוין לאנג אויסגעשטארבען און אויפ'ן הייליגען ארט זענען מסתמא צוגעקומען א שען ביסעל מצבות מיט שענע אויפשריפטען. די יונגעלייט האבען בעקומען גרויע בערדלעך. די גבאים זענען נייע, א חזן א נייער, א שמש א נייער מיט נייע נגונים, מנהגים נייע, גאלע נייעס און נייעס און נייעס!..

איינמאל — הושענא=רבה איז דאס געוועזען — דער נייער חזן מיט'ן נייעם כאהר האט זעהר שען געזונגען דעם „קול מבשר ואומר", און דער עולם האט זיך א נעהם געטהון אפשלאגען די בלעטלעך פון די הושענות (דער דאזיגער מנהג איז א פנים פערבליבען אויף שטענדיג?), און איך האב בעמערקט פון דערווייטען אנ'אלטעטשקען, א גרייז=גרויען, אנ'-איינגעהויקערטען מיט א הארבאטע נאז, מיט מוראדיגע געדעכטע ברעמען און מיט א באָרד וואס אנהויבען הויבט זי זיך אן דאכט זיך גראב און געדיכט, און אויסלאזען לאזט זי זיך אוים דוקא דין מיט עטליכע שיטערע לאנגע בייזע האר, — און עס האט מיך געטהון א ציה צום דאזיגען אל-טעטשקען, און איך בין צו איהם צוגעגאנגען און האב איהם אויסגעצויגען די האנד:

— שלום עליכם אייך... דאכט זיך רב איסר... דער שמש?

— דער שמש? וואָסער שמש? שוין לאַנג אוים שמש. שוין לאַנג אַנ'אָפּגעשלאָגענע הושענא — חע־חע!..

אַזוי האָט מיר דער אַלטעטשקער אַ זאָג געטהון מיט אַ ציטעריג קול און אַ וויַיז געטהון מיט אַ ציטעריגער האַנד אויף דער אָפּגעשלאָגענער הושענא, וואָס האָט זיך געוואַלגערט פאַר זיַינע פיס, און אַ ביטער שמייכעלע האָט געשפּיעלט אויף דער גרויז־גרויער באָרד, וואָס אָנהויבען הויבט זי זיך אָן, דאַכט זיך גראָב און געדעכט, און לאָזען לאָזט זי זיך אוים דוקא דין מיט עטליכע שיטערע לאַנגע נאָך אַלץ בייזע האָר...

ב.

בועז דער מלמד.

I.

דאָס וואָס איך האָב געפיהלט דעם ערשטען טאָג, וואָס די מאַמע האָט מיך אָבגעפיהרט פאַר אַ האַנד צו בועז'ן אין חדר אַריַין, בעדאַרף פיהלען אַ יונג עופ'עלע בשעת מע שלאָגט אָב מיט דעם כפרות און מע טראָגט דאָס אָב צו'ם שוחט. עס צאַפּעלט דאָס יונגע עופ'עלע, פלאַטערט נעבאַך; פערשטעהן פערשטעהט דאָס ניט, נאָר פיהלען פיהלט דאָס, אַז דאָ שמעקט נישט מיט קיין פּראָסע, נאָר מיט עפּעס אַנדערש... ניט אומזיסט האָט זי מיך געטריַיסט, די מאַמע מיַינע, אַז דער גוטער מלאך וועט מיר וואַרפען אַ גראָשען פון דער סטעליע; ניט אומזיסט האָט זי מיר געשענקט אַ גאַנצען עפּעל מיט אַ קוש אין שטערן אַריַין; ניט אומזיסט האָט זי געבעטען בועז'ן ער זאָל געהן מיט מיר אַ ביסעלע וויַיכער, חאָטש אַ ביסעלע וויַיכער, מחמת „דאָס קינד האָט ערשט ניט לאַנג געמאָזעלט...“

אַזוי האָט אַ זאָג געטהון די מאַמע און אַ וויַיז געטהון מיט דער האַנד אויף מיר, גלייך ווי זי וואָלט איבערגעבען בועז'ן אין די הענד

אַרײַן עפּעס זעהר אַ טײַערע כּלי פון קרישטאָל, וואָס טאָמער חלילה איין ריהר — איז אוים כּלי!

אַ צופרידענע, אַ גליקליכע איז די מאַמע געגאַנגען אַהײם און „דאָס קינד וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געמאָזעלט" איז איבערגעבליבען אַלײן. תחלת אַ ביסעל אַ ווײן געטהון, נאָכדעם אויסגעווישט די אויגלעך און מקבל געווען אויף זיך דעם עול פון דער תורה און פון דרך ארץ, און אַרויסגעקוקט אויף דעם גוטען מלאך, וואָס וועט איהם וואַרפען מסתמא באַלד אַ גראָשען פון דער סטעלי.

אוי, אָט דער גוטער מלאך! אָט דער גוטער מלאך! בעסער וואָלט די מאַמע גישט דערמאָנט דעם נאָמען זײַנעם, ווארום אַז בועז איז צוגעגאַנגען צו מיר, מיך געגעבען אַ נעם מיט זײַן טרוקענע בעוואַקסענע האַנד און אַ זעץ־אַנידער צו'ם טיש, איז מיר שוין געוואָרען נישט גוט אויף צו חלש'ען און איך האָב שוין אויפגעהויבען דעם קאָפּ אַרויף צו דער סטעלי, און האָב שוין געחאַפּט דעם שענעם פּסק פונ'ם רבין מיט'ן רעכטען ציה פאַר'ן אויער: „ממזר! וואָהין קוקסט דו?"

אַודאי האָט זיך „דאָס קינד וואָס האָט ערשט ניט לאַנג געמאָזעלט" אַ ביסעלע צעפּעסטעט: „מאַ — מע!" און ערשט דעמאָלט פערזוכט דעם אמת'ען טעם פונ'ם רבינס שמיץ: „אַ יונגעלע זאָל נישט קוקען אַהין וואו מע דאַרף ניט!... אַ יונגעלע זאָל ניט רעווען ווי קעלבער מאַ־מע!..."

II.

די מעטאָדע פונ'ם רבין בועז איז בעשטאַנען נאָר אין איין זאַך: שמיץ. פאַר וואָס עפּעס שמיץ? ער האָט דאָס געגעבען צו פערשטעהן מיט'ן שכל און געבראַכט אַ משל פון להבדיל אַ פערד: איבער וואָס געהט אַ פערד? ווײַל עס האָט מורא. פאַר וואָס האָט מורא אַ פערד? פאַר אַ שמיץ. פּונקט אַזוי איז מיט אַ קינד. אַ קינד בעדאַרף האָבען מורא: מורא פאַר גאָט, מורא פאַר'ן רבין, מורא פאַר טאַטע מאַמע, מורא פאַר אַנ'עברה. מורא פאַר אַ שלעכטע מחשבה... און בכדי אַ קינד זאָל טאַקי מורא האָבען וואָס מורא הײסט, בעדאַרף מען דאָס גאַנץ פײַן אָבשפּיליען, בעל־הבּתיש אַנידערלעגען און אַרײַנציִמבלען אַ פּאָר צעהנדליגג שמיצלעך. „אוי, שמיצלעך־מוצלח! ניטאָ קײן בעסערע זאַך אויף דער וועלט ווי אַ רוט, און לעבען זאָל דער קאַנטשיק!"

אזוי זאָגט בועז און נעמט דעם קאַנטשיק אין האַנד אַרײַן פאַוואָלינקע, נישט געחאַפּט, בעטראַכט איהם פון אַלע זײַטען, ווי מע בעטראַכט אַן אֶתרוג, נאָכדעם נעמט ער זיך צו דער מלאכה ערנסט, מיט ישוב הדעת, זינגט צו בשעת מעשה און שאָקעלט־צו מיט'ן קאָפּ:

שמיצלעך!

מוצלח!

שמיצלעך!

מוצלח!

חדושים ונפלאות! בועז צעהלט נישט און האָט קײן מאָל נישט קײן טעות. בועז שמײַסט און איז קײן מאָל נישט אין כעס. בועז איז נישט קײן מענש פון כעס, אין כעס איז ער נאָר דעמאָלט, ווען אַ קינד לאָזט זיך ניט שמײַסען, רײַסט זיך פון די הענד, דריגעט מיט די פיסלעך. זעהט איהר דעמאָלט איז עפּעס אַנדערש. דעמאָלט ווערען די אויגען אָנגעגאָסען מיט בלוט און ער שמײַסט שוין אָהן אַ נגון און אָהן אַ צאָהל: אַ יונגעלע דאַרף ליגען שטיל אַז אַ רבי שמײַסט!... אַ יונגעלע דאַרף האָבען דרך־ארץ אפילו דעמאָלט ווען מען שמײַסט איהם!...

אויך איז בועז אין כעס טאָמער לאַכט אַ קינד בשעת מען שמײַסט דאָס, (פאַרהאַן אַזעלכע קינדער וואָס לאַכען בשעת מען שמײַסט זײ; אַ חולאַת זאָגט מען...) בײַ בועזן לאַכען — איז סכנות נפשות! בועז האָט אַלײן נישט געלאַכט זינט ער לעבט, און האָט פײַנט אַז דער אַנדערער לאַכט. מען האָט געקאָנט צוזאָגען די גרעסטע פּרעמיע יענעם מענשען וואָס וועט שווערען בנאמנות, אַז ער האָט אַלײן געזעהן בועז'ן לאַכען. בועז איז נישט קײן מענש פון לאַכען. זײַן פּנים איז גאָר נישט מסוגל דערצו. בועז'ס פּנים זאָל אָנהויבען לאַכען וואָלט דאָס געוויס אויסגעזעהן אַ סך ערגער ווי בײַ אײנעם וואָס וויינט. (פאַרהאַן, פאַרהאַן אַזעלכע פּנימער אויף דער וועלט!). און וואָס איז טאַקי באמת פאַר אַן־עוברא לאַכען? לאַכען — לאַכען דאָך מענשען לעדיגגעהערס, פּוסטע קעפּ, לצים, הולטײַעס. אָבער מענשען וואָס האָבען אויף זיך דאגות פּרנסה, וואָס טראָגען אויף זיך דעם עול פון תורה און פון דרך־ארץ, האָבען נישט קײן צײַט אויף צו לאַכען. בועז האָט קײן מאָל קײן צײַט ניט. בועז אָדער ער קנעלט, אָדער ער שמײַסט, דאָס הײַסט ער קנעלט שמײַסענדיג, אָדער ער שמײַסט קנעלענדיג — שווער אָבצוטײַלען אײנס

פונ'ם אַנדערן און זאָגען: וואו לאָזט זיך אויס ביי איהם „געקנעלט״ און וואו הויבט זיך אָן „געשמיסען״.

און געשמיסען האָט אונז בועז, דאַרפט איהר וויסען, קיין מאָל נישט אומזיסט. ס'איז תמיד געווען אַ טעם פאַר וואָס: פאַר נישט גוט געלערנט, פאַר נישט גוט געוואָלט דאַוונען, פאַר נישט געפאָלגט טאַטע מאַמע, פאַר ניט אַריינגעקוקט, פאַר אַרויסגעקוקט, פאַר גלאַט געקוקט, פאַר צו גיך געדאַווענט, פאַר צו פּאַוואָלי געדאַווענט, פאַר צו הויך געדעדט, פאַר צו שטיל גערעדט, פאַר אַנ'אָבגעריסענעם לאַץ, פאַר אַ קנעפּעל, פאַר אַ ריס, פאַר אַ דראַפּ, פאַר אויסגעשמירטע הענד, פאַר אַ פערפלעקטען סדור, פאַר אַ נאַשערייַ, פאַר אַ לויפערייַ, פאַר אַ שטיפערייַ און אַזוי ווייטער און ווייטער, אָהן אַנ'עק.

דאָס זענען געווען, קאָן מען זאָגען, שמיץ פאַר „על חטא שחטאנו לפניך ביודעים״. היינט זענען געווען שמיץ פאַר „על חטא שחטאנו לפניך בלא יודעים״, דהיינו: שמיץ אויף להבא, אַלע ערב שבת און אַלע ערב יום-טוב און אַלע ערב בין הזמנים, מיט אַ פירוש דערויף: „טאָמער האָט איהר די שמיץ נאָך ניט פערדיענט, וועט איהר זיי אם ירצה השם כשר פערדיענען...״ אָדער שמיץ אַזעלכע וואָס עמיצער, אַנ'אייגענער אָדער אַ פרעמדער, האָט איך געוואָלט אַ טובה טהון, צו-געשטעלט אַ בענקעלע פאַרן רבי'ן. אָדער שמיץ מיט אַנ'אָנצוהערעניש פונ'ם רבי'ן אַליין: „דו ווייסט שוין אַליין מסתמא פאַר וואָסערע מעשים טובים...״ אָדער שמיץ אויף אַ טשעקאַוועסט: „לאָם איך זעהן אַקאָרשט ווי אַזוי אַ יונגעלע לאָזט זיך שמייסען...״ מיט איינעם וואָרט: „שמיץ״, „קאַנטשיק״, „מורא״, „טרעהרען״ — אָט וואָס אין יענער צייט האָט געטהון געוועלטיגען אין אונזער קליין נאַריש קינדערש וועלטעל, אָהן אַ שום עצה, אָהן אַ שום רפואה, אָהן אַ שום שטראַהל פון האָפנונג אויף פּטור צו ווערען פון דעם גיהנם!...

און דער גוטער מלאך, וואָס די מאַמע האָט געזאָגט? וואו איז ער ערגעץ, יענער גוטער מלאך?

III.

איך מוז מיך מודה זיין פאַר אייך, אַז איך האָב צייטענווייז געקווייקעלט זיך אין דער שענער מעשה מיט'ן גוט'ן מלאך. אַ פונק פון

אַפּיקורסות האָט זיך אַ ביסעל צופריה אַרייַנגעגנב'עט צו מיר אין'ם קינדערש הערצעל אַריַין. צופריה האָב איך אָנגעהויבען צו קלערען: אֶפשר האָט מיך די מאַמע אָבגענאַרט? צופריה האָב איך מיך בעקענט מיט'ן געפיהל וואָס ווערט אָנגערופען שנאה. צופריה, צופריה האָב איך פייַנט געקראָגען דעם רבי'ן בועז!

און ווי אַזוי זאָל מען איהם ניט פייַנט האָבען? ווי אַזוי, פרעג איך אייך, זאָל מען ניט פייַנט האָבען אַ רבי'ן וואָס לאָזט נישט קיין קאָפּ אויפהויבען: דאָס טאָרסט דו ניט! דאָרט שטעה ניט! אַהין געה ניט! מיט דעם רעד ניט!... ווי אַזוי זאָל מען ניט פייַנט האָבען אַ מענשען, וואָס האָט ניט אין זיך קיין קאָפּ רחמנות, וואָס האָט הנאה אַז יענעם טהוט וועה, וואָס באָדט זיך אין יענעמס טרעהרען, שמירט זיך מיט יענעמס בלוט?... דאַכט זיך וואָס קאָן שוין זיין מעהר בזיון פונ'ם וואָרט „שמייַסען"?... וואָס קאָן שוין זיין מעהר בושה ווי אַז מען טהוט אויס אַ מענשען אָדם־נאַקעט און מען שטעלט איהם אַוועק אין אַ ווינקעלע ווי די מאַמע האָט איהם געהאַט? ניין, בועז'ן איז דאָס קאַרג! בועז פאָדערט פון אייך אַז איהר זאָלט אַלייַן זיך אויסטהון, אַלייַן אַראָפּציהען מחילה די תחתונים'לעך, אַלייַן נעמען דאָס העמדעלע איבער'ן קאָפּ, אַלייַן זיך אַנידערלעגען איך בעט איבער אייער כבוד מיט'ן פּנים אַראָפּ, — און דאָס איבעריגע וועט שוין בועז אַלייַן טהון:

שמיצלעך,

מוצלח!

שמיצלעך,

מוצלח!...

און נישט נאָר בועז אַלייַן האָט געשמיסען. עס האָבען געהאָלפען שמייַסען אויך די בעהעלפערס זייַנע, די „משוררים" ווי ער האָט זיי גערופען, געוויינטליך, אונטער דער השגחה פון בועז'ן, מע זאָל חלילה ניט פערפעהלען קיין שמיצעל. ווינציגער מיט אַ ביסעל תורה און מעהר מיט אַ שמיצעל", אַזוי האָט געדרונגען בועז און געגעבען צו פערשטעהן די דאָזיגע טעאָריע מיט'ן שכל־הישר: אַז מיט צופיעל תורה פערשלאָגט מען אַ קינד דעם קאָפּ, און אַן איבריג שמיצעל שאַדט ניט, וואָרום „לאָמיר דאָס נאָר פערשטעהן, זאָגט בועז, על פי חקירה: דאָס לערנען וואָס מע לערענט מיט אַ קינד געהט דאָס גלייַך אין קאָפּ אַריַין, לכן איז דאָס מבלבל די רעיונות און מטמטם דעם מוח; און דאָס שמייַסען וואָס מע שמייַסט איז אדרבא פערקעהרט, ביז עס דערגעהט פון יענעם חלק

דורכ'ן גאַנצען גוף ביז'ן קאָפּ רייניגט דאָס דערוויַיל די געבליטענע און עס לייטערט דעם מות. היינט פערשטעהט איהר שוין?"

און בועז האָט נישט אויפגעהערט צו רייניגען אונז די געבליטען און צו לייטערן אונזערע מוחות. און אוי וועה! מיר האָבען שוין מעהר נישט געגלויבט אין יענעם גוטען מלאך, וואָס קוקט פון אויבען! מיר האָבען שוין צעקייט אַז דאָס איז נאָר געווען אַ פזמון, אַן'אויסגעטראַכטע מעשה אויף צו פערנאַרען אונז צו בועז'ן אין חדר אַריין, און מיר האָבען אָנגעהויבען צו זיפצען און צו קרעכצען אויף אונזער גלות פון בועז'ן, צו טומלען און צו רעדען און צו זוכען מיטלען ווי אַזוי ווערט מען פטור פונ'ם דאָזיגען שווערן ביטערן גלות?...

IV.

אין די מרה־שחורה'דיגע מינוטען, וואָס צווישען טאָג און נאַכט, בשעת די רויטפאַרביגע פייערדיגע זון בעדאַרף זיך געזעגנען מיט דער טונקעלער קאַלטער ערד אויף אַ גאַנצער נאַכט. אין די מרה־שחורה'דיגע מינוטען, וואָס דער פרעהליכער הילכיגער טאָג מאַכט אַ ויברח, און אויף זיין אָרט טרעט צו מיט שטילע טריט די אומעטיגע שטילע נאַכט מיט איהר אומעטיגען שטילען סוד. אין די מרה־שחורה'דיגע מינוטען וואָס דער שאָטען קלעטערט אויף די גלייכע וועגד, וואַקסט אין דער לענג און אין דער ברייט. אין די מרה־שחורה'דיגע מינוטען וואָס בין מנחה למעריב, בשעת דער רבי איז אין שוהל און די רביצין האָט צו טהון מיט דער ציג, מיט די קריגלעך אָדער מיט דער דייזשע באָרשטש — דעמאָלט זאַמלען מיר זיך צענויף, קליינוואַרג, אין חדר, אַרע איינאיינעם צווישען אויווען, זעצען זיך אויס אויף דער ערד, די פיסלעך אונטער זיך, שלאָגען זיך צענויף ווי די אומשולדיגע שעפעלעך, כשר'ע לעמעלעך, און דאָרטען, אין דער פינסטער, רעדען מיר פון אונזער מורא'דיגען טיטום, פון אונזער מלאך־המות בועז. יונגלעך עלטערע, פון דער גרויסער כתה, וואָס לערנען ביי בועז'ן שוין ניט דעם ערשטען זמן, דערצעהלען זיך אָן פון איהם מורא'דיגע מעשיות און שווערען מיט כל השבועות שבעולם, אַז בועז האָט פערשמיסען ניט איין יונגעל ביז צום טויט, אַז בועז האָט אַריינגעטריבען אין דער ערד אַריין שוין דריי ווייבער, אַז בועז האָט בעגראָבען זיין איינ־און־איינציגען זוהן, וכדומה

אזעלכע ווילדע זאכען, וואס די ה״ר שטעלען זיך קאפויר! עלטערע יונגלעך דערצעהלען און די קלענערע הארכען, הארכען מיט קאפ. שווארצע אויגלעך אין דער פינסטער גלאנצען, יונגע הערצלעך קלאפען, און עס בלייבט ביי אונז דער הסכם, אז בועז דער רבי איז אהן א נשמה, א מענש אהן א נשמה, און אזא מענש איז דאך געגליכען צו א חיה, צו א מזיק, וואס ס׳איז א מצוה איהם צו פטר׳ן... און טויזענדער פלאנען, נארישע קינדערשע פלאנען, וועבען זיך ביי אונז אין די קינדערשע מוחות, ווי אזוי מיר זאלען פטור ווערען פונ׳ם דאזיגען מלאך־המות... נארישע קינדער! די דאזיגע נארישע קינדערשע פלאנען האלטען זיי איטליכער בעזונדער טיעף פערבארגען ביי זיך אין הארצען. זיי בעטען גאט ער זאל טהון א נס: אדער דער סידור זאל פערברענט ווערען, אדער דעם קאנטשיק זאל צונעהמען דער רוח, אדער... אדער... דעם לעצטען „אדער” וויל קיינער ניט ארויסזאגען; מ׳ האט דאס מורא ברענגען פאר׳ן מויל, און דער כוח־הדמיון ביי די קינדער ארבייט, די יונגע פאנטאזיע טראגט, און חלומות, גוטע זיסע חלומות, פלאנטען זיך אין דער וואהר, חלומות פון פריי זיין, פון לויפען אראפ א בארג, פון פאליאסקען זיך מיט בארוויסע פיס אין טייך, פון שפילען אין פערדלעך, פון שפרינגען איבער פלויטען, — גוטע, זיסע, נארישע חלומות, וואס ס׳איז ניט באשערט זיי זאלען מקוים ווערען, ווארום אט הערט זיך א בעקאנטער הוסט פון א בעקאנטען פארשוין, א קלאפען פון בעקאנטע פאדעשוועס, א שליאפען פון בעקאנטע שקראבעס — און עס ווערען אונז פערקיהלט די געבליטען, און עס ווערען אונז פערגליווערט, פערשטארבען אלע אברים. און מיר זעצען זיך אוועק צו דער תורה און צו עבודת הבורא, צום לערנען און צום דאווענען, — פונקט מיט אזא חשק, ווי געהן צום עשאפאט, צו דער תליה! מיר לערנען, און אונזערע ליפען שעפטשען: „רבונו של עולם! צי עס וועט קומען אמאל א צייט אויף דעם דאזיגען עמלק, אויף דעם פרעה, אויף דעם המן, אויף דעם גוג ומגוג? צי עס וועט קומען אמאל א צייט וואס מיר וועלען פטור ווערען פונ׳ם דאזיגען שווערען וויסטען, פינסטערן גלות? ניין, קיין מאל נישט! קיין מאל נישט! קיין מאל נישט!...”

אזוי האבען מיר אפגעפסק׳נט, אומשולדיגע, נארישע קינדער.

V.

— קינדער! איהר ווילט הערען א שענעם פלאן, ווי אזוי פטור צו ווערען פון אונזער גוג ומגוג?

אזוי האט זיך אנגערופען איין מאל אין די אויבערדערמאהנטע מרה־שחורה׳דיגע מינוטען איינער פון דער עלטערער כתה, מיט׳ן נאמען וועלוועל לייב אריה׳ס, א יונגעל א שייגעץ, — און די אויגען האבען איהם בשעת מעשה געבלישטשעט אין דער פינסטער ווי ביי א וואלף, און די גאנצע חברה קלייניווארג האט ארומגערינגעלט וועלוועלען אויסצוהערען דעם שענעם פלאן וואס ער האט צוגעקלערט ווי אזוי פטור צו ווערען פון אונזער גוג ומגוג. און וועלוועל לייב אריה׳ס האט גענומען אונז פאר־לעגען זיין שענעם פלאן פריהער מיט א גאנצער דרשה: ווי אזוי ס׳איז שוין פון דעם בוזן׳ן ניט אויסצוהאלטען, ווי אזוי דער אשמדאי באדט זיך אין אונזער בלוט, ווי אזוי מיר זענען פערדעכענט ביי איהם ערגער פון הינט, וואָרום א הונט אז מען דערלאנגט איהם מיט׳ן שטעקען האט ער חאטש א ברירה צו קוויטשען, און מיר טארען דאס אויך ניט, און אזוי ווייטער און ווייטער... און נאך דעם רופט זיך אן צו אונז וועלוועל:

— הערט, קינדער, וואס איך וועל אייך פרעגען? איך וויל אייך עפעס פרעגען.

— פרעג, — זאגען מיר איהם אלע אין איין קול.

— ווי איז דער דין א שטייגער, אז אויף איינעם פון אונז קומט פלוצים א קרענק?

— איז ניט גוט — ענטפערן מיר איהם אפ.

— ניין, ניט דאס מיין איך. איך מיין עפעס אנדערש: למשל, אז איינער פון אונז ווערט קראנק געהט ער אין חדר ארין, צי ער בלייבט זיצען אין דער היים?

— פערשטעהט זיך אז ער בלייבט זיצען אין דער היים — שרייען מיר אויס אלע אין איין קול, און וועלוועל פרעגט ווייטער:

— ווי זשע איז אבער דער דין אז אויף צוויי פון אונז קומט א קרענק?

— זיצען צוויי אין דער היים.

— נו, און אז אויף דריי? — הערט וועלוועל ניט אויף צו פרעגען און מיר מידען זיך ניט איין צו ענטפערן איהם:

— זיצען דריי אין דער היים.

— ווי זשע איז אָבער דער דין כּדומה למשל אַז אויף אונז אַלע איז געקומען אַ קרענק?

— זיצען מיר אַלע אין דער היים.

— לאָז זשע קומען אַ קרענק אויף אונז אַלע! — זאָגט וועלוועל מלא גדולה. און מיר ענטפערן איהם מיט כּעס:

— לאָז גאָט היטען, ביזט משוגע צי חסר דעה?

— איך בין ניט משוגע און ניט חסר דעה; נאָר איהר זענט בהמות — דאָס יאָ. איך מיין דען מיר זאָלען קרענקען אויף דער אמת'ן? אויף צו־כּלומר'שט מיין איך, בּכדי מיר זאָלען ניט געהן אין חדר אַריין. היינט פערשטעהט איהר שוין?

אַזוי גיט אונז צו פערשטעהן אונזער חבר וועלוועל און מיר הויבען אָן דעם פּלאַן צו פערשטעהן און דער פּלאַן הויבט אונז אָן צו געפעלען און מיר הויבען אָן צו טראַכטען, וואָס פאַר אַ מין קרענק זאָל אויף אונז קומען? דער זאָגט: ציינווייטיג; דער זאָגט: קאָפּווייטיג; דער זאָגט: בויכווייטיג; דער זאָגט: ווערעם. נאָר בּלייבּען בּלייבּט, אַז ניט קיין ציינווייטיג און ניט קיין קאָפּווייטיג און ניט קיין בויכווייטיג און ניט קיין ווערעם, נאָר וואָס דען? עס דאַרפען אונז אַלעמען מיט אַמאָל אָנהויבען וועה־טהון די פיס, ווארום אויף די אַלע אויסגערעכענטע קרענק איז דער דאָקטאָר אַ מבין; און אַז איהר זאָגט איהם: די פיס טהון אייך וועה, איהר קאָנט ניט ריהרען מיט די פיס — לאָז ער געהן טאַפּען!..

— געדענקט זשע, קינדער, מאָרגען אין דערפריה זאָלט איהר ניט אויפשטעהן פון אייערע געלעגערס! און בכדי מיר זאָלען זיין זיכער אַז מיר האָבען געמאַכט יד אַחת און אַז קיינער פון אונז וועט ניט קומען מאָרגען אין חדר אַריין, לאָמיר זיך געבען איינס דאָס אַנדערע תקיעת־כּף און איבערשלאָגען מיט אַ ציצה!

אַזוי האָט אויסגערופען אונזער חבר וועלוועל. און מיר האָבען זיך געגעבען איינס דאָס אַנדערע תקיעת־כּף און איבערגעשלאָגען מיט אַ ציצי, און זענען געגאַנגען יענעס אויף דער נאַכט פון חדר אַ היים לעבעדיג, פרעהליך, און געזונגען לידער ווי די גבורים, וואָס האָבען אַ מיטעל ווי אַזוי גובר צו זיין דעם שונא, איינצונעמען די מלחמה.

VI.

קינדער! מיר געהען־צו צום סאַמע העכסטען אינטערעס פוּן אוּנזער געשיכטע, אוּן איך פערשטעה, אַז איהר זענט נייגעריג צוּ וויסען, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פוּנ׳ם דאָזיגען נאַרישען קינדערשען פּלאַן, פוּן דעם דאָזיגען משוּגענעם שטרייך? איך פערשטעה אַז איהר ווילט וויסען, צי איז דאָס תקיעת־כף געווען אַ תקיעת־כף? צי האָבען מיר געהאַלטען וואָרט? ווי אַזוי האָבען אויסגעזעהן אַזוי פיעל קינדער האָבען פּלוּצים זיך אַוועק־געלעגט אַלע אויף איין קריינק? וואָס האָבען געזאָגט די עלטערן? וואָס האָט געטהוּן דער רבי? אוּן צי האָבען מיר אויסגעפיהרט דאָס וואָס מיר האָבען געוואָלט?..

שאַדע וואָס איך קאָן אייך איצט מעהר ניט דערצעהלען, קינדער־לעך, — ס׳איז ערב יום טוב, אוּן איך מוּז איבּערייסען סאַמע בּיי׳ם רעכטען שפּיץ, אוּן איבערלאָזען דעם סוף אויף אַנ׳אַנדערש מאָל... אוּן מחמת מיר האַלטען שוין בּיי געזעגנען זיך, וויל איך אייך איבּערגעבּען אין קוּרצען, אַז בּועז לעבּט נאָך. נאָר אַז אָך אוּן אַז וועה איז צוּ זיין לעבּען! ער איז שוין לאַנג אוים מלמד... וואָס טהוּט ער? פוּן וואָס לעבּט ער? ער געהט איבּער די הייזער. אפשר וועט איהר איהם אַמאָל בּעגעגנען (איך וועל אייך זאָגען אַ סימן: ער שלעפּט זיך איהם נאָך אַ פוּס) גיט איהם אַ נדבה; נעבּאַך אַ רחמנות — אַנ׳אָבּגעשלאָגענע הושענא!..

עֶנדע.

דאָס דריטע

דאס דרייזעל.

א.

מעהר פון אלע מיינע חברים אין חדר און מעהר פון אלע יונגלעך פון דער גאנצער שטאדט און מעהר פון אלע מענשען אויף דער וועלט — האב איך ליעב געהאט מיין חבר בעני מאיר פאלקאיואס. דאס איז געווען א מין ליעבשאפט מיט א מאדנע צוגעבונדקייט מיט א מורא האבען אין איינעם. ליעב האב איך איהם געהאט דערפאר, וואס ער איז געווען שעהנער און קליגער און בריה'שער פון אלע יונגלעך און צו מיר איז ער געווען צוגעלאזט, געטריי, זיך איינגעשטעלט פאר מיר, געגעבען פעטש, געמאכט פוּר מיט א „שלשלת", דאס הייסט, געריסען פאר די אויערן אלע יונגלעך, וואס האבען מיך געוואלט זאטשעפען.

און מורא האב איך געהאט פאר איהם דערפאר, וואס ער איז א גרויסער און שלאגט זיך, און שלאגען האט ער געקאנט ווען ער האט געוואלט און ווען ער האט געוואלט, מחמת בעני איז געווען דער עלטערער, דער גרעסטער און דער רייכסטער פון אלע יונגלעך אין חדר. דער פאטער זיינער, מאיר פאלקאוואי, חאטש ער איז געווען נישט מעהר ווי א פאלקאוואי שניידער, איז ער אבער געווען דערפאר א יוד א נגיד און האט גישפיעלט אין שטאדט א ראלע פון א שעהנעם בעל־הבית: געהאט א שעהנע שטוב און א שטאדט אין מזרח־וואנד (די דריטע פונ'ם ארון־קודש), פסח די בעסטע מצה־שמורה, סוכות דעם שעהנסטען אתרוג, שבת גענומען צו זיך איין אורח, א נדבה געגעבען די שעהנסטע, א גמילת חסד געטראגען אקעגען. די קינדער אבגעגעבען צו די בעסטע מלמדים — בקצור, מאיר פאלקאוואי האט זיך „געמענשעלט", געוואלט ווערען א בעל־הבית צווישען אלע בעלי־בתים, זיך איינשרייבען צווישען חברה — נאר בלאטע! נישט אזוי גיך קויפט מען זיך איין ביי אונז אין מאזעפעווקע אין חברה אריין, נישט אזוי גיך פערגעסט מען ביי אונז אין מאזעפעווקע יענעמס יחוס, פון וואנען

ער שטאַמט אַרויס. אַ שנײַדער מעג זיך „מענשלען“ צוואַנציג יאָהר כּסדר, אונטערפּײַנען זיך אויף׳ן שעהנסטען אופן, וועט ער בײַ אונז אין מאַזעפּעווקע בלײַבען שנײַדער. נישטאָ גאָר, מײַן איך, אַזאַ זײַף אויף דער וועלט, וואָס זאָל קענען אָבוואַשען בײַ אונז דעם דאָזיגען פּלעק. אַך! וויפיעל מײַנט איהר וואָלט אַ שטײַגער, מאיר פאַלקאָוואַי געלאָזט זיך קאָסטען, מע זאָל איהם אויסמעקען דעם נאָמען: פאַלקאָוואַי? דאָס אומגליק זײַנס איז געווען, וואָס אַ פאַמיליע האָט ער געטראָגען נאָך טויזענד מאָל ערגער ווי דער נאָמען. שטעלט זיך פאָר, אַז אין פּאַס איז ער געשטאַנען פערשריבען: „קאָניעווסקי מעשטשאַנין, מאיר מאָוישאָוויטש טעלעצי“.

אַ מערקווירדיגע זאַך! מאיר׳ס עלטער־עלטער־זיידע, זאָל האָבען דאָרטען אַ ליכטיגען גן־עדן, וואָס איז מסתמא געווען אויך אַ שנײַדער, אַז ס׳איז געקומען צום אויסטראַכטען זיך אַ פאַמיליע, האָט ער גאָר נישט געקאָנט געפינען קײַן לײַטישערן נאָמען; נעחיי בי וואָלט ער געהײַסען, מע זאָל איהם פערשרײַבען: פינגערהוט, אונטערשלאַק, קניפּנאָדעל, גרויס־לאַטיג, לאַנגגערסטאָן — אַפילו אויך נישט אַזעלכע שעהנע נעמען, נאָר גאָרנישט, זיי האָבען חאָטש אַ שייכות מיט שנײַדערײַ, אָבער טעלעצי! וואָס איז איהם געפעלען געוואָרען אַ טעלעצי? וועט איהר זאָגען, למאי ביק? ס׳איז דען נישטאָ קײַן מענשען, וואָס טראָגען דעם נאָמען ביק? זאָגט אייך אָבער וואָס איהר ווילט, ביק און טעלעצי זענען טאַקי פון איין יחוס, ס׳איז אָבער פאָרט נישט דאָס, ביק איז פאָרט נישט טעלעצי... נאָר מיר קעהרען זיך אום צו מײַן חבר בעני.

ב.

געווען איז בעני אַ פײַן בחור׳ל, אַ פּעמפּיקעוואַטער, אַ ראַבעטיניער, מיט געלע שטעכענדיגע האָר, מיט ווײַסע פּעכקע בעקלעך, מיט שיטערע צײַהנדלעך און מיט מאָדנע רויטע בולבעוואַטע אויגעלעך ווי בײַ פּיש. די דאָזיגע בולבעוואַטע אויגעלעך האָבען תמיד געשמײַכעלט און געקוקט ממזריש און דערצו האָט ער געהאַט אַ פּערריסען נעזל, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פּנים׳ל האָט אויסגעזעהן בײַ איהם ווי בײַ אַ גרויסען עזות־פּנים — און דאָך איז מיר דאָס דאָזיגע פּנים׳ל דוקא געפעלען און מיר זענען געוואָרען מיט בעניען חבר פון דער ערשטער שעה אָן, וואָס מיר האָבען זיך דערקענט.

דאָס ערשטע קענטשאַפט אונזערס איז געשלאָסען געוואָרען אונטערן טיש זיצענדיג מיט׳ן רבי׳ן ביים חומש. און די מאַמע האָט מיך געבראַכט צו ביהרען אין חדר, האָב איך געטראָפען דעם רבין, אַ יוד מיט געדיכטע ברעמען און מיט אַ שפּיצעכיגער יאַרמעלקע, זיצען מיט אַלע תלמידים ביים חומש איבער דער סדרה בראשית. נישט געמאַכט קיין לאַנגע שהיות, אָבגעגעבען עקזאַמען האָט מען נישט בעדאַרפט, צושטעלען מעטריקעס אויך נישט, האָט מיר דער רבי אַ זאָג געטהון:

— קריך אַהינציצו אויף יענער באַנק צווישען יענע צוויי יונגלעך.

און איך בין אַרויפגעקראָכען אויף דער באַנק, זיך אַריינגעחאַפּט צווישען צוויי יונגלעך און האָב שוין געהייסען, אַ „צוגענומענער". קיין בעזונדערע שמועסען צווישען מיין מאַמען מיט׳ן רבי׳ן האָט אויך נישט בעדאַרפט זיין. ס׳איז ביי זיי געווען איין אָבגערעדטע זאַך נאָך פון יום־טוב.

— גערענק־זשע זאָלסט זיך לערנען ווי סע געהער צו זיין — זאָגט צו מיר די מאַמע שוין שטעהענדיג ביי דער טהיר. און דרעהט אויס נאָך אַמאָל דעם קאָפּ צו מיר און קוקט, קוקט אויף מיר מיט געפיהל, אויסגעמישט מיט פרייד, ליעבשאַפט און רחמנות. דער מאַמעס קוק פערשטעה איך זעהר גוט: זי האָט הנאה, וואָס איך זיך צווישען בעל־הבית׳ישע קינדער און לערן, און סע טהוט איהר וועה דאָס האַרץ, וואָס זי דאַרף זיך מיט מיר שיידען.

איך בין זיך מודה, אַז מיר איז געווען אויפ׳ן האַרצען אַ סך פרעהליכער ווי מיין מאַמען; איך זיץ צווישען אַזוי פיעל נייע חברים, קיין עין הרע, וואָס בעטראַכטען מיך און איך בעטראַכט זיי, מיר בעטראַכטען זיך איינס דאָס אַנדערע, נאָר דער רבי לאָזט אונז לאַנג נישט זיצען אָהן אַרבייט. ער צעשאָקעלט זיך און שרייט אויס אויף אַ קול מיט אַ נגון און מיר אַלע נאָך איהם, איינער איבערן אַנדערען, אויף קולי קולות: והנחש און דער שלאַנג! היה איז געווען! ערום קליגער! מכל פון אַלע! חית חיות! השדה פונ׳ם פעלד! אשר וואָס! עשה ער האָט געטהון!

יונגלעך, וואָס זיצען אַזוי נאָהנט איינס מיט׳ן אַנדערען, האָטש זיי שאָקלען זיך און שרייען, ווי איז דאָס מעגליך, זיי זאָלען נישט ווערען בעקאַנט, זיך דורכוואַרפען מיט אַ פּאָר ווערטער האָטש? און ס׳איז טאַקי אַזוי געווען.

בעני מאיר פאָלקאָוואָיס, וואָס איז געזעסען מיט מיר אין־איינעם שטאַרק צונויפגעקוועטשט, פּרובט מיך פריהער מיט אַ קנייפּ פאַר דער

פּוס און קוקט זיך איבער מיט מיר מיט די אויגען, און נאָך דעם צעשאָ-קעלט ער זיך שטאַרק און זינגט גלײַך מיט'ן רבי'ן און מיט אונז אַלע אויף אַ קול דעם חומש און וואַרפט אַרײַן זײַנע אייגענע ווערטער, בזה הלשון:

— והאדם און דער מענש! ידע האָט בעוואוסט! נאַ דיר אַוועקעט די דאָזיגע קנעפּלעך! חוה חוה! אשתו זײַן ווײַב! גיב מיר אַ באָקסער, וועל דיר געבען אַ ציה פון מײַן פּאַפּיראָס!

און איך פיהל עמיצענס וואַרעם הענדטעל אין מײַן האַנד און איך טאַפּ אָן עטליכע קלײַנע, גלאַטע, גליטשיגע הויזען-קנעפּלעך. איך בין זיך מודה, אַז נישט איך דאַרף קנעפּלעך, נישט איך האָב באָקסערן, נישט איך רויכער פּאַפּיראָסען. נאָר מיר איז געפעלען דער דאָזיגער אײַנפאַל און איך ענטפער איהם מיט'ן זעלבען נגון וואָס ער און שאָקעל זיך גלײַך מיט אַלע:

— ותהר און זי איז טראָגעדיג געוואָרען! ווער האָט דיר געזאָגט! ותלד און זי האָט געוואונען! אַז איך האָב בײַ זיך באָקסיָרן.

און אַזוי האָבען מיר זיך איבערגעשמועסט די גאַנצע צײַט, ביז דער רבי האָט אַ פּנים אָנגעשמעקט, אַז חאָטש איך שאָקעל זיך גאַנץ געשמאַק, נאָר דער קאָפּ איז מיר נישט בײַ'ם חומש, האָט ער מיך פלוצים געגעבען אַ חאַפּ אויף דער װענטקע, צום עקזאַמען הײַסט דאָס:

— זאָג נאָר דו! הער נאָר, ווי אַזוי הײַסט דו דאָרטען, דו מוזט אַוודאי וויסען וועמענס זוהן איז געוועזען קין און ווי אַזוי האָט געהייסען קין'ס ברודער?

די דאָזיגע קלאָץ-קשיא האָט מיר אויסגעוויזען אַזוי ווילד, גלײַך ווי מע וואָלט מיך אַ שטײַגער פלוצים אַ פרעג געטהון: ווען איז אויפ'ן הימעל אַ יריד, אָדער ווי אַזוי מאַכט מען פון שנײַע גאָמעלקעס, און זיי זאָלען נישט צעגעהן, אַז בסך הכל איז מיר גאָר דער קאָפּ געוועזען ערגיץ, ווײס איך וואו, אונטען בײַ די קנעפּלעך.

— וואָס קוקסט דו אויף מיר אַזוי? — פרעגט מיך דער רבי — דו הערסט נישט, וואָס מע רעדט צו דיר? איך פרעג בײַ דיר, זאָלסט מיר זאָגען אויף אַ ווײַלע, ווי אַזוי האָט געהייסען אָדם הראשון קין'ס פאָטער און וואָס האָט זיך אָנגעקעהרט מיט קין'ן זײַן ברודער הבל, וואָס חוה האָט זיי געהאַט?

איך זעה אַלע יונגלעך שמײַכלען, שטיקען זיך פאַר געלעכטער און פערשטעה נישט, וואָס לאַכט מען דאָ?

6

— זאָג, נאַרעלע, אַז דו ווייסט נישט, וואָרום מיר האָבען דאָס נאָך נישט געלערנט — שעפּטשעט מיר בעני אויפ'ן אויער און שטורכעט מיך מיט'ן עלענבויגען, און איך פאָלג איהם און זאָג איהם נאָך וואָרט ביי וואָרט, ווי אַ פּאַפּוגאַי, און אין חדר ווערט אַ געלעכטער ביז'ן הימעל.

— וואָס לאַכען זיי? — טראַכט איך מיר און קוק אויף די קינדער און אויפ'ן רבי'ן, ווי זיי קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און בשעת מעשה לעג איך איבער אונטען די קנעפּלעך פון איין האַנד אין דער אַנדערער, דאָרט איז פּונקט אַ האַלב טוץ.

— אַ נו, וויַיז נאָר בחור'ל אָקאָרשט די הענטעלעך דיינע! וואָס טהוסט דו דאָרטען מיט זיי? מאַכט צו מיר דער רבי און בויגט זיך אָן צו מיר אונטערן טיש...

. . . .

איהר זענט דאָך קלוגע קינדער, פערשטעהט איהר דאָך שוין מסתמא אַליין, וואָס פאַר אַ מין פּסק איך האָב געחאַפּט פון מיין רבי'ן אויפ'ן ערשטען אַרויספאָהר מיט די קנעפּלעך!

ג׳.

שמיץ פערהיילען זיך, בזיונות פערגעסען זיך. איך מיט בעניִן זענען מיר גיך געוואָרען גוטע ברידער, אָבער וואָס גוטע ברידער הייסט, נפש אַחת, גאָר ווי אַנדערע צוויי. אָט, ווי אַזוי די מעשה האָט זיך געטראָפען.

געקומען אויפ'ן אַנדערן טאָג אין חדר אַריין, מיט'ן חומש אין איין האַנד און מיט'ן אָנבייסען אין דער אַנדערער האַנד — האָב איך געטראָפען חברה שטאַרק האָפּערדיג, פרעהליך, דאָס וואָס ווערט אָנגערופען בגלופין. וואָס איז די מעשה? אַ גדולה — דער רבי איז נישטאָ! וואו איז ער? אַוועקגעגאַנגען ערגיץ אויף אַ ברית, אין-איינעם מיט דער רביצין, דאָס הייסט, הלילה, נישט אין-איינעם, אַ רבי געהט קיין מאָל נישט אין-איינעם מיט אַ רביצין, פריהער געהט דער רבי און נאָך-דעם אונטען געהט נאָך די רביצין.

— אַ לאָמיר זיך וועטען! — רופט זיך אָן איין יונגעל מיט אַ בלויער נאָז, יהושע העשיל הייסט ער.

— צו וויפיעל געוועט? — זאָגט דער אַנדערער, קאָפּעל בונעס,

אַ יונגעל מיט אַ צערימענעם אַרבעל און סך זעהט זיך אַרוים דער שפּיץ פּנ'ם שוואַרצען עלענבויגען.

— צו פערטיל פונט באַקסערן.

— לאָז זיין צו פערטיל פונט באַקסערן. איז וואָס, זאָגסט דו, לאָמיר האַרכען?

— איך זאָג, אַז מעהר ווי פינף-און-צוואַנציג וועט ער נישט אויס-האַלטען.

— און איך זאָג — זעכס און דרייסיג!

— זעכס-און-דרייסיג? אַט וועלען מיר באַלד זעהן! חברה נעמט איהם!

אַט אַזוי האָט אויסגעקאָמאַנדעוועט יהושע העשיל מיט דער בלויער נאָז, און עטליכע יונגלעך מיט אַמאָל האָבען מיך אַ נעם געטהון, ווי דער רוח דעם מלמד, מיך אַניִדערגעלעגט אויף דער באַנק און דוקא מיט'ן פּנים אַרויף. צוויי האָבען זיך געזעצט מיר אויף די פיס, צוויי אויף די הענד, איינער האָט מיר צוגעהאַלטען דעם קאָפּ, איך זאָל זיך נישט דרעהען — און נאָך איינער האָט אָנגעשטעלט אַקוראַט אַקעגען מיין נאָז צוויי פינגער פון דער לינקער האַנד (אַ פּנים ער איז געווען אַ ליוואַק, אַ געלינקטער?) די. צוויי פינגער האָט ער צונויפגעלעגט ווי אַ בייגעלע, איין אויגעל אַ ביסעל צוגעמאַכט, דאָס מויל האַלב געעפענט און גענומען מיר שנעלען אין נאָז אַריין, אָבער ווי אַזוי מיינט איהר שנעלען? יעדער שנעל האָט מיר געגעבען צו זעהן זיך מיט'ן טאַטען פון יענער וועלט. רוצחים! קוילער! וואָס האָבען זיי געהאַט צו מיין נאָז? וואָס האָט זי זיי געטהון? וועמען האָט זי געשטערט? וואָס האָבען זיי אויף איהר דערזעהן? אַ נאָז ווי אַלע נעזער!

— חברה, צעהלט! — קאָמאַנדעוועט יהושע העשיל — אחת ואחת! אחת ושתים! אחת ושלוש!

נאָר פלוצים...

כמעט אַלע מאָל, זינט די וועלט שטעהט, אַז סע טרעפט זיך חלילה איין אומגליק מיט אַ מענשען, גזלנים פאַלען אָן אויף איהם אין מיטען פעלד, בינדען איהם די הענד אַרונטער, שאַרפען אָן דאָס מעסער און הייסען איהם זאָגען ודוי, און סאַמע דעמאָלט ווען מע וויל שוין מאַכען חיק, טראָגט אָן דער גוטער יאָהר אַ סטאַנאָוואָי מיט אַ גלאָק — די גזלנים צעלויפען זיך און יענער ווערט נצול, הויבט אויף די הענד צו גאָט און בענשט נאָך דעם גומל.

מיט מיר און מיט מיין נאָז איז אויך אַזוי געווען. איך געדענק נישט אַקוראַט, צי ביים פינפטען, צי ביי'ם זעכסטען שנעל האָט זיך געענדיגט די טהיר און ס'איז אַריינגעקומען בעני מאיר פּאָלקאָווער'ס, און חברה האָבען מיך באַלד אָבגעלאָזט פריי, געבליבען שטעהן ווי די סטאַטקעס, און בעני האָט זיי גענומען איינציגווייז צו דער אַרבייט: ער האָט זיי אָנגענומען איט־ליכען בעזונדער ביי די אויערן, גוט אָנגעדרעהט, געמאַכט דערביי מיט אַ נגון פּ...ר! אָדער שלשל...ת!!! און בשעת מעשה געזאָגט אַלעמען מיט'ן אייגענעם נוסח:

— נו? היינט ווייסט דו שוין ווי'סען, וואָס הייסט זאַטשעפּען איין אַלמנה'ס אַ יונגעל?

פון דעמאָלס אָן האָבען שוין „חברה" מעהר נישט צוגעריהרט זיך, נישט צו מיר, נישט צו מיין נאָז; זיי האָבען מורא געהאַט זיך אָנחייבען מיט איין אַלמנה'ס אַ יונגעל, וואָס בעני מאיר פּאָלקאָוואָס איז זיין חבר זיין אויסלייזער. זיין בעשיצער.

ד.

„דער אַלמנה'ס יונגעל" — קיין אַנדער נאָמען האָב איך נישט געהאַט אין חדר. וואָס עפּיס „דער אַלמנה'ס יונגעל"? מחמת מיין מאַמע איז געווען אַ יונגע איין אַלמנה, זיך דורך־געשלאָגען אַליין מיט איהר אייגענער האָרעוואַניע, געהאַלטען אַ באַקאַליינע קלייט, וואָס מעהר פון אַלסדינג איז דאָרטען געווען, ווערליג איך געדענק, קרייד און באָקסערן — די צוויי מינים, וואָס האָבען אַ שאַרפען אָפּגאַנג ביי אונז אין מאַזעפּעווקע: קרייד בעדאַרף מען האָבען אויף שמירען די שטיבער, און באָקסערן איז אַ נאַשע־ריי, וואָס איז אי זיס, אי עס געהט אַ סך אויף דער וואָג, אי עס קאָסט וואָלוועל. חדר־יונגלעך ברענגען אויס דערויף דאָס גאַנצע געלד פון די אָנבייסענס מיט די מיטאָגס, און די קרעמער ביי אונז ציהען דערפון שעהן פּרנסה. בשום אופן האָב איך נישט געקאָנט פערשטעהן, פאַר וואָס די מאַמע קלאָגט זיך שטענדיג, זאָגט, אַז עס טראָגט איהר קוים קוים אויף קלייט־געלד און אויף שכר־למוד. און וואָס עפּיס גראָד שכר־למוד? וואו זענען די איבריגע זאַכען, וואָס אַ מענש בעדאַרף האָבען: למשל עסען, אַ קלייד, אַ שוך וכדומה? דער גאַנצער קאָפּ איהרער איז געלעגען אין'ם שכר־למוד: „אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט — זאָגט זי — און האָט צוגענו־

מען בײַ מיר מײַן מאַן, אַ'אַ מאַן, און מיך געלאָזט איין אַלמנה, אַ יונגע, איינע אַליין, ווײַל איך האָטש, אַז מײַן זוהן זאָל קאָנען גוט לערנען". וואָס זאָגט איהר אויף דעם משל? איהר מײנט אפשר, אַז זי איז נישט געגאַנגען אַלע מאָל אין חדר אַרײַן געוואָהר ווערען ווי אַזוי איך לערן? פון דאַוו־נען שמועסט מען נישט, אַז זי האָט אַכטונג געגעבען אויף מיר, איך זאָל דאַוונען אַלע טאָג. זי האָט מיר נאָר געוואָלט איינרעדען, איך זאָל זײַן האַלב ווי מײַן טאַטע, עליו השלום, איז געווען. און אַלע מאָל, חאָטש ווען זי האָט זיך גוט צוגעקוקט צו מיר, פלעגט זי זאָגען, אַז איך בין אין־גאַנצען „ער", מיר צו לאַנגע יאָהר. און בשעת מעשה זענען בײַ איהר די אויגען געווען ווי בענעצט. און מאָדנע פערזאָרגט איז געווען דאָס פּנים איהרם, בעצווינגען מיט אַ שוואַרצען טרויער.

לאָז ער מיר מוחל זײַן, דער טאַטע מײַנער, אויף יענער וועלט, איך האָב איהם נישט געקאָנט פערשטעהן, וואָס איז ער געווען פאַר אַ מענש, וואָס, ווערליג די מאַמע דערצעהלט זיך אָן פון איהם פלעגט ער כּסדר אָדער לערנען אָדער דאַוונען? שוין זשע האָט איהם קײן מאָל נישט געצווינגען ווי מיך אין דרויסען אַרוים זומער אין דער פריה בשעת די זון ברענט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, הויבט ערשט אָן אַרויסטרעטען אויפ'ן גרויסען הימעל, שפּאַציערט מיט אַ גרוים איילעניש ווי אַ פײַערדיגער מלאך אין אַ פײַערדיגער קאַרעטע מיט פײַערינע פערד, וואָס איז אונמעגליך צו קוקען זײ אין זײערע שטאַרק לויטערע, ברענענדיגע, גין־גאָלדענע פּנים'־ער? וואָס פאַר אַ טעם כרעג איך אײך, האָט אין אַזאַ געטליכען פריה־מאָרגען דאָס וואַכעדיגע דאַוונען? וואָס פאַר אַ טעם האָט נאָך־דעם דאָס זיצען און לערנען אינ'ם ענגען ווינסטען חדר, בשעת די גין־גאָלדענע זון האַלט אין רעכטען סמאַליען, אַנגעגליהט די ערד ווי איין אייזערנע סקאָווראָדע? דעמאָלס ציהט דאָס אײך גאָר אַהין אַראָב באַרג צום טײַך, צו יענעם שעהנעם טײַך, וואָס איז בעדעקט פון אויבען מיט גרינעם, און אַ מאָדנער ריח, אַ ריח פון שוויק־באַד לאָזט זיך הערען פון דער ווײַטען, דעמאָלס גלוסט זיך אײך אויסטהון אויף דער גיך און אַרײַנשפּרינגען העכער האַלב אין דעם אַנגעוואַרעמטען וואַסער, וואָס אונטען בײַ'ם דנאָ איז דאָס קיהל־לעך און מאָדנע גליטשיג און ווייך־בלאָטיג, און פערשיעדענע בעשעפעניש־שען, וואָס ווידמענען זיך אין די אָבגרונטען פונ'ם טײַך, האַלב פישלעך האַלב זשאַבקעלעך, שוועבען, שוועבען אָהן אַ שעור פאַר די אויגען און מאָדנע פליגען, קאָמאַרעם מיט די לאַנגע פּיס גליטשען זיך, שליטלען זיך איבערן וואַסער פון אויבען; דעמאָלס גלוסט זיך אײך אַריבערשווימען

אויף יענער זײַט, אַהין וואו די ברייטע, קײַלעכיגע, גרינע בלעטער וואַקסען און סע שעמערירט פון זיי אַרויס ווײַסע און געלע צוויקלעך, און סע קוקט אויף אײַך אַ גרינע פרישע ווערבע מיט ווייכע, פרישע צווײַגען. און איהר טהוט זיך אַ לאָז און פאַלט אַרײַן מיט די הענד אין בלאָטע און פּאַליאָסקעט-פּאַליאָסקעט מיט די פיס פון יענער זײַט, מען זאָל מײַנען, אַז איהר שווימט. וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אײַך נאָך אַמאָל האָט דאָס זיצען אין שטוב אָדער אין חדר זומער פאַר נאַכט, בשעת דער גרויסער רויטער הימעל-קוגעל לאָזט זיך אַראָב פון יענער זײַט שטאָדט אויף דער ערד, צינדט אָן דעם שפּיץ קלויסטער און בעלײַכט אויך דעם רויטען שינדעל-דאַך פון דער באָד און, להבדיל, די גרויסע אַלטע פענסטער פון דער גרויסער קאַלטער שוהל, און פון די ר־ען פון אונטערן שטאָדט געהט די טשערעדע, ציגען לויפען, שעפעלעך מעקען, דער שטויב וואַכסט, געהט ביז'ן הימעל, און זשאַבעס קוואַקען, זשאַבעס גרעגערן, סע רעשט, סע גריצט — אַ טאַרעראַם, אַ יריד, אַ האַרמידער! ווער האָט אין זינען איצטער דאַוונען? ווער'מען קריכט אין קאָפּ אַרײַן איצטער לערנען? געהט-זשע רעדט אָבער מיט מײַן מאַמען, — ווערט זי אײַך זאָגען, אַז ער, עליו השלום, האָט ניט אַזוי געטהון, ער, עליו השלום, איז געווען גאָר איין אַנדער מענש. וואָס פאַר אַ מענש איז ער געווען, זאָל ער מיר מוחל זײַן, ווייס איך נישט; איך ווייס נאָר, אַז מיר דערקוטשעט די מאַמע זעהר שטאַרק, דערמאָהנט מיר אַלע מאָל, אַז איך האָב געהאַט אַ טאַטען און וואַרפט מיר אויס צעהן מאָל אַ טאָג דאָס שכר-למוד, וואָס זי צאָהלט פאַר מיר. און פערלאַנגט פון מיר נאָר צוויי זאַכען, זאָגט זי: גוט לערנען און ווערען דאַוונען.

ה.

מען קאָן נישט זאָגען, אַז „דער אַלמנה'ס יונגעל" האָט זיך שלעכט געלערנט, ער איז נישט אָבגעשטאַנען פון זײַנע איבריגע חברים אויף קיין האָר, נאָר ווערען דאַוונען — דאָס בין איך אײַך נישט ערב. אַלע קינדער האָבען איין נשמה און אַ קונדס איז ער געווען גלײַך מיט אַלעמען: גלײַך מיט אַלעמען ליעב געהאַט אַ שקאָצערײַ, גלײַך מיט אַלעמען ליעב געהאַט אַ שטיף-טהון. און מ'שטיינס-געזאָגט, דאָס שטיפערײַ פון יודישע קינדער: אָנטהון דעם קהל'שען צאַפּ אויף די הערנער אַ שטרײַמעל פון דער רביצינס

וויכעט, וואָס זי שמירט מיט איהם די ערד, און לאָזען איהם איבער דער שטאָדט; אָנהענגען דער קאָץ אַ פּאַפּירענע שלאַנג אויפ'ן וויידעל, זי זאָל לויפען משוגענער ווייז און ברעכען טעפּ אויף וואָס די וועלט שטעהט; אויפהענגען אַ שלאָס אויף דער ווייבערשער שול פרייטאָג צו נאַכטס פון דרויסען, מע זאָל נאָך דעם די ווייבער דאַרפען ראַטעווען פון חלשות; צושלאָגען דעם רבינ'ס פּאַנטאָפעל צו דער ערד מיט טשוועקעס, אָדער צו־חתמ'נען איהם מיט טריפּוואַקס די באָרד צום טיש בשעת ער שלאָפט, און לאָז ער פּרובען אויפשטעהן, נאַר — אוי! וויפיעל שמיץ קאָסט דאָס אונז נאָך דעם, אַז מע דערגעהט זיך ווער דאָס האָט געטהון! סע פערשטעהט זיך פון זיך זעלבער, אַז יעדע זאַך מוז האָבען אויף זיך איין עלטערן, איין אויבערהאַר, וואָס ער איז דער קאָפּ, דער פיהרער, דער ווע־ווייזער,

אונזער קאָפּ, אונזער פיהרער, אונזער וועג־ווייזער איז געוועזען בעני מאיר פאָלקאָוואָי'ס. פון איהם האָבען זיך אַלע זאַכען אָנגעהויבען און צו אונזערע קעפּ האָט זיך דאָס תמיד אויסגעלאָזט. בעני, דער פּעמפּעקוואַטער רויטער בעני מיט די בולבעוואַטע רויטע אויגען איז תמיד פון אַלע אומגלי־קען אַרויס טרוקען ווי פּעפּער, ריין ווי אַ טרעהר אין גאָט די נשמה שולדיג ווי אַ טייבעלע. וואו ערגיץ אַ שעהנע תנועה, אַ מין העויה'לע, אַ שפּיצעל, אַ אָבשניצעל, האָבען מיר דאָס גענאַשט פון בענין; ווער האָט אונז אויסגע־לערנט בגנבה רויכערן אַ פּאַפּיראָס, אַרויסלאָזען דעם רויך פון ביידע נאָז־עכער? בעני. ווער האָט אונז אַרויפגעפיהרט זיך גליטשען ווינטער מיט אַלע שקצים'לעך אויפ'ן אייז? בעני. ווער האָט אונז אויסגעלערנט שפּיעלען אין קנעפּלעך, אין קניפּלעך, אין מ"ם שי"ן ה"א, אין „אום צי גראָד" און פערשפּיעלען די אָנבייסענס מיט די מיטאָגס? בעני. אויף שפּיעלען איז בעני געוועזען איין מזיק, דאָס הייסט: ער האָט אונז אַלעמען געמזיקט, אָבגעוואונען ביי אונז וואו מיר האָבען געהאַט אַ גראָשען, און געקומען צו עפּיס — אָבגעווישט די ליפּען, שאַ, נישטאָ בעני! דאָס שפּיעלען איז ביי אונז געוועזען איינע פון די בעסטע זאַכען אין דער וועלט און פאַר'ן שפּיעלען האָבען מיר אַלע מאָל געחאַפּט פונ'ם רבין דעם גרעסטען פּסק; ער האָט געזאָגט, אַז ער מוז דאָס אויסקאָרעניען, אַרויסרייסען ביי אונז מיט'ן וואָרצעל.

— שפּיעלען וועט איהר ביי מיר? מיט'ן מלאך המות וועט איהר זיך ביי מיר שפּיעלען! — אַזוי פלעגט זאָגען דער רבי און אויסטרייסלען

אונז די קעשענעס, צונעמען וואָס ער האָט געפונען און איינטהיילען אונז שמיץ פון דער ברייטער האַנד.

נאָר איין וואָך אין יאָהר איז געווען ביי אונז אַזעלכע. וואָס מע האָט געמעגט שפּיעלען. וואָס זאָג איך מע האָט געמעגט? ס'איז געווען אַ מצוה צו שפּיעלען.

די וואָך איז געווען — די וואָך פון חנוכה, און געשפּיעלט האָבען מיר „אין דריידעל".

ו.

אמת, אין די היינטיגע שפּיעלען, וואָס מע שפּיעלט אין קאָרטען, למשל: אָקע, סטוקעלקע, טערטיל-מערטיל, סטאָס, וכדומה, שטעקט אודאי מעהר שכל ווי אין אונזער אַמאָליגען דריידעל, נאָר דאָרט, וואו מע שפּיעלט אויף געלד, איז קיין חלוק נישט. איך אַליין האָב געזעהן מיט מיינע אויגען ווי צוויי שקצים זענען געזעסען און האָבען זיך געשלאָגען קאָפּ אין וואַנד, און אַז איך האָב זיך געפרעגט, וואָס טהוט איהר דאָס? איהר זענט משוגע צי חסר דעה? האָבען זיי מיר געזאָגט, איך זאָל נעמען דעם וועג, וואָרום זיי שפּיעלען אויף געלד — ווער פון זיי וועט זיך גיכער איינמידען... די שפּיעל פונ'ם דריידעל איז אַ הייסע, אַ מורא'דיגע שפּיעל, זי קאָן אַריינטרייבען אייך אין אֶלף הששי אַריין איהר זאָלט פערשפּיעלען די נשמה. און נישט אַזוי דאָס געלד, ווי דער פּערדראָס: למאי געווינט יענער? למאי פאַלט ביי יענעם דאָס דריידעל אויף דער גימל, און ביי אייך אויף דער נון, אויף דער ה"א אָדער אויף דער שין? און דאָס ווייסט איהר דאָך מסתמא, וואָס בעדייטען די פיער אותיות פונ'ם דריידעל: נ' מאַכט ניין, ה' מאַכט האַלב, ש' מאַכט שלעכט און ג' מאַכט גוט. דאָס דריידעל איז אַ מין לאָטעריי. וועמען די הצלחה שפּיעלט, דער געווינט. אָט נעמט למשל בעני מאיר פאַלקאָוואָים, וויפיעל מאָל ער זאָל נישט לאָזען דאָס דריידעל, מוז דאָס פאַלען ביי איהם אויף דער גימל.

— ס'איז דיר איין אַנטיק מיט דעם בענין! — זאָגען אַלע יונגלעך און שטעלען אַלע מאָל פריש געלד און בעני „ענטפערט" אַלעמען, וואָרום וואָס הערט ער דאָס! „אַ נגיד'ס אַ יונגעל"!

— גימל! וויעדער גימל! איין אַנטיק מיט איהם! שרייען אויס אַלע מיט אַמאָל און מע נעמט זיך צו די בייטעלעך און מע שטעלט פריש

געלד, און בעני "ענטפערט" אלעמען, לאזט דאס דריידעל "קאזערעם", מיט'ן קעפעלע ארויף, דאס דריידעל דרעהט זיך, קאטשעט זיך אהין און אהער ווי א שכור און פאלט אנידער.

— גימל! זאגט בעני.

— גימל! גימל! וויטער גימל! חדושים מיט איהם! שרייט אוים חברה און קראצען זיך און נעמען זיך ווידער צו די בייטעלעך.

די שפיעל ווערט וואס וויטער פייעריגער, די שפיעלערס היצען זיך, שטעלען געלד, שטופען זיך אלע צום טיש, קריגען זיך, דערלאנגען איינס דאס אנדערע אין זייט אריין, זענען זיך מכבד מיט מאדנע ווערטער: „דו, סמארק איינער! דו, פאנפאטש! שווארצער קאטער! צעקנייטשטע יארמעלקע; צעשפאלטענע קאפאטקע!" וכדומה אזעלכע קאמפלימענטען, בעמערקען גאר נישט, אז ביי דער זייט שטעהט דער רבי אנגעטהון אין ווארעמען טיזליק מיט'ן וואטענעם מיצעל אויף דער יארמעלקע און מיט'ן טלית ותפילין אונטער דער האנד; דאס קלויבט ער זיך געהן אין קלייזעל אריין דאווענען, נאר דערזעהן די קינדער היצען זיך, האט ער זיך אבגעשטעלט אויף א ווייליע א קוק טהון פון דער וויטען, ווי מיר שפיעלען אין דריידעל. היינט מישט זיך נישט דער רבי, ס'איז חנוכה, זענען מיר פריי אבט טאג בסדר און קאנען שפיעלען אין דריידעל וויפיעל מיר ווילען, אבי נישט שלאגען זיך, נישט רייסען זיך ביי די נעזער. אויך די רביצין האט געחאפט דאס קליינע, קראנקע ראובלי אויף די הענד, איהם פארשטופט דאס מוילכעל מיט דער ברוסט, ס'זאל נישט שרייען, האט זיך אוועקגעשטעלט אונטערן רבינ'ס פלייצעס און קוקט-קוקט ווי די יונגלעך שטעלען געלד, און בעני „ענטפערט" אלעמען, בעני ברענט, בעני פלאמט, בעני פלאקערט, בעני לאזט דאס דריידעל, און דאס דריידעל דרעהט זיך, קאטשעט זיך און פאלט אנידער.

— ווידער אמאל גימל! א טרעיאטער מיט דעם בענין!

און בעני האט אונז אזוי לאנג בעוויזען זיין בריהשאפט מיט זיינע גרויסע קונצען ביז ער האט אונז מחילה אויסגערייניגט אלעמען די בייטעלעך, צוגענומען וואו ס'איז געווען ערגיץ א פרוטה, אריינגעלעגט די הענד אין די קעשענעס, ווי איינער רעדט, „נו, ווער וויל נאך?"... און מיר זענען זיך צעגאנגען אהיים, אוועקגעטראגען מיט זיך א וועהטאג אין הארצען און א בזיון פאר זיך אליין און נאך געמוזט אין דער היים אויסטראכטען „ליגענס", דער אזא ליגען און דער אזא ליגען. איינער האט זיך מודה געווען", אז ער האט דאס גאנצע חנוכה-געלד פערנאשט, אויסגעגעבען אויף

באָקסערן ! דער אַנדערער האָט אויסגעטראַכט אַ פּזמון, אַז מע האָט דאָס בײַ איהם אַרויסגעגנבה'ט פון קעשענע נאָך בײַ נאַכט, און דער דריטער איז געקומען אַהיים מיט אַ געוויין. וואָס איז? וואָס וויינסט דו? — סטײַטש, ער האָט זיך געקויפט פאַר'ן חנוכה־געלד אַ מעסערל! — וואָס זשע איז דער געוויין? — סטײַטש, ער האָט דאָס געהענדיג פערלוירען!

אויך איך האָב אויסגעטאַקט אַ גרויסען ליגען, דערצעהלט דער מאַמען אַ גאַנצע מעשה פון טוויוענד־איין־נאַכט און אויסגעבעטען בײַ איהר נאָך אַמאָל חנוכה געלד אַ האַרטען זעכסער מיט צוויי צוויײַערס, אַוועקגעטראָגען זיי צו בעניִן און אָבגעטײַסעלט זיך אין פינף מינוט און אויסגעטראַכט דער מאַמען אַ נײַעם ליגען; בקצור קעפּ האָבען געטראַכט, מוחות האָבען געאַרבײַט און ליגענס, ליגענס זענען געפלויגען אַזוי ווי האָלץ, און דאָס גאַנצע חנוכה־געלד אונזערס איז אַוועק מיט'ן דריידעל, אַוועק צו בעניִן אין קעשענע אַרײַן, און פערפאַלען לעולם ועד!

נאָר איינער פון אונז האָט זיך אַזוי אַרײַנגעלאָזט אינ'ם דריידעל, אַז ער האָט זיך נישט בענוגענט מיט'ן חנוכה געלד אַליין און האָט נישט אויפגעהערט צו שפּיעלען און שפּיעלען מיט בעניִן אין דריידעל כמעט אַלע טאָג ביז'ן לעצטען טאָג פון חנוכה.

און דער דאָזיגער איינער בין געוועז טאַקי, מחילה, איך אַליין, „דער אַלמנה'ס יונגעל".

ז.

וואו האָט גענומען „דער אַלמנה'ס יונגעל" געלד אויף צו שפּיעלען — דאָס זאָלט איהר גאָר נישט פרעגען. די גרויסע שפּיעלערס פון דער וועלט, די וואָס האָבען געפּרובט געווינען און פערשפּיעלען גאַנצע פערמעגענס און מאַיאָנטקעס — די וויסען, די פערשטעהען!... אוי וועה, די שעה זאָל גאָר נישט זײַן, אַז דער יצר־הרע פון דער שפּיעל קומט אָן, איז גאָר נישטאָ קיין שוועגרע זאַך אויף דער וועלט. ער ברעכט דורך מויערן, אײַזערנע ווענט. ער טהוט מעשים אשר לא יעשו — אַ ווערטעל אויסצורעדען: דער יצר הרע פון שפּיעלען!

ראשית חכמה האָב איך זיך גענומען מאַבען געלד פון שוה כסף, דאָס הייסט, עס זאָל איך צו קיין חרפה נישט זײַן, פערקויפען אַלסדינג וואָס איך האָב, איין חפץ נאָכ'ן אַנדערן, פריהער דאָס מעסערל, נאָך דעם

דאָס בײַטעלע, נאָך דעם די קנעפּ׳לעך אַלע, און אַ קעסטעל׳ע האָב איך געהאַט, וואָס פּלעגט זיך עפענען און פערמאַכען, און עטליכע רעדלעך פון אײן אַלטען זײגער, גוטע, מעשענע, אַז מע רײַבט זײ אָ׳ם גלאַנצען זײ מיט סכנות נפשות, — אַלסדינג אױעקגעגעבען בחצי חנם, געשניטען אויף וואָס די וועלט שטעהט און געלאָפען אַלע מאָל מיט פריש געלד צו בענין אַהײם און פערשפּיעלט איהם ביז׳ן לעצטען גראָשען, אװעקגעגאַנגען אַלע מאָל פון איהם אָבל וחפוי־ראש, מיט אַ האַרץ פול וואונדען. מיט אַ שרעקליכען פערדראָס, שטאַרק אויפגעטראָגען, נישט אויף בענין! חלילה! וואָס האָב איך צו בענין? וואָס איז בעני שולדיג, אַז סע געהט איהם אין דער שפּיעל? ס׳זאָל בײַ מ י ר, זאָגט ער, פאַלען דאָס דרײדעל אויף דער גימל, וואָלט איך געוואונען, עס פאַלט בײַ א י ה ם, זאָגט ער, אַלע מאָל אויף דער גימל, געווינט ע ר. אַזוי זאָגט בעני און איז נעבאַך זעהר גערעכט... נײן, מיך פערדריסט אויף זיך, אויף מיר אַלײן, למאי איך האָב צעטרענצעלט אַזוי פיעל געלד. דער מאַמעס פערהאָרעװעטע געלד, און צעפלאָכטען אַלע מײַנע זאַכען, געבליבען, ווי מע זאָגט, נאַקעט ווי די מאַמע האָט מיך געהאַט! אַפילו דאָס סדור׳ל אויך פערקויפט. אוי דאָס סדור׳ל! דאָס סדור׳ל!... דערמאָהן איך מיך אינ׳ם קלײנעם סדור׳ל, פערקלעמט מיך בײַם האַרצען און דאָס פנים ברענט מיר פאַר בזיון! דאָס איז געװען אַ צאַצקע נישט קײן סדור׳ל! בײַ פּתחיה דעם פאַקענטרעגער האָט דאָס מיר די מאַמע געקויפט, אַקוראַט צום טאַטענס יאָהר=צײַט. און אַ סדור׳ל איז דאָס געװעזען, — צװישען סדורים׳לעך אַ סדור׳ל! אַ „כל=בוניקעל״, אײן אמת׳דיג כל=בוניקעל! אַ גראָבס, אַ געפּאַקטס. פון כל טוב האָט זיך דאָרטען געפונען, פון פויגעל=מילך, וואָס אַ מויל קען רעדען: שיר השירים און פּרק, און ברכי נפשי, און די הגדה, און אַלע תפלות און אַלע דינים ומנהגים פון אַ גאַנץ יאָהר, און אַ תהלים׳ל צום סוף! הײַנט די טעװעלעך מיט די גאָלדענע אותיות! דער שניט! דאָס רוקענדעל! אַ יצר הרע, זאָג איך אײך, אַ שטן נישט קײן סדור׳ל! אַלע מאָל, ווען פּתחיה מיט די בולמעס און מיט די שטאַרק אונטערגעשאָרענע וואָנסעס, וואָס דאָס מאַכט דאָס פערזאָרגטע פנים זײַנס שמײכלענדיג, אַלע מאָל, ווען דער פּתחיה האָט זיך צעלעגט מיט זײַן קראָם אין בית המדרש בײַ דער טהיר, האָב איך קײן אויג נישט אַראָבגעלאָזט פון דעם כל־בוניקעל.

— וואָס ווערסט דו זאָגען, יונגעל׳ע? — פרעגט מיך. כלומרשט פּתחיה, גלײַך ווי ער ווײסט נישט, אַז איך האָב געוואָרפען אײן אויג אויפ׳ן „כל בוניקעל״. שוין אַמאָל זיבעצעהן איבערגעטאַפּט מיט די הענד

און איבערגעפרעגט וואָס סע קאָסט.

— גאָר נישט, זאָג איך, גלאַט אַזוי... און גײה אַוועק פון איהם איך זאָל נישט זעהן פאַר זיך דעם יצר הרע.

— אוי, מאַמע! זאָלסט זעהן איז ביי פתחיה'ן פערהאַן אַ כל-בוניקעל!

— וואָס פאַר אַ כל-בוניקעל — פרעגט מיך די מאַמע.

— אַ סדור'ל אַזעלכעס! ווען איך האָב אַזאַ סדור'ל וואָלט איך — איך ווייס אַליין נישט וואָס!

— האָסט דען נישט קיין סדור? און וואו איז דעם טאַטע'נס סדור?

— וואָס גלייכסט דו, מאַמע? יענץ איז אַ סדור, און דאָס איז אַ כל-בוניקעל?

— אַ כל-בוניקעל — זאָגט די מאַמע — אין אַ כל-בוניקעל איז דען פאַרהאַן מעהר צו דאַוונען, צי סע דאַווענט זיך געשמאַקער?

געהט גיט צו פערשטעהן אַ מאַמען, וואָס הייסט אַ כל-בוניקעל, איין אמת'דיג כל-בוניקעל, מיט רויטע טאָוועלעך, מיט אַ בלויען שניט און מיט אַ גריגעם רוקען!

— קום — זאָגט צו מיר די מאַמע איין מאָל אין אַ פאַר-נאַכט און נעמט מיך אָן פאַר אַ האַנד — קום מיט מיר אין בית-המדרש, מאָרגען, אם ירצה השם, האָסט דו יאָהר-צייט נאָכ'ן טאַטען, וועלען מיר שטעלען ליכט און זיך זעהן אין איין וועג מיט פתחיה'ן, וואָס איז ביי איהם פאַר אַ כל-בוניקעל אַזעלכעס?

איך ווייס פריהער, אַז צום טאַטענס יאָהר-צייט וועל איך ביי מיין מאַמען פועל'ן ווי מע זאָגט, דאָס טעלערל פונ'ם הימעל און עס קלאַפּט מיר שוין דאָס האַרץ פאַר פרייד.

געקומען אין בית-המדרש, טרעפען מיר פתחיה'ן מיט'ן זאַק נאָך נישט אויסגעפּאַקט די סחורה. פתחיה איז, פערשטעהט איהר מיך, אַ יוד נישט קיין האַפּענדיגער; ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז ער איז איינער אויפ'ן יריד. זיינס וועט פון איהם נישט אַוועק. איידער ער בינדט אויף דעם זאַק און צעלעגט די קראָם, געדויערט אַ יאָהר. איך ציטער, איך פלאַטער, קוים וואָס איך האַלט מיך אויף די פיס, און ער, גאָר נישט, גלייך ווי נישט צו איהם רעדט מען!

— ווייזט שוין דאָרטען — זאָגט צו איהם די מאַמע — וואָס איז דאָרט ביי אייך פאַר אַ כל-בוניקעל?

פתחיה האָט צײַט, דער טײַך ברענט נישט. פּאַוואָלינקע, נישט גע־חאַפּט בינדרט ער אויף דעם זאַק און לעגט אויס די גאַנצע קראַם זײַנע: חומשים און קלײנע חומש׳לעך, מאַנסבילשע סדורים, און ווײַבערשע קרבן־מנחה׳ס, תהלים׳ס און תהלימלעך, חק לישראל און תקינים׳לעך, מחזורים, סליחות און תחינות אָהן אַ שעור! און ספּורי מעשיות, שבחי בעל־שם־טוב און וויעדער אַמאָל תחינות! עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז עס וועט זיך קײן מאָל בײַ איהם נישט אויסגעמען, אַ קוואַל, אַ ברונען! קוים אַמאָל דערלעבט צו זעהן דאָס קלײנוואַרג און בתוכם האָט אַ שײן געטהון דאָס כל־בוניקעל.

— אָט דאָס איז גאָר? — רופט זיך אָן די מאַמע — אַזאַ קלײניטשקע?

— דאָס קלײניטשקע — זאָגט פּתחיה — קאָסט טײַערער פון אַ גרויסעטשקע.

— וואָס קאָסט בײַ אײך, גאָט זאָל נישט שטראָפען פאַר די רעד, דאָס דאָזיגע קלײנע ווערוויקעל?

אויף אַ סדור זאָגט איהר ווערוויקעל? — מאַכט צו איהר פּתחיה און נעמט בײַ איהר פּאַוואָלינקע דאָס כל־בוניקעל פון די הענד און כיר רײַסט זיך אָב אין הארצען.

— נו, זאָגט שוין, זאָגט, וואָס קאָסט דאָס? — בעט בײַ איהם די מאַמע, נאָר פּתחיה האָט זיך צײַט און ענטפערט מיט אַ נגון:

— דאָס סדור׳ל וואָס קאָסט? אוי, סע קאָסט, סע קאָסט! איך האָב מורא, ס׳איז נישט פאַר אײַער בײַטעל.

די מאַמע בענשט די שונאים מיט בײזע, וויסטע חלומות און הײסט זיך זאָגען אַ מקח.

פּתחיה זאָגט אַ מקח און די מאַמע ענטפערט איהם נישט. זי דרעהט זיך אויס מיט׳ן פּנים צו דער טהיר, נעמט מיך פאַר אַ האַנד און זאָגט צו מיר:

— קום, לאָמיר געהן, מיר האָבען דאָ נישט וואָס צו טהון, דו ווײסט דען נישט, אַז רב פּתחיה זעגען אַ יוד אַ יקרן?

מיט אַ ביטערער הארץ געה איך נאָך דער מאַמע ביז דער טהיר מיט אַ שטיקעל האָפנונג, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען און פּתחיה וועט אונז אומקעהרען צוריק. נאָר פּתחיה איז נישט אַזאַ יוד. ער ווײסט, אַז מיר וועלען זיך אַלײן אומקעהרען, והראיה, מיר האָבען זיך טאַקי אומגעקעהרט און די מאַמע בעט איהם, ער זאָל זאָגען ווי אַ „מענש". פּתחיה׳ ריהרט

זיך נישט, קוקט אויף דער סטעלע און די ווייַסע בולמעס גלאַנצען, און מיר געהען אַוועק און קעהרען זיך אום נאָך אַמאָל צוריק.

— אַ פּאַהאַנער יוד אָט דער פּתחיה! — זאָגט צו מיר נאָך דעם די מאַמע — מכּות מייַנע שונאים וואָלט איך בייַ איהם געקויפט אַ סדור׳ל! הייַנט קאָסט דאָס טאַקי יקרות, אַיין עבירה כ׳לעבען, דאָס געלד וואָלט צו נוטץ געקומען אויף שבר־למוד! נאָר גאָר נישט, צוליעב דעם, וואָס דו האָסט מאָרגען, אם ירצה השם, יאָהר־צייַט נאָכ׳ן טאַטען, עליו השלום, און דו זאָגסט נאָך איהם קדיש, האָב איך דיר צוליעב געטהון, טהו זשע מיר צוליעב מייַן זוהן דו אויך, און זאָג מיר צו, אַז דו וועסט חאָטש דאַווענען געטריי אַלע טאָג.

צי איך האָב טאַקי אַזוי געטריי געדאַווענט ווי איך האָב צוגעזאָגט, צי נייַן, דאָס וועל איך אייך נישט זאָגען, נאָר דאָס כּל־בּוניקעל האָב איך ליעב געהאַט דאָס חיות! איהר קענט פערשטעהן, אַז איך בין מיט דעם געשלאָפען, חאָטש איהר ווייסט? — מע טאָר דאָס נישט. דער גאַנצער חדר האָט מיר מקנא געווען אויף דעם סדור׳ל, ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פונ׳ם אויג האָב איך דאָס אָבגעהיט — און איצט, דעם דאָזיגען חנוכּה, האָב איך דאָס — וועה געשריגען! — אַליין מיט מייַנע אייגענע הענד אַוועקגעטראָגען צו משה דעם סטאָליאַרס יונגעל, וואָס האָט שוין לאַנג געוואָרפען דערויף אַיין אויג — און נאָך געדאַרפט בעטען איהם, אויסשלאָגען אַ קניע ערד, ביז ער זאָל דאָס בייַ מיר קויפען. כּמעט אומזיסט אַוועקגעגעבען דאָס קלייַנע סדור׳ל! אוי דאָס סדור׳ל! דאָס סדור׳ל, און דערמאָהן איך זיך אין דעם קלייַנעם סדור׳ל, פערקלעמט מיך בייַם האַרצען און דאָס פּנים פלאַמט מיר פאַר בזיון! פערקויפט, פערהאַנדעלט, און צוליעב וואָס? צוליעב וועמען? צוליעב בענין, בעני זאָל האָבען אויף צו געווינען בייַ מיר נאָך עטליכע קאָפּיקעס? נאָר וואָס איז שולדיג בעני, אַז סע געהט איהם אַזוי אין דער שפּיעל!

— דערויף איז דאָס אַ דרייַדעל, רעדט מיר אוים בעני דאָס האַרץ און לעגט אַריין צו זיך אין בייַטעלע מייַנע לעצטע עטליכע גראָשענס — ס׳זאָל דיר אַזוי געהן ווי סע געהט מיר, וואָלסט דו געוואונען! עס געהט אָבער מיר, געווין איך.

און בענים בעקלעך פלאַמען, און אין שטוב איז בייַ זיי ליכטיג און וואַרעם. און אַ זילבערן חנוכּה־לעמפּעל שטעהט בייַ זיי גרייַט מיט׳ן גוטען בוימעל, מיט׳ן שעהנעם שמש און מיט אַלדעם גוטס, און פון קיך בייַ זיי לאָזט זיך הערען אַ ריח פון פרישע נאָר וואָס אויסגעפּרעגעלטע שמאַלץ.

— מע באַקט היינט ביי אונז לאַטקעס — זאָגט מיר בעני אָן אַ בשורה אויף דער טהיר שוין און מיר קלעמט דאָס האַרץ פאַר הונגער און איך לויף מיט׳ן צעריסען טולעפ׳ל אהיים און טרעף די מאַמע געקומען שוין פון קלייט, רויט די נאָז, רויט די הענד און אָנגעדראָלען, איבערגעפרוירען דורך און דורך, שטעהט און וואַרעמט זיך ביים אויווען. מיך דערזעהן, הויבט איהר דאָס פנים אָן צו שיינען.

— פון שוהל? — פרעגט מיך די מאַמע.

— פון שוהל — זאָג איך איהר אַ ליגען.

— געדאַווענט מעריב?

— געדאַוועגט מעריב — זאָג איך איהר אַ נייעם ליגען.

— וואַרעם זיך אָן, מיין זוהן, וועסט דו מיר בענשען חנוכה־ליכט־לעך. ס׳איז היינט, דאַנקען גאָט, דאָס לעצטע ליכטעל.

ח.

אודאי, אַ מענש זאָל טראָגען אויף זיך נאָר צרות אליין און נישט האָבען קיין פּיצעל פערגעניגען, קיין ברעקעל נחת, וואָלט ער דאָס געוויס נישט איבערגעטראָגען און וואָלט זיך געוויס גענומען דאָס לעבען. איך זאָג עס אַקעגען מיין מאַמען דער אלמנה נעכאַך, וואָס האָט טאָג ווי נאַכט געהאָרעוועט, געפרוירען, געהונגערט, נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען, און נאָר צוליעב מיר, נאָר פון מיינעטוועגען. פאַר וואָס זשע קומט דאָס אז זי זאָל נישט האָבען טאַקי אַמאָל קיין שטיקעל פערגעניגען אויך? אימלי־כער מענש פערשטעהט דאָס וואָרט „פערגעניגען" נאָך זיין השגה נאָך. ביי מיין מאַמען איז נישט געוועזען גאָר קיין גרעסער פערגעניגען אויף דער וועלט, ווי בשעת איך האָב איהר שבת און יום־טוב געמאַכט קדוש, פּסח איהר אָבגעריכט דעם סדר און חנוכה איהר געבענשט חנוכה־ליכטלעך. וואָס פאַר אַ קדוש — צי איבער ווין צי איבער ביער? וואָס פאַר אַ סדר — צי מיט חרעמזלעך צי מיט צוגעפרישטע מצה? וואָס פאַר חנוכה ליכטלעך — צי אין אַ זילבערן לעמפּעל צי פון געשניטענע קאַרטאָפלעס? גלויבט מיר, נישט אינ׳ם ווין, נישט אין די חרעמזלעך, נישט אין דעם זילבער שטעקט דער גאַנצער יחוס; דער עיקר איז גאָר עפּיס אַנדערש, דער עיקר איז דאָס מאַכען פונ׳ם קדוש, דאָס אָבריכטען פונ׳ם סדר און דאָס בענשען פון די חנוכה־ליכטלעך. אַנקוקען בשעת איך מאַך

די ברכה מיין מאַמעס פּנים, ווי סע שיינט און סע לייכט און סע שמייכעלט — בעדאַרף מען קיין סך ווערטער ניט רעדען און קיין גרויסע פּרושים ניט מאַכען! מע זעהט, אַז דאָ איז דאָס רעכטע פערגעניגען, דאָס אמת'ע גליק! איך בויג מיך אָן איבער די צעשניטענע קאַרטאָפּלעס און מאַך די ברכה מיט אַ ניגון. איך זאָג און זי זאָגט מיר נאָך שטילערהייד, וואָרט ביי וואָרט מיט'ן זעלבען ניגון וואָס איך. איך זאָג און זי קוקט מיר אין די אויגען אַריין און מאַכט מיט די ליפּען, און איך ווייס וואָס זי טראַכט זיך בשעת מעשה אין האַרצען. זי טראַכט „אין־גאַנצען ע ר! ע ר מיט די ביינער, איהם צו לאַנגע יאָהר״!... און איך פיהל, אַז איך בין ווערטה, מע זאָל מיך נעמען און צעשניידען אויף שטיקלעך אַזוי ווי די צעשניטענע קאַרטאָפּלעס: סטייטש, אָבגענאַרט די מאַמע און אַזוי מיאוס אָבגענאַרט, פערקויפט פון קאָפּ ביז פיס!

די קנויטלעך אין די קאַרטאָפּלעס, מיינע חנוכה־ליכטלעך, טשאַרען, טשאַדען אַזוי לאַנג ביז זיי ווערען פערלאָשען און די מאַמע זאָגט צו מיר:

— געה וואַש זיך, וועלען מיר עסען קאַרטאָפּלעס מיט שמאַלץ! לכבוד חנוכה האָב איך געקויפט אַ גלעזעלע גענזען־שמאַלץ, פרישע מחיה־דיגע שמאַלץ!

מיט פערגעניגען געה איך מיך וואַשען, און מיר זעצען זיך צום טיש.

— ביי לייטען איז אַ מנהג, צום לעצטען טאָג חנוכה באַקט מען לאַטקעס — זאָגט די מאַמע מיט אַ זיפץ, און עס קומט מיר אַרויף אויף דער מחשבה בענים לאַטקעס מיט בענים דריידעל, וואָס קאָסט מיך אַזאַ פערמעגען, און עס טהוט מיך אַ שטאָך אין האַרצען ווי מיט אַ נאָדעל, און מעהר פון אַלסדינג טהוט מיר וועה דאָס האַרץ און האָב חרטה אויפ'ן סדור'ל. נאָר וואָס העלפט עס? פערפאַלען! אָבגעטהון!...

אויך ביי'ם שלאָפען לאָזען מיך די געדאַנקען ניט רוהען. איך העהר אַלץ די מאַמעס קרעכצען מיט איהר קנאַקען פון די פינגער, איך העהר דאָס בעטיל ווי סע סקריפּעט, און עס דאַכט זיך מיר, אַז דאָס בעטיל איהרס ניט סע סקריפּעט, נאָר סע קרעכצט. און אין דרויסען בלאָזט דער ווינד, קלאַפּט אין פענסטער, רייסט דעם דאַך, פייפט אין קוימען, לאָזט אויס אַ לאַנגען לאַנגען ווי־ו־ו־ו! און אַ גריל האָט זיך צו אונז פערנאַדעט פון אַ צייט און טשערעריקעט פון דער וואַנד אַרויס: טשירערי־טשירערי! און די מאַמע הערט ניט אויף צו זיפצען און צו קרעכצען און צו קנאַקען מיט די פינגער, און יעדער זיפץ און יעדער קרעכץ רופט זיך אָב ביי מיר אין האַרצען. קוים, קוים וואָס איך האַלט מיך איין. אָט אָט נעם איך,

דאַכט זיך, און שפּרינג אַראָב פון מיין געלעגער און גיה צו צו מיין מאַמען און פאַל איהר צו די פיס און קוש איהר די הענד און בין זיך מודה ומתודה איף אַלע מיינע גרויסע זינד. נאָר איך טהו דאָס נישט; איך דעק מיך איין מיט אַלע קליידלעך שטאַרקער־שטאַרקער איך זאָל נישט הערען ווי דער מאַמעס בעטיל סקריפּעט און ווי די מאַמע זיפצט און קרעכצט, און די אויגען שליסען זיך ביי מיר און דער ווינד פייפט און סווישטשעט וויו־ו־ו־ו! און די גריל מאַכט: טשירערי,— טשירערי! טשירערי— טשירע־רי! און סע דרעהט זיך עפּיס פאַר מיינע אויגען, ווי אַ דריידעל, אַ מענש אַזעלכער, אַ קענטליכער פאַרשוין. איך וואָלט געמעגט שווערען, אַז ס'איז דער רבי מיט דער שפּיצעכיגער יאַרמעלקע; אויף איין פוס שטעהט פאַר מיר דער רבי מיט'ן חומש און דרעהט זיך, דרעהט זיך, דרעהט זיך ווי אַ דריידעל, און די שפּיצעכיגע יאַרמעלקע אויפ'ן קאָפּ שעמערירט אין די אויגען. און די פּאות פליהען אין דער לופטען. ניין, ס'איז נישט קיין רבי, ס'איז גאָר אַ דריידעל! אַ מאָדנע דרייד'על, אַ לעבעדיגס, מיט אַ שפּיצע־כיגער יאַרמעלקע און מיט פּאות. ביסלעכוויז, ביסלעכוויז הערט אויף דאָס רבידיגע דריידעל אָדער דער דריידעלדיגער רבי זיך צו דרעהען, און אויף זיין אָרט וואַקסט אויס פּרעה דער קעניג פון מצרים פון דער סדרה „מקץ”, וואָס מיר האָבען געלערנט די וואָך וואָס פאַר חנוכה; נאַקעט שטעהט פּרעה דער מלך פון מצרים פאַר מיינע אויגען, נאַקעט, נאָר וואָס פון טייך אַרויס, און האַלט אין האַנד מיין סדור'ל, מיין קליין כל־בו'ניקעל, און איך פערשטעה נישט ווי קומט דאָס צו איהם, צו דעם דאָזיגען רשע, וואָס האָט זיך געבאָדען אין יודיש בלוט?... און איך זעה זיבען קיה מאָגערע, דאַרע, אויסגעדיוועדטע הויט און ביינער מיט גרויסע הערנער און מיט לאַנגע אויערן, לאָזען זיך צו מיר אַלע מיט אַמאָל איינע נאָך דער אַנדערער, עפענען די מיילער און ווילען מיך איינשלינגען. פּלוצים וואַכסט אויס בעני, מיין חבר בעני, חאַפּט זיי פאַר די לאַנגע אויערן און דרעהט זיי אַ לאַנגען „פּזר” מיט אַ „שלשלת”, און עמיצער וויינט שטילערהייד, זיפצט און חליפּעט, קרעכצט און פייפט און סווישטשעט און טשירעריקעט, און אַ מענש שטעהט נעבען מיר, נישט קיין מענשליכער פאַרשוין, און מאַכט צו מיר שטילערהייד:

— זאָג נאָר, זוהנו, ווען האָסט דו נאָך מיר יאָהר־צייט?

און איך שטוים מיך, אַז דאָס איז דער טאַטע מיינער, וואָס די מאַמע דערצעהלט זיך אָן פון איהם אַזוי פיעל גוטע זאַכען. איך וויל איהם זאָגען, ווען איך האָב נאָך איהם יאָהר־צייט, האָב איך גראָד אַצונד

פערגעסען; איך מוטשע מיך, איך רייב דעם שטערן, וויל מיך דערמאַהנען, נאָר איך קען נישט! האָט איהר געהערט אַ מעשה? איך האָב פערגעסען, ווען איך האָב יאָהר־צייט נאָך מיין טאַטען! געוואַלד, יודישע קינדער צי ווייסט איהר נישט, צי ווייסט איהר נישט, ווען איך האָב יאָהר־צייט נאָך מיין טאַטען? וואָס שווייגט איהר? געוואַלד! געוואַלד! געוואַלד! . .

. . . .

— גאָט איז מיט דיר! וואָס שרייסט דו? וואָס געוואַלדעוועסט דו? וואָס טהוט דיר, חלילה, וועה?

איהר פערשטעהט דאָך, אַז דאָס זאָגט צו מיר די מאַמע. זי שטעהט איבער מיר, האַלט מיך ביי'ם קאָפּ און איך פיהל ווי זי ציטערט און ווי זי פּלאַטערט. דאָס האַלב פערדרעהטע לעמפּעל נישט סע לייכט נאָר סע טשאַדעט, און איך זעה דער מאַמעס שאָטען טאַנצט משונה אויף דער וואַנד, און ווי צוויי הערנער זעהען אוים די שפּיצען פון איהר נאַכט־פאַטשיילע, און די אויגען איהרע גלאַנצען שרעקליך אין דער פינסטער.

— ווען האָב איך יאָהר־צייט? מאַמע, זאָג! ווען האָב איך יאָהר־צייט?

— גאָט איז מיט דיר! ערשט נישט לאַנג געוועזען דער יאָהר־צייט זיינער. דיר האָט זיך עפּים געחלומט? שפּיי אוים דריי מאָל: טפו־טפו־טפו! לאָז זיין צו גוטען! אָמן, אָמן, אָמן.

❀

❀ ❀

קינדער! איך בין אויסגעוואַקסען געוואָרען אַ גרויסער. אויך בעני איז אויסגעוואַקסען געוואָרען אַ גרויסער, אַ יונגער־מאַן מיט אַ בערדעל אַ געלם, און אַ בייכעל האָט ער זיך פערלאָזט, און אַ קייט אַ גילדענע אויפ'ן בייכעל טראָגט ער; ווייזט אוים, אַ נגיד בעני.

מיר האָבען זיך בעגעגענט פּאָהרענדיג אין באַהן; איך האָב איהם דערקענט נאָך די בולבעוואַטע אויגען ווי ביי פיש און נאָך די שיטערע צייהן, אַזאַ צייט נישט געזעהן זיך, האָבען מיר זיך ארומגעחאַפּט קושען און צערערט זיך פון אַמאָליגע גוטע, ליבע, זיסע קינדער־יאָהרען און דערמאָהנט זיך אָן אַלע נאַרישקייטען פון אַמאָל.

— געדענקסט, בעני, יענעם חנוכה, ווי ס'איז דיר געגאַנגען אין דער שפּיעל, אינ'ם דריידעל? אַלע מאָל איז ביי דיר געפאַלען גימל!

איך טהו אַ קוק אויף מײַן בענ׳ן — ער איז ברוין און בלוי פאַר געלעכטער, ער האַלט זיך בײַ די זײַטען, ער קאַטשעט זיך, ממש ער עקט זיך.

— גאָט איז מיט דיר, בענ׳, וואָס איז אויף דיר אַזאַ געלעכטער פלוצים אָנגעפאַלען, בענ׳?

— אוי! — מאַכט ער צו מיר — גע׳ה שוין אַוועק מיט דײַן דריידעל! דאָס איז געווען דאָס גוטע דריידעל! שוין איין מאָל אַ דריי־דעל! דאָס איז געווען אַ קוגעל פון גאָלע שמאַלץ, אַ צימעס פון גאָלע ראָזינקעס!

— וואָס־זשע איז דאָס געווען פאַר אַ מין דריידעל, בענ׳? זאָג שוין, גיכער.

— דאָס איז געווען אַ דריידעל פון גאָלע גי־גי־גי־גימל!

אסתר

אֶסְתֵּר.

(דערצעהלט לכבוד פּורים).

נישט קיין מעשה פונ׳ם חדר, נישט פונ׳ם רבין און נישט פון דער רביצין וויל איך אייך דערצעהלען אָט דאָ. איך האָב אייך שוין פון דעם גענוג מאָל דערצעה׳לט. אפשר וועט מיר זיין ערלויבט איצטיגס מאָל, לכבוד פורים, צו דערצעהלען אייך אַ מעשה פון דעם רבינ׳ס טאָכטער אֶסתר?

א.

אויב אֶסתר פון דער מגילה איז געוועזן אַזאַ יפת תואר ווי די אֶסתר וואָס איך דערצעהל אייך דאָ, איז קיין חדוש נישט וואָס זי האָט אַזוי אויסגענומען ביים קעניג אַחשורש. די אֶסתר, וואָס איך דערצעהל אייך דאָ, האָט אויסגענומען ביי אַלעמען. אַלע האָבען זי ליעב געהאַט. אַלע, אַלע. אַפילו איך, און אַפילו מיין עלטערער ברודער מאָטעל אויך, חאָטש ער איז שוין לאַנג בר־מצוה, און מע רעדט איהם שוין לאַנג שדוכים, און ער טראָגט שוין לאַנג אַ זייגער מיט אַ קייטעל. (אויב איך האָב קיין טעות נישט האָט זיך איהם שוין דעמאָלס געשיט אַ בערדעל אויך). און אַז מיין עלטערער ברודער מאָטעל האָט זי ליעב געהאַט — פרעגט מיך. איך וועל אייך זאָגען אַקוראַט. ער מיינט איך ווייס נישט, אַז דאָס וואָס ער געהט אַלע שבת ביי טאָג אין חדר אַריין כלומרשט לערנען פרק מיט׳ן רבין, איז אַ נעכטי־גער טאָג. דער רבי חראָפּעט אויף וואָס די וועלט שטעהט. די רביצין שמועסט מיט די ווייבער אין־דרויסען אויף דער פריזבע. און מיר חדר־יונגלעך שפּיעלען אין „סם שין הי״. און מאָטעל מיט אֶסתר׳ן קוקען מיט אויגען, ער אויף איהר און זי אויף איהם. און אַמאָל מאַכט זיך, אַז מיר

חדר-יונגלעך שפּיעלען גאר אין „קוציבאבע". ווייסט איהר וואס דאס הייסט „קוציבאבע"? אט וועל איך אייך זאגען וואס דאס איז. מע נעמט איך און מע פערבינדט אייך די אויגען מיט א פעטשיילע, מע שטעלט אייך אוועק אין מיטען שטוב און אלע דרעהען זיך ארום אייך און מע זאגט אייך: „גער — גער — גער חאפּ מיך!"

מאטעל און אסתר שפּיעלען אויך מיט אונז. „קוציבאבע", זאגען זיי. געפעלט זיי. איך ווייס פאר וואס סע געפעלט זיי. ווארום אז זיי שפּיעלען מיט אונז אין „קוציבאבע" האלטען זיי אין איין יאגען זיך, און איין חאפּען זיך, ער זי און זי איהם.

און נאך א סך סמנים האב איך, וואס איך וואלט אייך געקאנט דער-צעהלען און דערצעהלען, נאר איך בין נישט אזעלכער...

איין מאל האב איך זיי געחאפּט, ווי זיי האבען זיך געהאלטען ביי די הענד. ער זי און זי איהם. דווקא נישט שבת, דווקא אין א וואכענדיגען טאג. פארנאכטליך איז דאס געוועזען. בין מנחה למעריב. ער איז כלומרשט געגאנגען אין שול אריין. פערבלאנדזעט צו אונז אין חדר. „וואו איז דער רבי?" „דער רבי איז נישטא". און ער געהט און גיט איהר די האנד. אסתר'ן הייסט עס. שטעה איך און קוק. נעמט זי צו איהר האנד. גיט ער מיר א גראשען איך זאל קיינעם נישט דערצעהלען. זאג איך — צוויי. גיט ער מיר צוויי. זאג איך — דריי. גיט ער מיר דריי. איהר מיינט וואס? ווען איך זאל זאגען פיער וואלט ער מיר געגעבען פיער. און פינף און זעכס? נאר איך בין נישט אזעלכער...

נאך איין מאל האט זיך געטראפען א מעשה... נאר גענוג מעשות, לאם איך אייך בעסער דערצעהלען די רעכטע מעשה, וואס כ'האב אייך צוגעזאגט.

ב.

מיין ברודער מאטעל, ווי כ'האב אייך געזאגט, איז שוין א גרויסער. אין חדר אריין לערנען געהט ער שוין מעהר נישט. און דערהיים לערנען וויל ער אויך נישט. רופט איהם דעריבער דער טאטע „פּרא אדם". קיין אנדער נאמען האט ער נישט פאר איהם נאר „פּרא אדם". וויל דאס די מאמע נישט ליידען. „וואס פאר א תנועה, א בחור צו לייטען, שוין באלד א חתן, רופען „פּרא אדם?" זאגט דער טאטע: „אז ער איז פארט א פּרא

אָדם!" קריִגנען זײַ זיך. איך ווייס נישט ווי אזוי אנדערע טאטע מאמעס. מײַנע טאטע מאמע האלטען אין איין קריִגען זיך; טאג ווי נאכט, טאג ווי נאכט נאר מע קריִגט זיך.

איך זאָל אייך דערצעהלען פון מײַן טאטע מאמע ווי זײַ קריִגען זיך, וואָלט איהר זיך האלטען בײַ די זײַטען, נאר איך בין נישט אזעלכער...

הכלל לערנט שוין מײַן ברודער מאטעל מעהר נישט אין חדר. פונדעסטוועגען פערגעסט ער נישט דעם רבין שיקען אלע פורים שלח מנות. פארט אמאל געווען א תלמיד. שיקט ער איהם א שעהנעם שיר אויף לשון קודש געשריבען, מיט א מגן־דוד אויסגעמאָלט, מיט צוויי פאפירענע קערבלעך א מתנה. מיט וועמען שיקט מען א רבין אזא מין שלח מנות? פערשטעהט זיך מיט מיר. זאָגט צו מיר מײַן ברודער מאטעל: „נא דיר טראָג אָפּ דעם רבין שלח מנות, און אז דו וועסט קומען צוריק וועל איך דיר געבען צעהן גראָשען". צעהן גראָשען איז טאקי א מטבע, מע קאן נישט זאָגען. נאר וואס דען? איך וויל, זאָג איך, די מטבע באלד. זאָגט מיר מײַן ברודער, אז איך בין א שייגעץ. זאָג איך: „סע קאן זײַן, זאָג איך, אז איך בין א שייגעץ. איך וועל זיך מיט דיר נישט קריִגען, נאר איך וויל זיך זעהן, זאָג איך, מיט געלד". ווי מײַנט איהר, ווער האָט אויסגעפיהרט?

בעצאָהלט מיר די צוגעזאָגטע צעהן גר־״ען, גיט ער מיר דעם רבינ'ס שלח מנות, א פערחתמעט בריוועל, און אז איך האלט שוין בײַם אוועקגאנג, רוקט ער מיר אַרײַן אין האנד נאך א בריוועל און זאָגט צו מיר שטיל און גיך: „און דאס וועסט דו אָפּגעבען אסתר'ן"... „אסתר'ן?" „אסתר'ן"... אַנ'אנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט זיך שוין הײסען בעצאָהלען פאר אזא זאך צוויי מאל אזוי פיעל, נאר איך בין נישט אזעלכער...

ג.

— „רבונו של עולם! — טראַכט איך מיר געהענדיג מיט'ן שלח מנות — וואס קאן מײַן ברודער אזעלכעס שרײַבען צו מײַן רבינ'ס טאכטער? מע דארף אומישנע א קוק טהון. מעהר נישט נאר א קוק טהון. איך וועל דאך זײַ דערמיט נישט אָפּבײַסען"... און איך עפען אויף דאס בריוועל וואס צו אסתר'ן און איך לײַען איבער א גאנצע מגלה. וועט איהר הערען.

איך גיב זי איך איבער ווארט אין ווארט:

„פון מרדכי'ן צו אסתר'ן.

איש א מענש, יהודי א בחור, היה איז געוועזען, בשושן הבירה ביי אונז אין שטעדטעל, ושמו מרדכי זיין נאמען איז מאטעל. ויהי אומן — ער האט ליעב געהאט, את הדסה — דאס הדס'ל, היא אסתר — דאס איז אסתר. והנערה — און דאס מיידעל, יפת — איז א שעהנע, תואר — א קראסא-וויצע. ותיטב הנערה — און דאס מיידעל איז איהם געפעלען. לא הגידה אסתר — אסתר זאגט נישט אויס קיינעם, כי מרדכי — ווארום מאטעל, צוה עליה — האט איהר אנגעזאגט, אשר לא תגיד — זי זאל נישט אויסזאגען. ובכל יום ויום — אלע טאג, מרדכי מתהלך — געהט מאטעל פערביי, לדעת שלום אסתר — חאפען א קוק אויף אסתר'ן. ובהגיע תר אסתר — און אז ס'וועט קומען די צייט פון אסתר'ן, בת אביחיל — זי וועט דארפען חתונה האבען, ותלקח אסתר — וועט ער נעהמען אסתר'ן, וימליכה — און ער וועט מיט איהר געהן, תחת ושתי — אונטער דער חופה".

וואס זאגט איהר אויף מיין ברודער, ווי ער האט דאס אויסגע-טייטשט די מגילה? איך וואלט א בעלן געוועזען הארכען, וואס וואלט זאגען למשל דער רבי אויף אזא פירוש? נאר ווי קומט די קאץ איבער'ן וואסער? שא! ס'איז דא אן עצה, ווי איך בין א יוד! איך וועל איבערדרעהען די יוצרות: דעם רבינ'ס שיר וועל איך צוועקגעבען אסתר'ן, און אסתר'ס מגילה וועל איך אוועקגעבען דעם רבין, לאז ער זיך קוויקען. אי ס'וועט נאך-דעם ווערען א חתונה? וואס בין איך שולדיג? טרעפט זיך דען נישט א מענש האט אמאל א טעות? למאי דער בריעפטרעגער פון דער פאסט מאכט זיך דען נישט אז ער גיט נישט אפ קיין בריעף? ביי מיר וועט זיך אזעלכע זאכען קיין מאל נישט טרעפען, איך בין נישט אזעלכער...

ד.

— „א גוט יום טוב, רבי! — פאל איך אריין אין חדר מיט אני' אימפעט, אז דער רבי טהוט זיך אזש א ווארף — מיין ברודער האט איך געשיקט שלח מנות און געווינשעוועט איך איהר זאלט דערלעבען איבער א יאהר".

און איך געה און גיב אוועק דעם רבין די מגילה. מיין רבי עפענט אויף די מגילה, קוקט און טראכט און זוכט און דרעהט די מגילה אויף

אַלע זײַטען. אַ פּנים ער זוכט עפּיס נאָך. „זוך, זוך, — טראַכט איך מיר, — דו וועסט דאָרט עפּיס געפינען"...

און מײַן רבי טהוט אָן די זילבערנע ברילֿ, לײענט דורך די מגילה און — איהר זאָלט זאָגען, ער זאָל זיך דאָס אַפילו פערקרימען. נאָר אַ זיפּ'ץ געטהון נישט מעהר. נאָך־דעם מאַכט ער צו מיר: „וואַרט אויס, אָט וועל איך דיר אָנשרײַבען אַ פּאָר ווערטער". און ער נעמט אַ טינט און פּען און זעצט זיך אַוועק שרײַבען אַ „פּאָר ווערטער". איך טהו מיר דערווײַל אַ דרעה אַרום איבערן חדר, נעם בײַ דער רביצין אַ לעקעכעל און אַ פלאָדעל און בינו לבינו, אַז קײנער זעהט נישט, טהו איך אַ גיב איבער אֶסתּר'ן אין האַנד אַרײַן דעם רבינ'ס שיר מיט'ן שלח מנות. ווערד זי רויטליך, בעהאַלט זיך אין אַ ווינקעלע, עפענט אויף פּאַוואָלינקע דאָס בריוועל און ווערד אָנגעצונדען ווי אַ ליכט, און די אויגען ברענען סכנות נפשות!

„אַ פּנים נישט צופריעדען מיט'ן שלח מנות" — טראַכט איך מיר און געה צו צום רבין גיט ער מיר די „פּאָר ווערטער", וואָס ער האָט אָנגעשריבען.

— אַ גוטען יום טוב אײַך, רבי! — זאָג איך מיט'ן אײגענעם אימפּעט וואָס בײַם אַרײַנקומען. — דערלעבט איבער אַ יאָהר! און איך לאָז מיך אַהײַם.

שוין אַז איך בין געוועזען אויף יענער זײַט טהיר, לויפט מיר נאָך אֶסתּר מיט רויטע פערווײנטע אויגען: „נאַ, — זאָגט זי צו מיר מיט כעס — אָט דאָס וועסט דו אָפּגעבען דײַן ברודער!"

אויפ'ן וועג עפען איך אויף פריהער דעם רבינ'ס בריוועל, דער רבי איז בילכער. שטעהט דאָרט אַזוי: „מײַן ליעבער און געטרײַער תלמיד מרדכי נ"י! איך דאַנק דיר פיעל מאָל פאַר'ן שלח מנות, וואָס דו האָסט אַרײַנגעשיקט. פאַר אַ יאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען האָסט דו מיר אַרײַנגעשיקט שלח מנות טאַקי „שלח מנות" ממש... הײַנטיגס יאָהר האָסט דו מיר אַרײַנגעשיקט אַ נײַעם פּירוש אויף דער מגילה. דאַנק איך דיר פאַר דער מגילה. איך דאַרף דיר אָבער זאָגען, מאָטעל, אַז דער פּירוש דײַנער הויבט מיר נישט אָן צו געפעלען. ראשית איז „שושן הבירה" די „הויפּט־שטאָדט", נישט ווי דו זאָגסט „אונזער שטעדטעל". והשנית וואָלט איך וועלען וויסען, וואו שטעהט דאָס, אַז מרדכי איז געוועזען אַ בחור? און וואָס רופסט דו איהם עפּיס מאָטעל? וואָס פאַר אַ מאָטעל? און פון וואַנען האָסט דו דאָס גענומען, אַז „אומן" איז דער טײַטש ליעב געהאַט? אומן איז דער טײַטש ערציוגען פונ'ם וואָרט „אמן פדגוג". און וואָס דו טײַטשט: ויסליכה תחת ושתי — אַז ער וועט מיט איהר געהן אונטער דער חופּה —

קומט דאָס שוין אויס גלאַט ווילד אָהן אַ שום טעם. ערשטענס געהט דער „וימליכה״ אויף אַחשורש׳ן נישט אויף מרדכי׳ן. און צווייטענס איז אין ערגיץ נישט דערמאַהנט אין דער מגילה, אַז אַחשורש איז געגאַנגען מיט אסתר׳ן צו דער חופה. אַ קונץ נעמען אַ פסוק און פערדרעהען איהם משו־גענער ווײַז? יעדער פירוש דאַרף זיין מיט אַ גאַנג. פאַר אַ יאָהרען און פאַר צוויי יאָהרען האָסט דו מיר אַרײַנגעשיקט עפּיס אַנדערש. הײַנטיגס יאָהר איז דיר געפעלען שיקען דעם רבין אַ פירוש אויף דער מגילה, און נאָך אַ פערדרעהטען פירוש דערצו. נו מהיכא תיתי, מסתמא דאַרף אַזוי צו זײַן. לכן שיק איך דיר דײַן מגילה אָפּ צוריק און לאָז דיר גאָט געבען אַ גוט יאָהר, ווי עס ווינשט דיר דײַן רבי״...

אָט דאָס הייסט געריבען אַ מאָרדע! אַ מצוה אויף מײַן ברודער! ער וועט שוין מעהר אַזעלכע מגילות נישט שרײַבען מײַן איך.

אָבגעפּאַרטיגט זיך מיט׳ן רבינ׳ס בריעף, דאַרף מען שוין אין איין וועגס אַ קוק טהון, וואָס שרײַבט זי, דעם רבינ׳ס טאָכטער הייסט עס? איך עפען אויף איהר בריעף, פאַלען נישט אַרויס די צוויי קערבלעך? וואָס איז דאָס פאַר אַ שלאַק? איך לייען איבער — אין גאַנצען צוויי שורות:

„מאָטעל, איך דאַנק דיר פאַר די צוויי קערבלעך. קענסט זיי נעמען צוריק. אַזאַ שלח מנות פון דיר האָב איך נישט ערוואַרט. קיין מתנות פון דיר פערלאַנג איך נישט, און קיין נדבה אַוודאי נישט״...

חאַ-חאַ, וואָס זאָגט איהר דערויף? קיין נדבה פערלאַנגט זי נישט! אַ שעהנע געשיכטע, ווי איך בין אַ יודיש קינד! הכלל וואָס טהוט מען ווײַטער? אַנ׳אַנדערער אויף מײַן אָרט וואָלט מסתמא ביידע בריעף צעריסען און דאָס געלד אַרײַנגעלעגט אין קעשענע. צוויי פייגען וואָלט ער געבראַכט אַהיים נישט קיין צוויי קערבלעך. נאָר איך בין נישט אַזעלכער... איך האָב בעסער אָפּגעטהון אַ שעהנערע זאַך. וועט איהר הערען. איך האָב מיך מיישב געווען אַזוי: שכר טרחה פאַר׳ן וועג האָב איך דאָך פון מײַן ברודער מאָטעל שוין בעקומען — הײַנט וואָס זשע דאַרף איך איהם? און איך געה און גיב אָפּ ביידע בריעף גאָר דעם טאַטען. איך וועל האָרכען וואָס וועט דער טאַטע זאָגען? ער וועט בעסער פערשטעהן די מגילה, ווי מײַן רבי, האָטש דער טאַטע איז אַ טאַטע און דער רבי איז אַ רבי...

ה.

וואָס איז געווען, אַז דער טאַטע האָט איבערגעלייענט בּיידע בּריוו מיט דער מגילה און האָט אַ נעם געטהון מיין בּרודער מאָטעל אויפ'ן צימבּעל ער זאָל געבּען צו פערשטעהן, וואָס דאָ טהוט זיך? — פרעגט שוין גאָר נישט. איך זאָל וועלען נאָך־טהון מיין בּרודער מאָטעל, וואָלט איך בּעדאַרפט זאָגען מיט'ן לשון און מיט'ן נגון פון דער מגילה:

„והעיר שושן נ—בו—כה"...

נאָר נישט דאָס איז דער עיקר. איהר ווילט דאָך אודאי וויסען דעם סוף, וואָס איז געווען דער סוף מיט'ן רבּינ'ס טאָכטער אֶסתר'ן און מיט מיין בּרודער מאָטעל? וואָס זאָל זיין? גאָר נישט. אֶסתר האָט חתונה געהאַט, אַנ'אַלמן האָט זי גענומען. אָך האָט זי געוויינט! איך בּין געווען אויף איהר חתונה. וואָס אייגענטליך האָט זי אַזוי געוויינט — ווייס איך נישט. אַ פּנים דאָס הארץ האָט איהר געזאָגט, אַז זי וועט זיך מיט איהר זווג לאַנג נישט עלטערן. און כך הוה. זי האָט אָפּגעלעבּט מיט איהם אין־גאַנ־צען אַ האַלבּ יאָהר, און איז אוועקגעשטאָרבּען. פון וואָס קאָן איך אייך נישט זאָגען, איך ווייס נישט. קיינער ווייס נישט. דער רבי און די רביצין וויסען אויך נישט. געזאָגט האָט מען, אַז זי האָט זיך געסמט. פּשוט גענומען און אַליין אוועקגעסמט זיך. נאָר ס'אַ ליגען, „דאָס האָבּען שונאים אויסגעטראַכט". אַזוי האָבּ איך געהערט פון דער רביצין אַליין...

און מיין בּרודער מאָטעל? אָהאָ! ער האָט נאָך פריהער חתונה גע־האַט, נאָך איידער אֶסתר איז אַ כּלה געוואָרען. און איז אוועקגעפאָהרען אהין צום שווער. ער איז אָבּער גיך געקומען צוריק. און דווקא אַליין. וואָס איז די מעשה? ער וויל זי נט'ן. זאָגט איהם דער טאַטע: „בּיזט אַ פּרא אָדם!" וויל די מאַמע נישט ליידען. קריגט מען זיך. ס'איז פרעהליך! פון דעסטוועגען האָט זיך נישט געהאָלפען. ער האָט זיך מיט איהר געג'ט און חתונה געהאַט פּאַר אַנ'אַנדערע. ער האָט שוין צוויי קינדערלעך אפילו. אַ יונגעלע מיט אַ מיידעלע. הייסט דאָס יונגעלע הערצעל, נאָכ'ן דאָקטאָר הערצל. און דאָס מיידעלע הייסט אֶסתר'ל. דער טאַטע האָט אפילו געזאָגט זי זאָל הייסען גיטעל, און די מאַמע האָט געוואָלט, געחלשט זי זאָל הייסען לאה'צי, נאָך איהר מאַמע, דער בּאָבּע לאה. איז אַרויס צווי־שען טאַטע מאַמע אַ מחלוקת. אַ גאַנצע נאַכט מיט אַ גאַנצען טאָג האָבּען זיי זיך געקריגט. איז געבּליבּען דאָס קינד זאָל הייסען לאה־גיטעל, נאָך בּיידע מאַמעס, אַנ'עק. האָט זיך דער טאַטע אַרומגעקוקט. ער וויל נישט לאה־

גיטעל. „וואס איז דער שכל?“ „אזוי, פאר וואס קומט איהר, אז איהר מאמעס נאמען זאל געהן פריהער?“ קומט צו געהן מיין ברודער מאטעל פון שול און זאגט, אז ער האט איהר גאר געגעבען א נאמען אסתר. זאגט איהם דער טאטע: „פרא אדם! פון וואנען האט זיך צו דיר גענומען א נאמען אסתר?“ ענטפערט איהם מאטעל: „האסט פערגעסען, אז מיר האבען באלד פורים?“... נו, וואס וועט איהר איהם א שטייגער איצטער זאגען? א נ'עק. מע הערט שוין מעהר נישט קיין „פרא אדם“ פונ'ם טאטען, נאר ביידע, אי דער טאטע, אי די מאמע קוקען עפים מאדנע איינס אויף דאס אנדערע און מע חאפט א שוויי.

וואס האבען געהייסען דער דאזיגער קוק מיט דעם דאזיגען שוויג — ווייס איך נישט, אפשר ווייסט א י ה ר?...

ג׳ענז

גֶ עֶ נְ ז .

(מאָנאָלאָג)

פון אַ יודינע וואָס הייסט בתיה, קוילעט גענז חנוכה און פרעגעלט שמאַלץ אויף פסח.

פאַר איאָהרען חנוכּה האָב איך נישט פאַר אייך געדאַכט נישט פאַר מיר געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט געהאַט איין אומגליק מיט אַ גליק אין־איינעם, איהר מעגט דאָס הערכען; אַזאַ מעשה טרעפט זיך איין מאָל אין טויזענד יאָהר! איך האַנדעל מיט גענז האַנדעל איך און מיט פסח'יגער שמאַלץ שוין עטליכע און צוואַנציג יאָהר, — האָט זיך מיר, הערט איהר אַזאַ מעשה נאָך נישט געטראָפען.

איך האַנדעל מיט גענז! איהר מיינט אַט אַזוי נעמט מען דאָס, און מע האַנדעלט? ראשית חכמה הויבט זיך אָן אַזוי: קומט אָסען־צייט, אַרום נאָך סוכּות, הויבט מען אָן איינקויפען גענז און פערוואַרפען די גענז אויפ'ן ווינטער אין שטייג אַריין, און האָדעווען די גענז, און אַכטונג געבען אויף די גענז, און קו־ט חנוכּה, הויבט מען אָן די גענז קוילען און מאַכען פון גענז געלד. נאָר איהר מיינט אַז אַט אַזוי גרינג קויפט מען גענז, און מע פערוואַרפט גענז און מע קוילעט גענז, און מע מאַכט פון גענז געלד? ערשטענס דאָס קויפען גענז. קויפען גענז דאַרף מען האָבען מיט וואָס. קיין לאַגער־געלד, קיין קאַפּיטאַ־ען אייגענע, הייסט עס, איז דאָך נישטאָ, מוז מען לייהען, אָנקומען צו רב אַלטערן, און רב אַלטערן קענט איהר דאָך, ס'איז אַ יוד, וואָס האָט ליעב אויסקאָכען די וואַסער, דאָס הייסט אָבזאָגען זאָגט ער נישט אָב, נאָר ער הייסט קומען מאָרגען, מאָרגען — איבער־מאָרגען, נעמט אַרויס די נשמה, און ערשט נאָך דעם הויבט ער אָן ציהען די קלי: שלעפען פראָצענט, צורעכענען טעג. ס'איז אַ גוטער רב

אַלטער! ניִשט אומזיסט האָט ער אַזעלכע פּיסקעס, און זי, אַלטעריִכע, מײַן איך, האָט אַ פּנים אויף אַלע מײַנע ליִעבע, און אַ פּאָר באַקען חאָטש אַ מעסער אָנצושאַרפען. הײַנט איִהרע פּעריִל! אָט האָט זי ערשט ניִשט לאַנג פערקנסט דאָס טעכטער׳ל, איִך זאָל דאָס פערמאָגען מיִט אײַך איִן־איינעם, הערט איִהר, אַ דריִט חלק, רבונו של עולם, וואָס דאָס קנס־מאָל האָט אָבגעקאָסט, וואָ״לט איִך פערשפּאָרט האַנדלען מיִט גענז... חאָטש אַ חתן האָט ער גענומען שטראָף מיִך גאָט אויב איִך וואָלט אַזעלכעס פאַר מײַנע זיִנד געגעבען מײַן טאָכטער. אַז בסך הכל האָט ער גאָר אַ פליִך, איִהר רופט עס פליִך, איִך רוף עס פאַרך, נאָר ס׳איִז ניִשט מײַן באָבעס דאגה. איִך רעד ניִשט חלילה קײַן שלעכטס, און פון לשון הרע אויך ווײַט..., נאָר איִך מיִש אײַך איינס מיִט׳ן אַנדערן, האָט קײַן פאַראיִבעל ניִשט, ס׳איִז בײַ מיִר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איִהר: אַ יודיִנע האָט איִן זיִך נײַן מאָס רעד...

אײַנקויפען גענז! וואו קויפט מען גענז? אויפ׳ן מאַרק מײַנט איִהר דאָך מן הסתם? אַ ודאי! יאָ! מיִר זאָלען דאַרפען אַלע געגז צונויפקויפען אויפ׳ן מאַרק וואָלטען מיִר געגאַנגען איִן גאָלד! אַז איִהר וויִלט קויפען געגז אויף מסחר בעדאַרפט איִהר זיִך מטריח זײַן אויפשטעהן כאור, דעמאָלט ווען גאָט אַליין שלאָפט נאָך, און אַרויסגעהן העט־ווײַט אונטערן שטאָדט אויף יענער זײַט מיִהלען; געפיִנט זיִך אָבער נאָך איינע אַזאַ קלוגעטשקע ווי איִהר און קומט אַרוים נאָך פריִהער פון אײַך אויף יענער זײַט מיִהלען; געפיִנט זיִך נאָך אַ קלוגערע פון יענער אויך און קומט אַרוים נאָך פריִהער, און נאָך פריִהער — וואָס טויג אײַך סע ווערד אַ גאַנצער יריד, און דאַר־טען שטעהט מען און מע וואַרט און מע לאָקערט, טאָמער וועט גאָט רחמנות האָבען אַ גוי וועט אַרויסברענגען אַ פּאָר געגזלעך. בעפאַלט מען איִהם מיִט די געגזלעך פון אַלע זײַטען: שאָ טאָבי טשולאָוויִטשע זאַ גוסקי? — וואָס וויִלסט דו הײַסט עס פאַר׳ן געגזעל? איִז אויב ס׳איִז אַ גוי אַ סוחר און לאָזט זיִך רעדען, קאָנט איִהר זיִך מיִט איִהם חאָטש דיִנגען! און אַז גאָט העלפט, טרעפט איִהר אָן אויף מאַנקאָליִניִק, וואָס לאָזט ניִשט צו חאָטש גיִב איִהם אַ קרענק: „העט באָ! שרײַט ער — געה אַוועק! נעבאַ או מענע גוסקי — איִך האָב ניִשט הײַסט עס קײַן געגזעל!" — און געה טהו איִהם עפּיִס! טענה׳ט איִהר דאָך צו איִהם: היתבן שאָזש טי חאָטשעס אַ סיִפּע דיִר איִן פּנים אי נעחײַ טובי באָזשע דאַיע קרענק איִן די בײַנער אי דאָברע קדחת! און ער איִן איין קול: „העט נע פּראָדאַיו גוסקי — איִך פערקויף ניִשט הײַסט עס קײַן געגז!" און אַז גאָט האָט רחמנות געהאַט דער גוי האָט אַרויסגעלאָזט דאָס געגזעל פון דער האַנד, בעדאַרף מען דאָס

געניזעל ערשט בעטראַכטען, און בעטראַכטען געגז בעדאַרף מען קענען, ס'איז אַ סברא הערט איהר אַז אויף געגז בעדאַרף מען זיין אַ מבין ווי להבדיל אויף בריליאַנטען. ביי אייך למשל קומט אויס אַז אַלע געגז זענען גלייך. דאָס ווייסט איהר אַז ס'איז פאַרהאַן געגז און ס'איז פאַרהאַן גאָנערס? אַ גאַנז איז נישט קיין גאָנער; אַ גאַנז איז אַ גאַנז און אַ גאָנער איז אַ גאָנער; אַ גאַנז נעמט אויף זיך שמאַלץ און אַ גאָנער מכות. אַי ווי אַזוי ווייסט מען וועלכעס איז אַ גאַנז און וועלכעס איז אַ גאָנער? מע ווייסט שוין! ערשטענס נאָכ'ן טשובעקל, אַ גאָנער טראָגט אַ טשובעקל אויפ'ן קעפּעל און האָט אַ לאַנגען האַלז; היינט דערקענט מען אַ גאָנער נאָכ'ן קול, ער האָט אַ גראָב קול ווי ביי מאַנסביל. און אַז ער געהט געהט ער תמיד פריהער פאַר די געגז, אויך ווי אַ מאַנסביל, ווי להבדיל אַ מענש. ביי אונז אַ מאַנסביל ער מעג זיין דער גרעסטער שלים־מזל, אַבי אַ מאַנסביל, געהט ער אויף צו פריהער, ווי איינער רעדט: דאָס בין איך!... וואָס דאַרפט איהר מעהר? אָט נעמט מיין מאַן, דאַכט זיך מע דאַרף שוין נישט קיין גרעסערן שלים־מזל ווי מיין נחמן בער, וואָס האָט נישט געפּרובט פערדיענען זינט איך קען איהם פאַר אַ מאַן קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען! דער גאַנצער יחוס באשר בכן וואָס איז? ער קאָן לערנען און וואָס ער איז יאָסקע דעם נגיד'ס אַ ווייטער קרוב, ווי זאָגט איהר דעם פערדס בייטש שטעקעלס פאָרקאָיוע... פרעגט מיך וואָס האָב איך פונ'ם נגיד דעם קרוב? די שונאים זאָלען דאָס פערמאָגען אויף איין אָנבייסען! עגמת נפש, האָב איך, צרות מיט בזיונות נאָך, וואָס מע וואַרפט מיר אויס אַז מיין קרובה, מיין קרוב'ס שנור הייסט עס, געהט מיט די אייגענע האָר... און ס'איז דוקא נישט קיין ליגען, זי איז אַ רעכטע טשאַטשקע! איך רעד נישט אויף איהר חלילה קיין שלעכטס, פון לשון הרע בין איך ווייט... נאָר איך מיש אייך איינס מיט'ן אַנדערן, האָט קיין פאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד.

איינקויפען געגז... איינגעקויפט די געגז בעדאַרף מען הייסט עס די געגז פערוואַרפען אויפ'ן ווינטער אין שטייג אַריין. נאָר איהר מיינט אַז פערוואַרפען געגז איז שוין גאָר אַ גרינגע זאַך? האָט איהר אויך אַ טעות! גוט איז צו פערוואַרפען געגז אַז איך האָב מיר מיין דירה מיט מיין קאַמער און איך בין מיר ווי זאָגט איהר איינע אויפ'ן ירידֿ. ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז איך בין געזעסען נישט היינט נישט געדאַכט נישט פאַר אייך געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט אין שכנות ביי יענטען, קיין בעזונדער קעמער'ל האָב איך נישט געהאַט און די בעל־הבית'טע מיינע אַליין יענטע

הייסט עס האט אויך אונטערגעהאנדעלט מיט גענז און מיט פסחיגער שמאלץ, אנו, פרובט א שטייגער האבען מיט יענטען גענז אין אין קאמער און נישט פאטשען זיך מיט איהר דריי מאל א טאג. האט איהר אייך איין-מאל אוועק. הייגט פרובט זייט א חכם און דערקענט וועלכע גענז ס'איז אייערע גענז און וועלכע גענז ס'איז איהרע גענז? אנומעלט אז איך בין נישט הייגט געדאכט נישט פאר אייך געדאכט נישט פאר קיין שום יודען געדאכט געזעסען מיט איהר אין שכנות האט זיך ביי איהר, ביי יענטען הייסט עס, אויפגעריסען די שטייג אין קעמערל און עס זענען ארוים זאל זיך אייך דאכטען אלע גענז און האבען זיך צוגעחאפט צו מיין קארעטע מיט האבער, איז ווער האט געהאט היזק? ווער האט בעדארפט שרייען? איך צי זי? געהט זי נישט און פאלט נישט אן אויף מיר? זי זאל געוועז, זאגט זי, וויסען אז איך האנדעל מיט גענז, וואלט זי מיר, זאגט זי נישט פער-דונגען די דירה פאר קיין הונדערט מיליאן רענדלעך! זאג איך צו איהר: מיט וואס דען האט איהר געמיינט האנדעל איך? מיט בריליאנטען? זאגט זי צו מיר: איהר זענט אליין א גוטער בריליאנט און האט א מאן א בריליאנט און קינדער בריליאנטען! זאל איך איהר שווייגען?...

א מאדנע יודינע אט די יענטע! אזוי ווערט זי אייך אוועקגעבען דאס לעבען מיט דער נשמה; טאמער זענט איהר חלילה קראנק, וועט זי זיך מפקיר זיין פון אייערטוועגען, נאר א „שפילשליוואו" איז זי — מע זאל בעהיט און בעווארענט ווערען! אט האבען מיר זיך איין מאל, ערב-חנוכה איז דאס געוועזן, איך זאל אייך דערצעהלען וואלט איהר אויף זיך די האר געריסען. דער חסרון וואס איך קוק נישט אריין אין יענעמס טעפלעך און רעד נישט חלילה קיין שלעכטס און פון לשון הרע בין איך ווייט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערן, האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א יודינע האט אין זיך ניין מאס רעד...

איצטער געהט א סדרה: פערווארפען גענז... אז איהר ווילט די גענז זאלען אייך געראטען זאלט איהר פערווארפען די גענז אינ'ם אלטען חודש; גאט זאל אייך היטען איהר זאלט זיך צוריהרען צו גענז אין אנהויב חודש, תיכף נאכ'ן מולד; ס'איז איין אומגליק, די גענז וועלען אייך נישט געראטען: די גענז וועלען זיין גראב אויפ'ן ביין, און דין אויף דער הויט, און אויף פלאסטערן זאלט איהר זיך פון די גענז גאר נישט ריכטען! פלאסטערן פערגעסט? אויך ביי טאג, ווען איטליכער דרעהט זיך ארום, זאלט איהר קיין גענז נישט פערווארפען. גלייכער פאר נאכט ביי

א ליכט אדער אפילו אין דער פינסטער, נאר בשעת מעשה זאלט איהר זיך געבען א קניפ און זאגען שטיערהייד דריי מאל: „אזוי ווי איך בין אויפ'ן לייב אזוי זאלסט דו זיין אויפ'ן לייב ...״ מיין מאן לאכט אפילו פון מיר און זאגט אז ס'איז ווערט א שמעק טאבעקע, נאר איך זאל וועלען צוהערען אלסדינג וואס ער זאגט, וואלט איך געוועזען לייטען גלייך. למאי ער פערגינט זיך זאגען, דער מאן מיינער — ער איז א גאנצער למדן, זיצט טאג ווי נאכט און קוקט אין די ספרים — אז כפרות שלאגען איז א נארישער מנהג. ווי געפעלט אייך א שטיינער? מאלט אייך ער האט זיך פון מיר נישט גענארט פאר אזעלכע ווערטער! ביסט דאס אליין טאקי דערגאנגען, זאג איך, מיט דיין אייגענעם שכל?... זאגט ער: סע שטעהט אזוי געשריבען אין די ספרים. קומט אויס, זאג איך, אז איך און די מאמע מיינע, און די מוהמע דבורה, און נחמה ברייגע, און סאסע, און דוואסע, און צביה און צפורה און אלע, זענען בהמות? שווייגט ער, דער חכם, און ס'איז זיין גליק, ווארום איך קאן איהם הערט איהר, אבשפיעלען א פריה-מארגען, ער זאל מיך געדענקען דריי טעג כסדר! איהר מיינט איך בין חלילה אזא ארורה, איין אנחאפערן? גלויבט מיר איך וויים גאנץ גוט וואס הייסט א בן-תורה, א יוד וואס זיצט און לערנט, חאטש ער טהוט נישט קיין האנד אין קאלט וואסער, איהר מיינט ער פוילט זיך? ער וואלט נעבעך געטהון אלסדינג ס'זאל נאר זיין וואס... זיצט ער און לערנט, לאז ער לערנען, וואס דארף איך זיין הארעוואניע, אז איך קאן אליין בעשטעהן דאס שטעדטעל מיינס, אז איך קאן אליין אויסקומען ווי ס'נישט איז מיט דער הוצאה אין שטוב. חלילה נישט אנקומען צו יענעם. אליין, אומעדום אליין, אין מארק און אין שטוב און אוועקגעשטעלט זיך ביי'ם אויווען, צוגעשטעלט דאס טעפעל קארטאפלעס און די קינדער אנגעטהון און אבגעשיקט אין חדר, דאס איז ביי מיר דער עיקר! ברויט זעהט איהר. מאכט זיך פעהלט אמאל, חלה אויף שבת טרעפט אז ס'איז נישטא, נאר פאר די קינדער שכר-למוד — פיער זכרים האב איך זאלען געזונד זיין א חוץ מיידלעך — דאס מוז זיין, עס מעגען פאלען שטיינער פונ'ם הימעל! איך בין נישט גלייך צו די היינטיגע וואס די קינדער זייערע שטופען זיי אין די קלאסען, ווי למשל אונזער חזנ'ס יונג בערעל, א פאלגע גוי מיט קעלבאס. חאפט איהם דער רוח, איך בין נישט גאטס סטראפטשע, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס און פון לשון הרע בין איך וויט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערן, האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א יודינע האט אין זיך גיין מאס רעד...

פערוואָרפען די גענז בעדאַרף מען נאָר זעהן די גענז זאָלען האָבען האָרוולע, דאָס עסען צו דער צייט און דאָס טרינקען צו דער צייט. און ווייטער גאָרנישט, וואָרום גענז איז נישט קיין קאַטשקעס און נישט קיין עופות. קאַטשקעס האָבען מורא פאַר פאָקען און עופות פאַר אַ טחויר, און גענז בעדאַרפען נאָר עסען. און עסען עבען גענז אַלסדינג: גענז עסען האָבער, גענז עסען פּראָסע, גענז עסען קאַשע, גענז עסען איך בעט איבער אייער כבוד נאָך ערגערס... אַ גאַנז קלויבט נישט איבער, אַ גאַנז שלינגט אַלסדינג. אַ גאַנז איז תמיד הונגעריג, ווי ביי איין אָרעמאַן קינדער להבדיל. ביי איין אָרעמאַן קינדער עסען קיין עין הרע געשמאַק אַלסדינג וואָס מע גיט זיי און זענען קיין מאָל נישט זאַט. איך וויים עס פון זיך זעלבער. לאָזען זיי זיין געזונד, די קינדער מיינע, אַז זיי קומען פונ'ם חדר, קיין עין־הרע נישט, קיין בעז אויג זאָל זיי נישט שאַדטען — איידער מע קוקט זיך אַרום שטאַרבט אַ ברויט, און פון אַ טאָפּ קאַרטאָפלעס בלייבט נישט איבער איהר זאָלט זאָגען אויף אַ רפואה! און קומט שבת מוז מען זיי אויסטיילען חלה ווי לעקאַך, און דאָס איבריגע פערשליסען, וואָרום עס ועט נישט בלייבען אויף מאָרגען קיין זכר אַפילו! קינדער הערט איהר, איז אַ וואהלע זאַך און אַ ליעבע זאַך, עס וואָלט מיר נישט נמאס געוואָרען און נישט שווער געוועזען קיין צעהן קינדער פופצעהן קינדער פינף און זיעבעציג אויסצוהאַלטען, איין חסרון נאָר אָט דער פּיסק! נגידים בעדאַרפען זיך פּיהלען איך וויים אַליין נישט ווי גליקליך, אַז זיי ווייסען וואהל, אַז זייערע קינדער לעגען זיך שלאָפען זאַט און עס חלומט זיך זיי נישט קיין ביטלערס, זיי וואַפּען זיך נישט אויף ביי נאַכט מיט אַ געוויין: „מאַמע ע־ע־ע=סען!...." הערט איהר, דאָס האַרץ טהוט וועה, ווערד אָקערשט נישט צעשפּרונגען און מע מוז נאָך מאָלט איך אָנשרייען אויף זיי: „שלאָפען! ממזרים! וואָס פאַר עסען אין מיט'ן ביי נאַכט? שלאָפען, שלאָפען!..." פון דעסטוועגען זאָלט איהר זעהן די נגידים, ווי סע האַפּט זיי אַוועק דער רוח, טאָמער ווערד ביי זיי געבוירען חלילה איין איבריג קינד! אַי — אַי! אָט איז ביי אונז נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען איינע אַ נגידית'טע, אַ וויבעל בלוט און מילך, און אַ גוטע זעעל אַ צדיקת, ביילצע האָט מען זי גערופען, אַ שעהנע אַ געזונדטע אַ שטאַרקע, מיינט איהר איבער וואָס? ס'איז נישט כדאי צו דערצעהלען, זי איז שוין אויף דער אמת'ער וועלט, לאָז זי האָבען אַ ליכטיגען גן־עדן, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס אויף קיינעם און פון לשון־הרע בין איך וויים... נאָר איך מיש איך איינס מיט'ן אַנדערן, האָט קיין פּאַראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יורינע האָט אין זיך ניין מאָס רעד...

אוי, אַ פרנסה גענז !... דאָס הייסט גענז איז אַ פרנסה אַפילו נישט קיין שלעכטע און אַז גאָט גיט אַריין אין די גענז די ברכה, קאָן מען אין די גענז פערדינען אַ שעהן קערבעל, נאָר וואָס דען? דאָס טרעפט זיך איין מאָל אין צעהן יאָהר. גיכער קען זיך מאַכען מע זאָל ביי די גענז נישט פערדינען גאָר נישט; מע זאָל נאָך דערלעגען! הייַנט די האָרעוואַניע וואָס אַרום די גענז איז אַזאַ גרויסע האָרעוואַניע אַז ס'איז חלעבען נישט כדאי דער גאַנצער טאַראַראַם! אַי איז דאָך די קשיא: ווי באַלד אַז ביי די גענז איז קיין פערדינסט נישטאָ הייַנט צו וואָס בעדאַרף מען האַנדלען מיט גענז? איז דער תירוץ: וואָס דען וועט מען טהון, אַז איך האַנדעל שוין אַזוי פיעל יאָהרען מיט גענז!... בערעכענט נאָר. אויסבינדען עטליכע און דרייַסיג פאָר גענז! אָוועקטראָגען צום שוחט עטליכע און דרייַסיג פאָר גענז! ברענגען עטליכע און דרייַסיג פאָר גענז! אָבפליקען עטליכע און דרייַסיג פאָר גענז! מאַכען, זאַלצען, אויסווייַקען, אָבגיסען עטליכע און דרייַסיג פאָר גענז! — די הויטען בעזונדער, די פלאָסטערן בעזונדער, די דרויבלעך בעזונדער, די אָבדירקעס בעזונדער, פון אַלסדינג מאַכען געלד, נישט לאָזען געהן לאבוד קיין פיצעל נישט — און אַלסדינג אַליין! קודם כל אויספרעגלען די הויטען מיט די פלאָסטערן, מאַכען פון זיי שמאַלץ. איך מאַך תמיד אַלע יאָהר פסחיגע שמאַלץ, וואָרום מיין פסחיגע שמאַלץ האָט אַ שם אין שטאָדט פאַר דער בעסטער כשר'סטער שמאַלץ. איך, אַז איך פרעגל פסח'יגע שמאַלץ ווערד ביי מיר אין מיטען חנוכה פסחיג אין שטוב. דעם אויווען כשר איך אוים. דעם מאַן שיק איך אָב אין בית המדרש אַריין לאָז ער לערנען, די קינדער טרייַב איך אַרוים לאָזען זיי געהן ערגיץ שפיעלען אין דריידעל, און אַליין נעם איך זיך צו דער אַרבייט — פרעגלען שמאַלץ. און שמאַלץ האָט פיינד אַן'איבריג אויג, ובפרט פסח'יגע שמאַלץ! איך האָב אַמאָל געהאַט אַ פסק אַז איך בין נישט הייַנט גערעכט נישט פאַר איך געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודען געדאַכט געזעסען ביי יענטען אין שכנות; עס זענען געזעסען דאָרטען נאָך שכנים, האָט זיך איינער אַ שכנה, גנעסע האָט זי געהייסען, פערגלוסט זיך איהר באַקען לאַטקעס פון רעטשענע מעהל און דוקא דעם טאָג וואָס איך קוילע גענז. בעט איך זי: גנעסיניו, האַרצעניו, ליובעניו! האַלט איין דעם יצר הרע אויף אַ טאָג. איהר וועט מאָרגען אם ירצה השם באַקען לאַטקעס! זאָגט זי: ביי מיר האָט איהר געפועלט; נאָר די קינדער, זאָגט זי, וועלען געוואָהר ווערען; איך האָב, זאָגט זי, קינדער טרפה'נע העלזער וואָס האַלטען שטאַרק פון דער אכילה, זיי וועלען דערהערען, זאָגט זי, אַז ס'איז

אויס לאַטקעס וועלען זײ מיך, זאָגט זי, אויפעסען לעבעדיגערהײד!...כך הוה: די קינדער האָבען דערהערט ליגענדיג אויפ׳ן אויווען אַז מע רעדט פון אָבלעגען די לאַטקעס באַקען אויף מאָרגען, האָט זיך איינער פון זײ, אַ זעליגעל, אַ יונגע׳לע מיט קאַסאָקע אויגלעך, צעשריגען אויף אַ קול: מאַמע! טאָמער באַקסט דו נישט קײן לאַטקעס פאַל איך אַטאָ אַראָב פונ׳ם אויווען... מיר טהוען אַ קוק — אַ וועהטיג איז מיר — זעליגעל העַנגט מיט׳ן קעפעל אַראָב, אַטאָ נאָך אַ מינוט פאַלט דאָס אַראָב און סע ווערט צעשאָטען אויף שטיקלעך! דערזעהן אַזאַ חתונה האָב איך אָנגעהויבען צו שרײען: גנעסיניו, נשמה׳ניו, האַרצעניו, ליובעניו! באַקט לאַטקעס, באַקט!... מע זאָגט, הערט איהר, אַז איין אָרעמאַן האָט אַ קישקע אָהן אַ דנאָ, איז דאָס תורת משה! איהר זאָלט אָנקוקען בײ דער גנעסען קינדערלעך. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט חלילה קײן שלעכטס, און פון לשון־הרע בין איך ווײַט... נאָר איך מיש איך, איינס מיט׳ן אַנדערן, האָט קײן פאַראיבעל נישט, ס׳איז בײ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך נײן מאָס רעד.

שמאַלץ פון די גענז... פון גענז קאָן מען אויף שמאַלץ אַלײן נישט אַרויסקוקען, די שמאַלץ אַז עס געראָט שוין גוט אָב, קעהרט אום צוריק נאָר דאָס וואָס די גענז קאָסטען; דאָס פערדינסט דאַרף מען זוכען פון די שאר ירקות. ראשית חכמה אָבדירקעס; אַז עס מאַכט זיך די אָבדירקעס געבען זיך אויס שעהן, און פלײש איז אין שטאָדט טײַער, — פערצוקערט מען זײ! ווי זשע איז אָבער דער דין, אַז קצבים בײ אונז שמײַסען זיך, און פלײש איז בזיל הזול, און די שטאָדט האָט דעם נגיד אויף צו להכ׳ניס אַראָבגעבראַכט נאָך אַ שוחט, און יענער שוחט, דער אַלטער הײסט עס, האָט אײַנגעגעבען אויף דעם שוחט, אויף דעם נײַעם הײסט עס, אַבצעהן מסירות, און חוץ לזה האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אויף איהם, אויף דעם נײַעם שוחט, הײסט עס, אַז ער, דער נײַער שוחט הײסט עס, איז אַ חברה־מאַן פון די הײַנטיגע חברה־לײַט פון די „צעניסטען", וואָס האָבען צו טהון מיט די חדרים און קלויבען „שקלים־געלד", און דער גביר אונזערער האַלט דאָך נישט פון די דאָזיגע צעניסטען, ער קאָן זײ נישט אָנקוקען; זײ זענען, זאָגט ער, גרויסע הולטײַעס, און ווי באַלד אַזוי איז דאָך די שחיטה זײַנע קײן שחיטה נישט, און נישט איטליכער איז אַ בעלן אויף פאַרטיגע אָבדירקעס. טענה איך מיט מײַנע קונה׳טעס: „בײ מיר מעגט איהר נישקשה קויפען אָבדירקעס, מײַן שוחט איז דער אַלטער שוחט". זאָגען זײ: „יאָ, איהר זענט אוודאי זעהר גערעכט, נאָר וואָס דען? אויפ׳ן בײלעק שטעהט

ביי זיי נישט אויפגעשריבען פון וועמענס שחיטה זיי זענען, פונ'ם אלטען שוחט צי פונ'ם נייעם שוחט"... זאג איך: „וואס הייסט סע שטעהט נישט אויפגעשריעבען, אז איך זאג אייך פונ'ם אלטען שוחט, איז פונ'ם אלטען שוחט; סיידען, זאג איך, איך בין שוין ביי אייך נישט בעגלויבט, איז שוין, זאג איך, עק וועלט"... זאגען זיי: א מאדנע יודינע איהר זענט! איהר זענט ביי אונז אויף אלסדינג בעגלויבט, נאר אז מיר קאנען אויספיהרען אליין שיקען צום שוחט קוילען געגז, וואס זשע דארפען מיר אבדירקעס, וואס מיר קאנען נישט וויסען וועמענס שחיטה דאס איז? טפו! ווידער א מאל, זאג איך, דאס אייגענע? אז איך שוועהר אייך ביי מיין מאן און קינדער, איהר ווייסט, זאג איך, ס'איז ביי מיר א גוטע שבועה! זאגען זיי: צו וואס דארפט איהר זיך שוועהרען, אז מיר גלויבען אייך סאי וכאי? זאג איך: נו, נעמט זשע צו ביי מיר א פאר אבדירקעס, לאם איך מאכען גרינגער דעם קאשעק. זאגען זיי: „מיר קענען נישט נעמען ביי אייך קיין אבדירקעס איבער דער שחיטה"... נו? געה טעסע פלעקער! אריינגעהן אין יענעמס לאגע דאס איז נישטא! רחמנות האבען: א יודינע מארדעוועט זיך אן מיט געגז, מע מיינט טאמער, איך ווייס, מע וועט עפים פעדדינען, עס האט זיך געשטעלט אזא ווינטער, האלץ איז נישטא, שטרוי איז טייער, א רענדעל א וואגען שטרוי, און די קינדער נעבאך לויפען בארוועס אין חדר ארײַן, קומען צו געהן אהיים ברוין און בלוי, חאפען זיך ארויף אויפ'ן אויווען, נאָרען זיך איין ווי די קראליקלעך און קוקען ארוים אויף הייסע קארטאפלעס, און קארטאפלעס איז מיט גאלד גלייך, א סך איז נישט געראטען און א סך איז פערבליבען אין דער ערד. א שטאדט! עמיצער זאל זיך דאס ארוםקוקען, ארעמע לייט געהען אוים פון קעלט, ארעמע לייט שטארבען, שוואַכען פון הונגער, קינדער פאלען ווי שטרוי, ווי פליגען, מיט חסד ווי זאגט איהר ארעמע לייט שטארבען, גאט זאל מיך נישט שטראפען, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס און פון לשון הרע בין איך ווייט... נאר איך מיש אייך איינס מיט'ן אנדערן, האט קיין פאראיבעל נישט, ס'איז ביי מיר אזא טבע, ווי זאגט איהר: א יודינע האט אין זיך ניין כאס רעד...

די אבדירקעס פון די געגז... מע זאל וועלען, הערט איהר, ארוםקוקען אויף די אבדירקעס אליין, וואלט מען שעהן אויסגעזעהן מיט די געגז! א חוץ אבדירקעס איז פארהאן ביי געגז די דרויבלעך: גריוועען, לעבערלעך, פיפיקלעך, קעפלעך און פיסלעך, גערגעלעך, פליגעלעך, צינגעלעך און הערצעלעך און נירלעך, היינט העלזלעך! פארהאן ביי מיר

אײנע אַ בעל־הבית׳טע, פּעטשערעציכע הײסט זי, נעמט זי צו בײַ מיר אַלע העלזלעך וויפיעל איך האָב; עס מעג זײַן אַ האַלבע מאה העלזלעך, לאָזט זי מיך נישט אַרויס. דער מאַן איהרער, זאָגט זי, פּעטשערעצי הײסט עס, איז אַ ליעבהאָבער פון ברוסט און פון העלזלעך; ברוסט האָט ער ליעב זאָגט זי קאַלטערהײד מיט פּעפער בעפעפערט, און העלזלעך געפילטע מיט מעהל, אָדער מיט קאַשע, אָדער מיט פאַרפעלעך, אָדער מיט לעבער און מיט גריווען, געבראָטען בעזונדער, אָדער געקאָכט אין מײערן. וואָס זשע מײנט איהר? ווי די מתים עסען אַזאַ פנים האָבען זײ, ער זעהט קײן עין הרע אויס קעגען מײַן מאַן ווי אַ ייד פון אַ יאָהר עטליכע און דרײַסיג; חאָטש ער איז עלטער פון מײַן מאַן מיט גוטע צעהן יאָהר... אין חאָטש מײַן מאַן טהוט אויך קײן שום אַרבײט נישט, זיצט ער חאָטש און לערנט, און אַז ער קומט אַהײם, וועט ער נישט זאָגען ווי אַנדערע מאַנען: „הער נאָר, דו, גיב עפּיס עסען!“ ער, אַז ער קומט אַהײם פון בית המדרש, איז דאָס ערשטע נעמט ער זיך צו אַ ספר, קוקט אין ספר אַרײַן און זיפצט — זיפצט שטילערהײד — אַ סימן אַז ער וויל עסען. נאָר זאָגען גיב עסען — דאָס איז נישטאָ. וואָס דען? אַ קרעכץ און אַ נעם מיט דער האַנד בײַ׳ם האַרצען און אַ זאָג: „אָך — אָך — אָך!“ — אַ סימן אַז ער איז גוט הונגעריג. „וועסט עפּיס אפשר נעמען אין מויל אַרײַן?“ פרעגט מען איהם. מאַכט ער צו מיר: „מהיכא־תיתי“... וויפיעל מאָל איך זאָג איהם: איך פערשטעה נישט, האָסט דאָך אַ מויל קאָנסט דו דאָך זאָגען אַז דו ביזט הונגעריג, וואָס דאַרפסט דו זיצען און קרעכצען?... ענטפערט די וואַנד? איך וואָלט וועלען אומיסטען זעהן וואָס וואָלט געווען איך זאָל איהם דרײַ טאָג כסדר נישט געבען קײן עסען? איהר מײנט ער איז חלילה אַזאַ אײן אָבגעריסענער נאַרר? ווי קאָן אַ ייד אַ למדן אַ מופלג זײַן אַ נאַר? ער זאָל צו זײַן קענען הערט איהר וואָס ער קען לערנען נאָך זײַן אַ ביסעלע מעהר קריכער וואָלט ער דען נישט געקאָנט זײַן בײַ אונז אַ רב? אַי וואָס וועלען מיר טהון מיט׳ן אַלטען רב? למאי וואָס וועלען מיר טהון מיט׳ן אַלטען חזן? מע האָט נײטיג בעדאַרפט צו נעמען אַ נײַעם חזן אין שול כדי דער אַלטער זאָל שטאַרבען פון הונגער, טאָמער איז ער געווען פריהער הײסט עס אַ קלײנער אביון? באשר, דעם גביר האָט זיך פערגלוסט זינגען! ווילסט זינגען? געה אין טרעיאַטער להבדיל וועט מען דיר דאָרטען זינגען צעזעצטערהײד!... איך זאָל זײַן הערט איהר אַ מאַנסביל, וואָלט איך זיך מיט די גבירים גערעכענט. אוי וואָלט איך מיך מיט זײ גערעכענט! איהר מײנט איך האָב עפּיס צו זײ? איך האָב צו זײ גאָר נישט

נאָר איך האָב זײ פײנט, איך האָב פײנט אַ נגיד! אַ נגיד און אַ שפּין, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן, איך רעד נישט חלילה קײן שלעכטס און פון לשון הרע בין איך ווײט... נאָר איך מיש אײך אײנס מיט'ן אַנדערן, האָט קײן פאַראיבעל נישט, ס'איז בײ מיר אַזאַ טבע, ווי זאָגט איהר: אַ יודינע האָט אין זיך נײן מאָס רעד...

מע האָט פון די גענז... מײנט נישט אַז מע פערקויפט שוין אויס די גאַנצע שמאַלץ מיט אַלע אָבדירקעס מיט אַלע דרויבלעך פון די גענז ווערד מען שוין גליקליך. גענז זאָלען נישט האָבען קײן פאַך און קײן פעדערן אויף זיך וואָלט נישט כדאי געווען דער גאַנצער עסק. פריהער, אַז איך האַלט נאָך בײ פערוואַרפען די גענז, סקובע איך זײ שוין אונטער, די גענז, אונטער די פאַכוועלעך, און קלויב צענויף דאָס ביסעל פאַך. נאָך דעם, נאָכ'ן קוילען, שמועסט מען נישט; דאָס ביסעל פאַך בעזונדער און די פעדערן בעזונדער, און איך גרײט מיר צו אַרבײט אויף אַ גאַנצען ווינטער. די נעכט זענען דאָך גענוג גרויס, מע קען זיך גענוג אָנפליקען. פליק איך... אַצונד האָב איך אַ שטיקעל הילף: מײדלעך; מײדלעך זענען נישט קײן יונגלעך; יונגלעך געהען אין חדר אַרײן און מײדלעך וואָס? מײדלעך זענען גענז, זיצען און האָדעווען זיך, און וואַכסען; זעץ איך זײ אַנידער נעבען זיך איבער אַ זיפּ: העלפט, קינדערלעך, פליקען פעדערן, איך וועל אײך דערפאַר אם ירצה השם מאָרגען שענקען אַ גריוו, בעשמירען אַ שטיקעל ברויט מיט שמאַלץ, אָדער גאָר צושטעלען אַ זופּ פון קישקעלעך! אהאַ, זאָלט איהר זעהן ווי סע ווערד אַ גדולה און מע נעמט זיך צו דער אַרבײט — אַ קלײניגקײט אַ זופּ פון קישקעלעך! וואָס משטײנס געזאָגט אַז קײן פלײש קוקט מען נישט אָן אַ גאַנצע וואָך, חוץ שבת! איך זאָל נישט האַנדלען מיט קײן גענז, ווײס איך נישט וואָס איך וואָלט געטהון אַ גאַנצע וואָך מיט די קינדער! אַזוי וואַרפט זיך פאָרט דורך אַ פלאָסטערל, אַ גערגעלע, אַ קעפּעל, אַ פיסעל, אַ קישקעלע, אַ ביסעל שמאַלץ, דער ריח אַלײן איז שוין גענוג! אַז איך בין געזעסען נישט הײנט געדאַכט נישט פאַר אײך געדאַכט נישט פאַר קײן שום יודען געדאַכט, אין שכנות, בײ יענטען הײסט עס, האָב איך אַלײן געהערט פון גנעסעס מויל, אַז עס קומט, זאָגט זי, די צײט פון חנוכה און איהר הויבט זיך אָן, זאָגט זי, פאָרען מיט די גענז, בײם פסחיגען שמאַלץ, קומט, זאָגט זי, אויף מײן „חאַליאַסטרע" אַ נײַע הויט; פונ'ם ריח אַלײן, זאָגט זי, פערדרעהט זיך זײ שוין דאָס קעפּעל און סע מאַלט זיך זײ אויס אַז זײ עסען גענזענס... איהר מײנט ס'איז מיר געווען אַנגענעהם אָנצוקוקען

גנעסעם חאַליאַסטרע קיין עין הרע ווי זיי קוקען אַראָב פונ׳ם אויפ׳ן אויווען, זעהען פאַר זיך אַזאַ טאָפּ שמאַלץ מיט אַזוי פיעל גריוועען און נישט אויסציהען קיין הענדטעל אפילו, נאָר ליעגען און קוקען נעבאַך ווי הונגעריגע וועלף און בעלעקען זיך, און די אויגלעך בשעת מעשה גלאַנצען, — אַ גאָטס רחמנות צו זעהן דעם צער, שטופּט מען זיי אַריין דאָרטען אַ גריוו אין הענדטעל, מע טהוט זיי אַ שמיר אַ ביסעל שמאַלץ איבער די ליפּען, וואָס נאָך איך בעט אייך? ווי קאָן איך אָנהאָרעווען אַזוי פיעל מײַלער, אַז איך בין אַליין אָפּגעשאָטען קיין עין הרע מיט קינדער, און דער מאַן פּערדיענט נישט קיין צוויי צעבראָכענע גראָשען, און שולדיג איז מען אויף די גענז איך זאָל עס פערמאָגען אַ דריט חלק מיט אייך אין-איינעם, און פריצענט וואַכסט ווי מיט רוחות און צאָהלען מוז מען, וועל נישט געהן פערבאָדען זיך, בלייבען איין אָנזעצערין חלילה אַזוי ווי יענטע אַ שטייגער, וואָס האָט נישט אָבגעצאָהלט דעם שוואָגער פאַר דער אַנדערער האַלבע דירה צוליעב׳ען זוהנדעל, וואָס שטודירט זאָגט מען אין די קלאַסען און שרייבט אום שבת... אַזוי זאָגט די וועלט, איך בין דערביי נישט געשטאַנען, איך האָב פיינט זאָגען דאָס וואָס איך ווייס נישט און פון בערעדען יענעם אַנטלויף איך: איך פרעג נאָר איין זאַך צו וואָס בעדאַרף עס יענטעס זוהנדעל זיין אַ געשטודירטער? אַז בסך הכל איז ער גאָר אַ קראַנקער משטיינס געזאָגט, אַ טשעכאָטניק, זיי זענען אַלע נישט דאָ געדאַכט נישט פאַר אייך געדאַכט נישט פאַר קיין שום יודישער שטוב געדאַכט טשעכאָטניקעס, לאָז ער איהר לעבען הונדערט צוואַנציג יאָהר, איך בין איהר אַ גוטער פריינד, וואָס האָב איך צו איהר? האָטש אַז מע וויל צוריק האָט זי קענען מיר נישט אַזוי יוצא געוועען! מע נעמט נישט און מע רוויכערט נישט אַרוים קיין שכנים אין מיטען פאַר פסח, וואָס איז? באשר משה דער וואַסער-פיהרער קען צאָהלען אַ קערבעל אַ וואָך, און איך נישט! לאָז זי זיך בעריהמען דעמאָלס אַז ער וועט איהר בעצאָהלען! ס׳איז גאָר אַ סברא אַז אָט דער משה איז אַ בעל-חוב, די האָר זענען נישט זיינע. פערנומען ביי אַלע בעלי-בתים פאַר וואַסער אויף אַ גאַנצען ווינטער, און אַ קבצן איז ער אויך אַ גוטער, און אַ ווייב האָט ער, פּעסע רופט מען זי, אויך אַ גוטע שטוקע, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפען, איך רעד נישט חלילה קיין שלעכטס, און פון לשון הרע בין איך ווייט... נאָר שאַט... מיר דאַכט זיך איך האָב אייך געוואָלט עפּיס דערצעהלען אַ שעהנס? פרעגט מיך בחרם, איך האָב שוין אַליין אויך פערגעסען וואָס!... אָט די:

ווײַבער, הערט איהר, איז אײך קײן קאטאוועס נישט, דאס איז עפּיס א מין פאלק!... אט האב איך אײך דא אויסגעמישט פון כל מאמינים שהוא, קאשע מיט בארשטש און מיט לעבערלעך און מיט נעכטיגע טעג, טאמער ווײסט איהר וואס? א יודינע, הערט איהר, האט טאקי אין זיך נײן מאס רעד!... נו ווער איך שוין מוזען אבלעגען די מעשה נאך אויף א מאל.

שלום-עליכם,

די ראזיגע נאכט.

(פון מײן שיר-השירים-ראמאן).

א.

„לבני היקר מוהר״ר...

איך שיק דיר 00 רו״כ און בעט דיך מיין זוהן, זאָלסט מיר טהון צוליעב און קומען צופאָהרען אַהיים אויף פסח. עס איז מיר אַ בזיון פאַר דער וועלט אויף מיינע עלטערע יאָהרען. מע האָט איין שטיקעל זוהן אַ בן־יחיד, און מען איז ניט זוכה איהם צו זעהן. אויך די מאַמע בעט דיך רחמים אַז דו זאָלסט למען־השם קומען צופאָהרען אויף פסח. און ווייטער וויסען, אַז בוזי׳ן קומט מזל־טוב. זי איז למזל אַ כלה געוואָרען. אם־ירצה־השם שבת נאָך שבועות איז די חתונה.

ממני אביך...״

. . . .

אָט דאָס שרייבט צו מיר מיין טאַטע — דאָס ערשטע מאָל אַזוי שאַרף. דאָס ערשטע מאָל פאַר דער גאַנצער צייט, פון זינט מיר זענען זיך צעגאַנגען. און צעגאַנגען זענען מיר זיך מיט׳ן טאַטען שטיל, נישט געקריעגט זיך. איך האָב ווידערשפעניגט זיין געבאָט. נישט געוואָלט געהן אין זיינע וועגען, געגאַנגען מיין אייגענעם וועג — זיך אַוועקגעלאָזט לערנען. פריהער איז ער געווען ברוגז, געזאָגט, אַז ער וועט מיר קיינ־מאָל ניט מוחל זיין, סיידען ער וועט ליגען אויפ׳ן טויטען בעט. דערנאָך האָט ער מיר מוחל געווען. דערנאָך האָט ער מיר אָנגעהויבען שיקען געלד: „איך שיק דיר 00 רו״ב און עס לאָזט דיר גריסען די מאַמע גאָר פריינדליך״. קורצע, טרוקענע בריעף. אויך מיינע בריעף צו איהם זענען געווען קורצע, טרוקענע בריעף: „דיין בריעף מיט די 00 רו״ב האָב

איך מקבל געווען און לאָז גריסען דער מאַמען גאָר פריינדליך״.

קאַלט, מורא׳דיג קאַלט זענען געווען אונזערע ביידענס בריוולעך. ווער האָט צייט געהאַט דאָס צו בעמערקען אין דער וועלט פון חלומות, וואו איך האָב מיך געפונען? נאָר דעם טאַטענס בריעף אַצינד האָט מיך אויפגעוועקט. ניט אַזוי דעם טאַטענס קלאָגען זיך, וואָס ס׳איז איהם אַ בזיון פאַר דער וועלט (איך בין מיך מודה). און ניט אַזוי דער מאַמעס בקשה, וואָס זי בעט רחמים — קיין זאַך האָט מיך אַזוי ניט גענומען (איך בין מיך מודה), קיין זאַך האָט מיך אַזוי ניט גענומען, ווי די עט-ליכע ווערטער: „און זיין וויסען, אַז בוזי׳ן קומט מזל-טוב״...

בוזי — אַט די בוזי, וואָס איהר גלייכען איז ניטאָ אין ערגיץ ניט. סיידען אין שיר-השירים. אַט די בוזי, וואָס אַנז איינגעקניפּט און אויסגע-בונדען מיט מיינע יונגע יאָהרען. אַט די בוזי, וואָס איז געווען אַלע מאָל די פער׳כשופ׳טע בת-מלכה פון אַלע מיינע וואונדערליכע בבא-מעשיות, די שענסטע פּרינצעסין פון מיינע גאָלדענע חלומות — אַט די בוזי איז איצט אַ כלה? עמיצענס, ניט מיינע?!...

ב.

ווער איז בוזי? — אַך! איהר ווייסט ניט. ווער בוזי איז? איהר האָט פערגעסען? איך מוז אייך נאָך אַ מאָל איבערדערצעהלען איהר ביאָגראַפיע אין קורצען און מיט דעם איינענעם לשון, וואָס איך האָב אייך דערצעהלט אַ מאָל, מיט יאָהרען צוריק.

איך האָב געהאַט איין עלטערען ברודער — בעני. איז ער דער-טרונקען געוואָרען. נאָך איהם איז פערבליבען אַ וואַסער-מיהל, אַ יונגע אַלמנה, צוויי פערדלעך און איין קינד. האָט מען די מיהל אָפּגעלאָזט, די פערדלעך פערקויפט. די אַלמנה האָט חתונה געהאַט און איז אַוועק-געפאָהרען ערגיץ ווייט, און דאָס קינד האָט מען געבראַכט צו אונז אין שטוב אַריין״.

„דאָס איז בוזי״.

„און שען איז בוזי, ווי די שענע שולמית, וואָס פון שיר-השירים. אַלע מאָל, ווען איך האָב געזעהען בוזי׳ן, האָב איך מיך געמוזט דערמאַנען אין דער שולמית, וואָס פון שיר-השירים, און אַלע מאָל, ווען איך האָב

געלערענט אין חדר דעם שיר-השירים , איז מיר געקומען אַקעגען בוזי" .

„איהר נאָמען איז פערצויגען פון אסתר-ליבע: ליבוזי — בוזי . מיט
מיר אינאיינעם איז זי געוואַכסען . מיין טאַטען רופט זי טאַטע . מיין מאַ-
מען רופט זי מאַמע . אַלע האָבען געמיינט , אַז מיר זענען אַ ברודער מיט
אַ שוועסטער . און מיר זענען געוואַקסען , ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס-
טער . און מיר האָבען זיך ליעב געהאַט . ווי אַ ברודער מיט אַ שוועס-
טער" .

„ווי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער פלעגען מיר זיך פערקלויבען אין
אַ ווינקעלע און דאָרט פלעג איך איהר דערצעהלען בבא-מעשיות פון
חדר , פון מיין חבר שייקע , וואָס ווייסט אַלסדינג , אפילו קבלה . דורך
קבלה , האָב איך איהר געזאָגט , קאָן איך מאַכען קונצען : צאַפּען ווייַן
פון אַ שטיין און גאָלד פון דער וואַנד . מיט קבלה , האָב איך איהר גע-
זאָגט , קאָן איך מאַכען אַזוי , אַז מיר ביידע זאָלען זיך אויפהויבען ביז
דער חמאַרע , און נאָך העכער פון דער חמאַרע . אַך , האָט זי ליעב גע-
האַט האָרכען פון מיר מעשיות ! איין מעשה נור האָט בוזי פיינד געהאַט
פון מיר צו האָרכען : פון אַ בת-מלכה , פון אַ פּרינצעסין , וואָס מע האָט
זי פער'כשופ'ט , אויפגעחאַפּט פון אונטער דער חופה און אַריינגעזעצט
אין אַ קרישטאָלענעם פּאַלאַץ אויף זיעבען יאָהר , און איך פליה זי אויס-
לייזען . . . אַלסדינג האָט בוזי ליעב געהאַט צו הערען , נאָר ניט פון קיין
פער'כשופ'טער בת-מלכה , וואָס איך זאָל דאַרפען פליהען זי אויסלייזען . —
מע דאַרף ניט פליהען אַזוי ווייט . פאָלג מיך , מע דאַרף נישט ! . . . אַזוי
האָטט געזאָגט צו מיר בוזי , אַוועקגעשטעלט אויף מיר איהרע שענע
בלויע שיר-השירים-אויגען" .

„אַט דאָס איז בוזי" .

איצט שרייבט מען מיר , אַז עס קומט איהר מזל-טוב . זי איז אַ
כלה געוואָרען . בוזי איז אַ כלה . עמיצענס אַ כלה . עמיצענס , ניט מייַ-
נע ! האָב איך מיך אַוועקגעזעצט און אָפּגעענטפערט דעם טאַטען מיט אַ
בריעף :

„לכבוד אָבי היקר מוהר"ר . . .

דיין בריעף מיט די 00 רו"ב האָב איך מקבל געווען . אין עטלי-
טעג אַרום , ווי נור איך ווער פאַרטיג , אַזוי קום איך צופאָהרען . אויף
די ערשטע טעג פסח , אָדער אויף די אַנדערע — נאָר זיין וועל איך .

איך לאָז גריסען דער מאַמען גאָר פריינדליך, און בוזין — מזל-טוב, איך ווינש איהר גליק...

ממני בנך..."

ג.

ס'א ליגען. נישט איך האָב געהאַט מיט וואָס פאַרטיג צו ווערען. נישט איך האָב געדאַרפט וואַרטען עטליכע טעג. דעם זעלבען טאָג, וואָס איך האָב בעקוקען פונ'ם טאַטען דעם דאָזיגען בריעף און געענטפערט מיט מיין בריעף, האָב איך מיך אויפגעזעצט און בין געפלויגען אַהיים און בין געקומען צופליהען פונקט דעם טאָג, וואָס ערב יום-טוב. אין אַ וואַרעמען ליכטיגען ערב-פסח'יגען טאָג.

און היב געטראָפען מיין שטעדטעל פונקט אַזוי, ווי איך האָב עס איבערגעלאָזט אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. נישט פערענדערט אויף אַ האָר' נישט געמינערט אַ טראָפען. די אייגענע שטאָדט. די אייגענע מענשען. דער אייגענער ערב-פסח'דיגער אין-דרויסען מיט'ן אייגענעם ערב-פסח'דיגען טאַרעראַם.

איין זאַך האָט נור געפעהלט: דער שיר-השירים. ניין. עס איז שוין נישט מעהר שיר-השירים'דיג, ווי ס'איז געווען אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. אונזער הויף איז שוין נישט מער שלמה המלך'ס ווייננאָרטען, וואָס אין שיר-השירים. דאָס האָלץ מיט די קלעצער, מיט די ברעטער, וואָס ליגען אָנגעוואָרפען ביי אונזער שטוב, איז שוין נישט מעהר טענענבוימער און בוקסענבוימער. די קאַץ, וואָס ליגט ביי דער טהיר און וואַרעמט זיך אויף דער זונן, איז שוין נישט מעהר פון די פעלד-אינדען, וואָס בעגעגענען זיך אין שיר-השירים. דער באַרג, וואָס אויף יענער זייט שוהל, איז שוין ניט מעהר דער לבנון. ניט מעהר פון די בשמים-בערג... די ווייבלעך און מיידלעך, וואָס שטעהען אין דרויסען און וואַשען און פרעסען און רייניגען און כשר'ען אויף פסח, זענען שוין ניט מעהר די טעכטער פון ירושלים, וואָס ווערען דערמאָנט אין שיר-השירים... וואו איז אַהינגעקומען מיין אַמאָליגע יונגע פרישע, קלאָרע, ליכטיגע, מיט בשמים שמעקענדיגע שיר-השירים-וועלט?...

ד.

איך האָב געטראָפען מײַן הײַם פונקט אַזוי, ווי איך האָב זי איבערגעלאָזט מיט יאָהרען צוריק. נישט פערענדערט אַ האָר, נישט געמינערט אַ טראָפען. דער טאַטע — ווי געווען. נאָר זײַן זילבער־באָרד איז געוואָרען עטוואָס נאָך מעהר געזילבערט. זײַן ברייטער ווײַסער געקנייטשטער שטערען — נאָך עטוואָס מעהר געקנייטשט, אַפנים, פון דאגות...

אויך די מאַמע — ווי געווען. נאָר דאָס רויטע פנים איז געוואָרען געלבליך. און דאַכט זיך מיר, אַז קלענער איז זי געוואָרען אין וואוקס. און אפשר ווייזט זיך מיר אויס, דערפאַר ווײַל זי האָט זיך אַ ביסעל אײַנגעבויגען, אײַנגעבויגען. און די אויגען זענען איהר רויטליך און מיט קישעלעך, ווי אונטערגעשוואָלען. שוין זשע פון געוויין?...

אויף וואָס האָט געוויינט מײַן מאַמע? אויף וועמען? אויף מיר, איהר בן־יחיד, וואָס איך האָב ניט געוואָלט פאָלגען דעם טאַטען און האָב וויעדערשפעניגט זײַן געבאָט, נישט געוואָלט געהן אין זײַנע וועגען, געגאַנגען מײַן אײַגענעם וועג, זיך אַוועקגעלאָזט לערנען און אַזוי לאַנג אין דער הײַם נישט געווען?... צי אויף בוזי'ן וויינט מײַן מאַמע, וואָס האָט חתונה שבת נאָך שבועות?...

אַך, בוזי! אויך זי האָט זיך אויף קײַן האָר ניט פערענדערט. ניט געמינערט אַ טראָפען. אויסגעוואַקסען איז זי נור. אויסגעוואַקסען און שענער געוואָרען. נאָך שענער, ווי ווען ס'ניט איז אַמאָל. הויך און שלאַנק און רײַף און מלא חן. אויגען — די זעלבע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען, נאָר מעהר פערטראַכטע, ווי אַ מאָל, פערטראַכטע, פערטיעפטע, פערזאָרגטע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. און אַ שמייכעל אויף די ליפען. און פרײַנדליך, און ליעב, און הײַמיש, און צוגעלאָזט, און שטיל, ווי אַ טויב, צנועה'דיג שטיל.

קוק איך אויף בוזי'ן, דערמאָן איך מיך אָן יענער בוזי, וואָס אַמאָל, דערמאָן איך מיך אָן איהרע נאָר־וואָס אויפגעגייהט יום־טוב'דיגע קליידליך, וואָס די מאַמע האָט איהר דעמאָלט אויפגענייהט אויף פסח. דערמאָן איך מיך אָן איהרע נײַע קליינע יום־טוב'דיגע שיכלעך, וואָס דער טאַטע האָט איהר דעמאָלט געקויפט אויף פסח. און דערמאָן איך מיך אָן יענער בוזי, וואָס אַמאָל, אַזוי קומט מיר ניט־ווילענדיג דאָס לאַנג פערגעסענע שיר־השירים וויעדער אַמאָל, אַ פסוק נאָך אַ פסוק:

„אויגעלעך ווי טײַבלעך, הערעלעך ווי ציגעלעך, גליטשען זיך בארג־אראפ... ציינדלעך — ווײַסע שעפעלעך, נאר־וואס פון טײַך ארויס, איינס און איינס. שנירעלעך — איהרע ליפּען. אז זי רעדט, איז צו־קערזים..."

איך קוק אצינד אויף בוזי׳ן, און עס ווערד שוין אלעס ווידער שיר־השירים׳דיג, ווי אמאל־אמאל, מיט יאהרען צוריק.

ה.

— בוזי, דיר קומט מזל־טוב?

זי הערט ניט. וואס זשע האט זי אראבגעלאזט די אויגען? וואס זשע זענען רויט געווארען איהרע בעקלעך? ניין. איך מוז איהר אבגעבען מזל־טוב.

— מזל־טוב דיר בוזי!

— מיט מזל זאלסט דו לעבען.

און מעהר ניט. פרעגען זי — קאן מען ניט. רעדען מיט איהר — איז ניטא וואו. עס לאזט מיך ניט דער טאטע. עס לאזט מיך ניט די מאמע. עס לאזען מיך ניט די קרובים, די משפחה, די שכנים, וואס קומען אריין מיך מקבל פנים זיין. דער ארײַן, דער ארויס. אלע שטעהען ארום מיר. אלע בעטראכטען מיך, ווי א בער, ווי א מאדנע בע־שעפעניש פון איין אנדער וועלט. אלע ווילען מיך זעהען און הערען, וואס איך מאך און וואס איך טהו — אזא צײַט ניט געזעהען זיך!

— דערצעהל זשע אונז עפּיס נײַעס: וואס האסט דו געזעהען, וואס האסטו געהערט?

און איך דערצעהל זיי נײַעס, וואס איך האב געזעהען און וואס איך האב געהערט. און איך קוק בעת־מעשה אויף בוזי׳ן. איך זוך איה־רע אויגען און בעגעגען מיך מיט איהרע אויגען. מיט איהרע גרויסע טיעפע פערזארגטע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען. נאך איהרע אויגען זענען שטום, ווי איהרע ליפּען, ווי זי אליין. גארניט זאגען מיר איה־רע אויגען. גאלע גארניט. און עס קומט מיר א קעגען, ווי א מאל, דער שיר־השירים, א פסוק נאך א פסוק: „גן נעול אחותי כלה —

א גאָרטען אַ פֿאַרשלאָסענער איז מײַן שוועסטער די כלה. אַ גאָרטען אַ פֿערשלאָסענער, אַ קוואַל אַ פֿערזיגעלטע״...

ו.

און אַ שטורם הויבט זיך אויף בײַ מיר אין קאָפּ און אַ פֿײַער אין האַרצען, אַ פֿײַער—ניט אויף קײנעם, נאָר אויף זיך אַלײן. אויף זיך און אויף יענע חלומות, נאַרישע, יונגעלשע, גאָלדענע חלומות, וואָס צוליעב זײ האָב איך פֿערלאָזען טאַטע־מאַמע. צוליעב זײ האָב איך פֿערגעסען אָן בוזי׳ן, צוליעב זײ האָב איך מקריב געווען אַ שטיק פֿון מײַן לעבען, פֿערשפּיעלט מײַן גליק, פֿערשפּיעלט, פֿערשפּיעלט אויף אײביג!

פֿערשפּיעלט? נײן. עס קאָן ניט זײַן. עס קאָן ניט זײַן! אַט בין איך דאָך געקומען. בעצײַטענס געקומען... לאָם איך נור בלײַבען מיט בוזי׳ן אַלײן. לאָם איך נור רעדען מיט איהר אַ פּאָר ווערטער. נאָר ווי קאָן איך רעדען מיט בוזי׳ן אַ פּאָר ווערטער, אַז אַלע זענען דאָ? אַז אַלע זענען זײ אַרום מיר? אַלע בעטראַכטען מיך, ווי אַ בער, ווי אַ בעשעפעניש פֿון אײַן אַנדער וועלט. אַלע ווילען מיך זעהען און הערען, וואָס איך מאַך און וואָס איך טהו—אַזאַ צײַט ניט געזעהען זיך!

מעהר פֿון אַלע הערט היך אוים דער טאַטע. איבער אַ ספר זיצט ער, ווי אַלע מאָל, און פֿערקנײטשט איז זײַן ברײטער שטערן, ווי אַלע מאָל, און קוקט אויף מיר אַריבער די זילבערנע בריללען און גלעט זיך די זילבערנע פֿעדעם פֿון זײַן זילבער־באָרד, ווי אַלע מאָל. און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער קוקט אויף מיר ניט אַזוי, ווי אַלע מאָל. נײן, ס׳איז ניט דער קוק, וואָס אַמאָל. איך פֿיהל עס. דער מענש איז בעלײדיגט. איך האָב ווידערשפּעניגט זײַן געבאָט. ניט געוואָלט געהן אין זײַנע וועגען. געגאַנגען מײַן אײגענעם וועג...

אויך די מאַמע שטעהט בײַ דער זײַט, אַוועקגעוואָרפען די קיך מיט׳ן ערב־פּסח, און הערט מיך מיט טרערען אויף די אויגען. מיט׳ן שפּיץ פֿאַרטוך ווישט זי בגנבה אַ טרער, חאָטש דאָם פּנים שמײכעלט, און זי הערט, ווי איך דערצעהל, און זי קוקט מיר אין מויל אַרײַן און שלינגט, שלינגט איטליכם וואָרט מײַנם.

אויך בוזי זיצט אקעגען מיר, די הענד צענויפגעלײגט אויפ׳ן האַר־

צען, און הערט מיך אוים גלייך מיט זיי. גלייך מיט זיי קוקט זי מיר אין מויל אריין. גלייך מיט זיי שלינגט זי איטליכם ווארט מיינס. איך קוק אויף בוזי'ן. און איך לייען אין איהרע אויגען און קאן ניט איבערלייענען גארניט ניט. גארניט ניט,

— דערצעהל זשע, וואס ביזט דו אנשוויגען געווארען? — מאכט צו מיר דער טאטע.

— לאז איהם צורוה, האסט דו געזעהען א ביסעל! — טהוט זיך א חאפ די מאמע. — דאס קינד איז מיעד, דאס קינד איז הונגעריג.

און ער: דערצעהל און דערצעהל! דערצעהל און דערצעהל!

ז.

ביסלעכווייז הייבט אן דער עולם זיך צעגעהן, און מיר בלייבען אליין: דער טאטע און די מאמע, איך בין בוזי. די מאמע לאזט זיך אוועק אין קיך און קומט גיך צוריק מיט א שענעם פסח'דיגען טעלער — א בעקאנטען טעלער, געמאהלט מיט גרויסע גרינע פייגענבלעטער.

— טאמער וואלסט דו עפּיס גענומען אין מויל אריין. שימעק? ביז'ן סדר איז נאך וויים.

זאגט צו מיר מיין מאמע מיט אזוי פיעל ליעבשאפט, געטריישאפט און ווארעמער איבערגעבענהייט, און בוזי הויבט זיך אויף מיט איהרע שטילע טריט און טראגט מיר צו א גאפּעל-מעסער — בעקאנטע פסח'דיגע גאפּעל-מעסער. אלעס איז מיר בעקאנט. קיין זאך האט זיך גענדערט. ניט געמינערט א טראפּען. דער איינענער טעלער מיט די גרויסע גרינע פייגענבלעטער. די איינענע גאפּעל-מעסער מיט די ווייסע ביינערנע קלעצלעך. דער איינענער ריח-ניחוח פון דער פסח'דיגער געזענשמאלץ. דער איינענער טעם גן — עדן פון די ערב-פסח'דיגע צוגעפרישטע מצה. ניט געענדערט א האר, ניט געמינערט א טראפּען.

ניט מעהר, וואס דעמאלט ערב-פסח האבען מיר געגעסען ביידע, איך און בוזי, פון איין טעלער, געדענק איך, האבען מיר געגעסען. טאקי אט פון דעם בעקאנטען שענעם פסח'דיגען געמאהלטען טעלער, וואס איז געמאהלט מיט גרינע פייגענבלעטער. און נים האט אונז דעמאלט געגעבען די מאמע, געדענק איך. פולע קעשענים מיט נים. און

מיר האָבען זיך גענומען דעמאָלט פאַר די הענד, געדענק איך, איך און בוזי, און מיר האָבען זיך געלאָזט 'פליהען, געדענק איך, ווי די אָדלערם. איך לויף — זי לויפט מיר נאָך. איך שפּרינג איבער די קלעצער — זי שפּרינגט מיר נאָך. איך אַרויף — זי אַרויף. איך אַראָב — זי אַראָב.

— שימעק! ביז וואַנען וועלען מיר לויפען, שימעק?

זאָגט צו מיר בוזי. און איך ענטפער איהר מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „עד שיפוח היום — ביז ס'וועט אַ בלאָז טהון דער טאָג, ונסו הצללים — און עס וועלען אַנטלויפען די שאָטענס"...

ח.

דאָס איז געווען אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. היינט איז בוזי אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גרויסע. און איך בין אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גרויסער. און אַ כלה איז געוואָרען בוזי, עמיצענס אַ כלה, עמיצענס, ניט מיינע... און איך וויל בלייבען מיט בוזי'ן אַליין. און איך וויל רעדען מיט איהר אַ פּאָר ווערטער. איך וויל הערען איהר קול. מיט'ן לשון פון שיר־השירים ווילט זיך מיר זאָגען צו איהר: „הראיני את מראיך — מאַך מיך זעהען דיין אויסזיכט. השמיעיני את קולך — מאַך מיך הערען דיין שטים"... און עס דאַכט זיך מיר, אַז איהרע אויגען ענטפערען מיר אויך מיט'ן לשון פון שיר־השירים: „לכה דודי — קום, טהייערער, נצא השדה — ניט דאָ, נאָר אין דרויסען... אין דרויסען... דאָרט וועל איך דיר זאָגען, דאָרט וועל איך דיר דערצעהלען. דאָרטען וועלען מיר רעדען. דאָרטען"...

איך חאַפּ אַ קוק אין דרויסען אַרויס דורכ'ן פענסטער. אַך, ווי שען דאָרט איז, ווי ערב־פּסח'דיג! ווי שיר־השירים'דיג!... איין עבירה נור, ס'איז שוין באַלד אויס טאָג ׳ ניעדעריג־ניעדעריג לאָזט זיך אַראָב די זון און בעפאַרבט דעם הימעל מיט גין־גאָלד. דאָס גאָלד שיינט אָב אין בוזי'ס אויגען. זיי באָדען זיך אין גאָלד. אָט באַלד שטאַרבט דער טאָג. איך וועל ניט האָבען קיין צייט אַפילו מיט בוזי'ן אַ וואָרט צו רעדען. דער גאַנצער טאָג איז אַוועק אויף פּוסטע רעד מיט'ן טאַטען, מיט דער מאַמען, מיט דער משפּחה — וואָס איך האָב געהערט, וואָס

איך האָב געזעהען... איך חאַפּ מיך אויף און קוק דורכ'ן פענסטער אין דרויסען ארוים און טהו פערבייגעהענדיג אַ זאָג צו בוזי'ן:

— מיר װעלען אַ ביסעל זיך אפשר דורכגעהן? — אַזאַ צייט אין דער היים ניט געווען. איך וויל אָנקוקען דעם הויף' איך וויל זעהען די שטאָדט...

ט.

ווייסט איהר ניט, וואָס איז מיט בוזי'ן? אַנגעצונדען האָט זיך איהר דאָס פנים, ווי אַ העלישׁ פייער; ווי די זון-קוגעל, וואָס האַלט ביי'ם אונטערגעהן, איז זי רויט געוואָרען. זי וואַרפט אַ בליק אויפ'ן טאַטען. אפנים, זי וויל הערען, וואָס דער טאַטע וועט זאָגען? און דער טאַטע קוקט אויף דער מאַמען אריבער די זילבערנע בריללען. ער גלעט די זילבערנע פעדעם פון זיין זילבער-באָרד און זאָגט אין דער וועלט אַריין, צו קיינעם ניט:

— די זון זעצט זיך. שוין צייט זיך איבערטהון, געהן אין שוהל אַריין דאַווענען. שוין צייט ליכט בענשען, ווי מיינסט דו?

ניין. איך וועל, אפנים, היינט ניט רעדען מיט בוזי'ן אַ וואָרט ניט? מיר נעמען זיך איבערטהון. די מאַמע איז שוין באַלד אינגאַנצען פסח'דיג. זי האָט שוין אָנגעטאָהן אויף זיך איהר יום-טוב'דיג זיידען מלבוש, איהרע ווייסע הענד שעמערירען. קיינער האָט ניט אַזעלכע שענע ווייסע הענד, ווי מיין מאַמע. אָט באַלד וועט זי זיך שטעלען ליכט בענשען. מיט איהרע ווייסע הענד וועט זי פערשטעלען איהרע אויגען און ווייגען שטילערהייד, ווי אַמאָל. דער לעצטער שטראַהל פון דער פערגעהענדיגער זון וועט זיך שפּיעלען אויף איהר שענע קלאָרע ווייסע הענד. קיינער האָט ניט אַזעלכע שענע קלאָרע ווייסע הענד, ווי מיין מאַמע.

נאָר וואָס איז מיט בוזי'ן? איהר פנים איז אויסגעלאָשען, ווי די זון, וואָס האַלט ביי זעצען זיך, ווי דער טאָג, וואָס האַלט ביי אונטער-געהן. נאָר שעהן איז זי און חנ'עוודיג, ווי קיינמאַל ניט. און טיעף טרויעריג זענען איהרע שענע בלויע שיר-השירים-אויגען. און פערטראַכט זענען איהרע אויגען.

פון וואָס טראַכט איצט בוזי? פון דעם ליעבען גאַסט, וואָס זי האָט אויף איהם אַזוי אַרויסגעקוקט און וואָס איז געקומען צופליהען אַזוי אומגעריכט, נאָכדעם ווי ער איז אַזאַ צייט אין דער היים ניט געווען?... אָדער פון איהר מאַמע, וואָס האָט חתונה געהאַט דאָס אַנדערע מאָל און אַוועקגעפאָהרען ערגיץ ווייט און פערגעסען, אַז זי האָט אַ טאָכטער, וואָס הייסט בוזי? אָדער פון איהר חתן טראַכט איצט בוזי, פון איהר חתן, וואָס טאַטע-מאַמע האָבען איהר אודאי אָנגעהאָנגען קעגען איהר ווילען? און פון איהר חתונה, וואָס דאַרף זיין שבת נאָך שבועות מיט אַ מענשען, וואָס זי קען איהם ניט און ווייסט איהם ניט, ווער איז און וואָס ער איז?.. אָדער, פערקעהרט, אפשר האָב איך אינגאַנצען אַ טעות? אפשר צעהלט זי גאָר די טעג פון פסח ביז שבועות, ביז שבת נאָך שבועות. וואָרום דאָס איז איהר אויסדערוועהלטער, וואָרום ער איז איהר ליעב און ער איז איהר טהייער, ער וועט זי פיהרען אונטער דער חופה און איהם האָט זי אַוועק שענקען איהר האַרץ און ליעבע. און מיר? מיר איז זי, אוי-וועה, ניט מעהר ווי אַ שוועסטער. געווען אַ שוועסטער און געבליבען אַ שוועסטער... און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי קוקט אויף מיר מיט רחמנות און מיט פערדראָס און זאָגט צו מיר, ווי זי האָט געזאָגט צו מיר אַמאָל, מיט'ן לשון פון שיר-השירים: „מי יתנך כאח לי — ווען דו ביזט מיר אַ ברודער! אַך, פאַר וואָס ביזט דו מיר ניט אַ ברודער?!"... וואָס זאָל איך איהר ענטפערען דערויף? איך ווייס שוין, וואָס איך וועל איהר ענטפערן דערויף. לאָס איך נור רעדען מיט איהר געטליכע ווערטער. געטליכע ווערטער.

ניין. איך וועל היינט ניט זאָגען רעדען מיט בוזי'ן קיין איינציג וואָרט, קיין האַלב וואָרט אפילו: אָט הויבט זי זיך אויף, געהט מיט שטילע גרינגע טריט צו דער שאַפע, גרייט צו פאַר דער מאַמען ליכט אין די זילבערנע לייכטערס. אַלטע בעקאַנטע היימישע הויכע געבלאָזענע זילבערנע לייכטערס. מיר זענען מיט זיי גוט בעקאַנט און בעפריינדעט פון אַמאָל. די דאָזיגע זילבערנע לייכטערס האָבען דאָך פערנומען אַמאָל אַ בכבודען אָרט אין מיינע גאָלדענע חלומות ביי דער פער'כשופ'טער בת-מלכה אין דעם קרישטאָלענעם פאַלאַץ. די דאָזיגע גאָלדענע חלומות מיט די דאָזיגע זילבערנע לייכטערס, מיט די בענשליכט, מיט דער מאַמעס שענע קלאָרע ווייסע הענד, מיט בוזי'ס שענע בלויע שיר-השירים-אויגען, מיט די לעצטע גאָלדענע שטראַהלען פון דער פערגעה-

ענדיגער זון — איז עס הען נישט איינס און דאסזעלבע, געקניפּט און געבונדען?...

— טא! — זאגט דער טאטע צו מיר מיט א קוק אין פענסטער און מיט א וואונק, אז ס'איז שוין צייט זיך איבערטהון און געהן אין שוהל אריין דאוונען.

מיר טהוען זיך איבער, איך און דער טאטע, און מיר געהען אין שוהל אריין דאוונען.

י.

אונזער שוהל, אונזער אלטע אלטע, שוהל האט זיך אויך ניט פערענדערט, איהר זאלט זאגען א האהר. נישט געמינערט א טראפען. א ביסעל זענען נאר געווארען שווארצער די ווענד. ניעדריגער דער עמוד. עלטער דער אלמעמער. און דער ארון-קודש האט פערלארען דעם גלאנץ פון זיין נייהייט.

ווי א קליין בית-המקדש האט אונזער שוהל אמאל אויסגעזעהען אין מיינע אויגען. איצט האט זיך דאס בית-המקדש אנגעבויגען א ביסעלע אויף א זייט. אך! וואו איז אהינגעקימען די הייליגע פראכט און גלאנץ פון אונזער אלטער שוהל? וואו זענען די מלאכים, וואס פלעגען דא שוועבען אונטער דעם געמאהלטען סופיט אלע פרייטאג צו נאכט, צו קבלת-שבת, און אלע יום-טוב אויף דער נאכט, צו ברכו?

אויף די בעלי-בתים פון שוהל האבען זיך ווייניג וואס פערענדערט. נאר א ביסעלע פערעלטערט זיך. שווארצע בערד זענען ווייס געווארען. גלייכע פלייצעם האבען זיך אויסגעבויגען. אטלעסענע קאפאטעס זענען צעהאקט געווארען. עס זעהען זיך ארוים ווייסע פעדעם, געלע פאסען. מלך דער חזן זינגט נאך היינט אויך אזוי שען, ווי אמאל, מיט יאהרען צוריק. א ביסעלע נאר איז איהם פערדומפּען דאס קול. עס הערט זיך אין זיין דאוונען א נייער טאן: מעהר געוויינט, ווי געזונגען. מעהר געקלאגט זיך, ווי געבעטען. און אונזער רב? דער אלטער רב? — דער האט זיך גארניט פערענדערט. געמען ווי געפאלענער שנײ און געבליבען ווי געפאלענער שנײ. אין

קליינינקייט נאָר: די הענד ציטערען אצינד. און מיט'ן גאַנצען גוף ציטערט ער. פון אַלטקייט, אפנים. עזריאל דער שמש, א יור אָהן א סימן פון א באָרד, וואָלט געווען דער איינציגער, וואָס א מאָל, ווען נישט די ציינער. ער האָט פערלאָרען אַלע ציינער און ער זעהט אויס מיט זיינע איינגעפאַלענע קינבאַקען מעהר ווי א יודינע, ווי איידער א מאַנסביל, נישקשה, ער קלאַפּט נאָך היינט אויף מיט'ן פּראַטש איי בער'ן שלחן, אז עס קומט צו שמונה־עשרה. אמת, שוין נישט דער קלאַפּ, וואָס אַמאָל. אַמאָל מיט יאָהרען צוריק האָט מען געקאָנט טויב ווערען פון זיין קלאַפּען, היינט שוין נישט. אפנים, נישטאָ דער כח, וואָס אַמאָל, געווען א יור א גבר.

אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, איז מיר דאָ געווען גוט, געדענק איך, גוט אָהן איין ערך, אָהן א מאָס! דאָ, אין דעם קליינעם בית־המקדש, האָט מיין קינדערשע נשמה אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, גע־שוועבט אינאיינעם מיט די מלאכים אונטער דעם געמאָהלטען סופיט. דאָ, אין דעם קליינעם בית־המקדש, האָב איך אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, אינאיינעם מיט'ן טאַטען און מיט אַלע יודען, געשמאַק און ערנסט געדאַוונט...

יא.

און אָט בין איך איצט ווידער אַמאָל אין מיין אַלטער אַמאָלי־גער שוהל, און איך דאַווען מיט אונזערע אַלטע אַמאָליגע בעלי־בתים, און איך הער דעם איינענעם חזן, וואָס אַמאָל, וואָס זינגט מיט'ן איי־גענעם ניגון, וואָס אַמאָל. און דער עולם דאַווענט געשמאַק און וואַ־רעם און מיט'ן זעלבען נוסח, וואָס אַמאָל, און איך דאַווען אינאיינעם מיט'ן עולם. נאָר מיינע געדאַנקען זענען ווייט פונ'ם דאַווענען. איך מיש א בלעטעל נאָך א בלעטעל אין מיין סדור און — איך בין נישט שולדיג — עס מישט זיך מיר אויף שיר־השירים קאַפּיטעל ד': „הנך יפה רעיתי — ווי שען דו ביזט, חבר'טורין מיינע. הנך יפה, עיניך יונים — ווי שען דו ביזט מיט דיינע טויבענאויגען"... איך וואָלט וועלען דאַווענען גלייך מיט אַלע, גלייך ווי איך האָב אַמאָל געדאַוונט. נאָר עס דאַווענט זיך נישט! איך מיש א בלעטעל נאָך א בלעטעל אין מיין סדור און — איך בין נישט שולדיג — עס מישט

זיך אויף ווידער שיר-השירים קאפיטעל ה׳: „באתי לגני אחותי כלה — איך בין געקומען אין מיין ווייגארטען, מיין שוועסטער די כלה״...

און ווייטער: „איך האב געקליבען מיינע קרייטער, געשמעקט מיינע בשמים, געגעסען מיין האניג, געטרונקען מיין וויין״...

נאר וואס רעד איך? וואס זאג איך? דער גארטען איז נישט מיינער. איך וועל נישט קלייבען קיין קרייטער, ניט שמעקען קיין בשמים, ניט עסען קיין האניג, ניט טרינקען קיין וויין. דער גארטען איז ניט מיין גארטען. בוזי איז נישט מיין כלה. בוזי איז עמיצענס א כלה. עמיצענס, נישט מיינע!... און עס קאלט אין מיר א גוהנם. נישט אויף בוזי׳ן. נישט אויף קיינעם. ניין. אויף מיר אליין: סטייטש, ווי האב איך געקאנט אזא צייט זיין אזוי ווייט פון בוזי׳ן? ווי האב איך געקאנט דערלאזען, אז עס זאל צונעהמען פון מיר בוזי׳ן און אבגעבען זי צו איין אנדערען? האט זי מיר דען ניט געשריבען אלע מאל בריוולעך און געגעבען אנצוהערעניש, אז זי האפט אין גילע צייטען זיך מיט מיר צו זעהען?״... האב איך איהר דען ניט אבגעלעגט אלע מאל פון איין יום-טוב אויפ׳ן אנדערען, אזוי לאנג, ביז זי האט מיר אויפגעהערט צו שרייבען?..

יב.

— גוט יום-טוב. דאס איז מיין זוהן.

אזוי שטעלט מיך פאר דער טאטע נאכ׳ן דאווענען פאר די בעלי-בתים אין שוהל, וואס בעטראכטען מיך פון אלע זייטען און געבען מיר אב און נעהמען צו פון מיר דעם שלום-עליכם, ווי איין אלטען חוב.

— דאס איז מיין זוהן...

— דאס איז אייער זוהן? נא דיר אפ שלום...

אין דעם טאטענס ווערטער „דאס איז מיין זוהן״ זענען דא אלערליי פארבען: פרייד און גדלוה און פערדראס. מע קאן לערנען דעם פשט, ווי מע וויל: „וואס זאגט איהר? דאס איז דאך מיין זוהן?״... אדער: „שטעלט אייך פאר — דאס איז מיין זוהן״...

איך פיהל זײַן האַרץ. דער מענש איז בעלײדיגט. איך האָב װידערשפעניגט זײַן געבאָט. איך בין ניט געגאַנגען אין זײַנע װעגען. איך בין מיר געגאַנגען מײַן אײגענעם װעג און האָב איהם פערעלטערט פאַר דער צײַט. נײן. ער האָט מיר נאָך ניט מוחל געװעזען. ער זאָגט דאָס מיר ניט. ער פערשפאָרט עס מיר זאָגען. איך פיהל עס אלײן. דאָס זאָגען מיר זײַנע אױגען, װאָס קוקען מיר דורך די זילבערנע ברילען גלײַך אין האַרצען אַרײַן. דאָס זאָגט מיר דער שטילער זיפץ, װאָס רײַסט זיך אַרױס פון צײַט צו צײַט פון זײַן אַלטער שװאַכער ברוסט... מיר געהען בײדע פון שוהל אַהײם און שװײַגען. מיר געהען שפּעטער פון אַלעמען. די נאַכט האָט פערשפרײט איהרע תּלי־געל איבער'ן הימעל און אַראָבגעלאָזט האָט זיך איהר שאָטען אויף דער ערד. אַ שטילע, אַ װאַרעמע, אַ הײליגע פסח'דיגע נאַכט איז דאָס. אַ נאַכט פול מיט סודות און רעטעניִשען. פול מיט װאונדער. די הײליגקײַט פון דער דאָזיגער נאַכט פיהלט זיך אין דער לופט. קוקט אַראָב פונ'ם טונקעל־בלויען הימעל. װעגען איהר שמועסען זיך דורך שטילערהײד די שטערען. יציאת־מצרים לאָזט זיך הערען פון דער דאָזיגער נאַכט...

מיט גיכע טריט געה איך אַהײם אין דער דאָזיגער נאַכט. און דער טאַטע — קוים װאָס ער געהט מיר נאָך. װי אַ שאָטען געהט ער מיר נאָך. „װאָס יאָגסט דו אַזױ?" — פרעגט מיך דער טאַטע, קוים װאָס ער חאַפּט דעם אָטעם.

עך, טאַטע, טאַטע! זעהסט דו דען ניט, אַז איך בין געגלי־כען צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדען אויף די בשמים־בערג?... מיר איז לאַנג, טאַטע, צו־לאַנג די צײַט. מיר איז װײַט, טאַטע, צו־װײַט דער װעג דעמאָלט, װען בוזי איז אַ כלה. עמיצענס אַ כלה. עמיצענס, ניט מײַנע!... איך בין געגליכען צו אַ הירש, אָדער צו אַ אינד פון די אינדען אויף די בשמים־בערג.

אַזױ װילט זיך מיר ענטפערן מײַן טאַטען מיט'ן לשון פון שיר־השירים, און איך פיהל נישט די ערד אונטער זיך. און איך געה מיט גיכע טריט אַהײם אין דער דאָזיגער נאַכט. און מײַן טאַ־טע — קוים װאָס ער געהט מיר נאָך. װי אַ שאָטען געהט ער מיר נאָך אין דער דאָזיגער נאַכט.

יג.

מיט דעם איינענעם „גוט-יום-טוב״, וואס מיר פלעגען אריינקומען אין דער דאזיגער נאכט פון שוהל אהיים, מיט יאהרען צוריק, זענען מיר אריינגעקומען אויך אצינד — איך און דער טאטע.

מיט דעם איינענעם „גוט-יום-טוב — גוט יאהר״, וואס די מא־מע און בוזי פלעגען אונז בעגעגענען אין דער דאזיגער נאכט אמאל, מיט יאהרען צוריק, האבען זיי אונז בעגעגענט אויך אצינד.

די מאמע, די מלכה, אנגעטהון אין איהר קעניגליך זיידען מלבוש, און די בת-מלכה, בוזי, — אין איהר שניי-ווייס קלייד; אבער פונקט דאס איינענע בילד, וואס אמאל, מיט יאהרען צוריק, ניט פערענדערט אויף א האהר, נישט געמינערט א טראפען.

ווי מיט יאהרען צוריק, אזוי אויך אצינד, אין דער דאזיגער נאכט, איז אונזער שטוב פול מיט חן. א בעזונדערע שענקייט, א הייליגע, יום-טוב׳דיגע, מאיעסטעטישע שענקייט האט אראבגעניזערט אויף אונזער שטוב. א הייליגער, יו-טוב׳דיגער גלאנץ איז אויסגעגא־סען אויף אונזער שטוב אין דער דאזיגער נאכט. דאס ווייסע טישגע־בעט — געפאלענער שניי. דער מאמעס בעשליכט שיינען ארויס פון די זילבערנע לייכטערס. עס לאזט גריסען פון די פלעשער ארויס דער ארבע-כוסות-ויין, אך, ווי צנועה׳דיג, נאאיוו עס קוקט ארויס פון דער קערה די אומשולדיגע מצות. ווי ליעב עס שמייכעלט דער אנ־געריבענער מרור-חריין, דער קאמפלעצירטער חרוסת מיט׳ן אנגעגרייטען זאלצוואסער! פייערליך און מיט שטאלץ שטעהט אויסגעבעט דעם מלכ׳ס שטוהל, דאס עסעבעט. אויף דער מלכה׳ס פנים רוהט די שכינה, ווי אלעמאל אין דער דאזיגער נאכט. און די בת-מלכה (בוזי) איז אינגאנצען, פון אויבען ביז אראב, שיר-השירים׳דיג. ניין, וואס זאג איך? — זי איז דער שיר-השירים אליין,

איין עבירה נאר, וואס מע האט דעם בן-מלך אוועקגעזעצט אזוי וויט פון דער בת-מלכה. אמאל זענען זיי, געדענק איך, אנ־דערש געזעסען ביים סדר. אינאיינעם, איינס נעבען אנדערען, זענען זיי געזעסען. דער בן-מלך האט געפרעגט דער טאטען, געדענק איך, די פיער קשיות, און די בת-מלכה האט ארויסגע׳גנבה׳ט ביי זיין מאיעסטעטן פון אונטער דעם קישען דעם אפיקומן — און אך! וואס מיר האבען זיך דעמאלט אנגעלאכט! אמאל נאכ׳ן סדר, געדענק איך,

אַז דער מלך האָט שוין אָראָבגעצויגען דעם ווייסען קיטעל, און די מלכּה — איהר קעניגליך זיידען מלבוש, זייַנען מיר געזעסען, איך און בוזי, אינצווייען, אין אַ ווינקעלע, געשפּילט אין ניסלעך, וואָס די מאַמע האָט אונז געגעבען, אָדער איך האָב איהר דערצעהלט אַ מעשה, פון יענע בבא-מעשיות פון חדר, פון מיין חבר שייקע, וואָס ווייסט אַלסדינג. אַ מעשה מיט אַ פערכּשופ'טער בת-מלכּה, וואָס איז געזעסען אין אַ פּאַלאַץ פון קרישטאַל זיבען יאָהר כּסדר און געוואַרט, ביז עמיצער וועט דורכ'ן שם-המפורש זיך אויפהויבען אַריבער דער חמאַרע, פליהען איבער בערג און איבער טהאָלען, איבער טייכען און מדבּריות, און וועט זי אויסלייזען, און וועט זי בעפרייהען.

יד.

דאָס איז אָבער אַלץ געווען אַמאָל — אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק. איצט איז שוין די בת-מלכּה אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גרויסע. און דער בן-מלך איז אויסגעוואַקסען, געוואָרען אַ גרויסער. און בעזעצט האָט מען איהם אַזוי אום'ברחמנות'דיג, אַז מיר קאָנען זיך אפילו ניט זעהען איינס דאָס אַנדערע, ווי עס געהער צו זיין. שטעלט אייך פאָר: אין דער רעכטער האַנד פון זיין מאַיעסטעט דער בן-מלך, אין דער לינקער האַנד פון איהר מאַיעסטעט די בת-מלכּה!.. און מיר זאָגען די הגדה, איך מיט'ן טאַטען, הויך אויף אַ קול, ווי אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, און מיט אַ ניגון, אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל. און די מאַמע מיט בוזי'ן זאָגען אונז נאָך שטילערהייד, אַ בלעטעל נאָך אַ בלעטעל — ביז מיר קומען צו שיר-השירים. זאָג איך מיט'ן טאַטען דעם שיר-השירים, ווי אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, מיט נאָר אַ בעזונדערען ניגון, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. און די מאַמע מיט בוזי'ן זאָגען אונז נאָך שטילערהייד, אַ פּסוק נאָך אַ פּסוק. ביז דער מלך, אויסגעמידעט פון דער יציאת-מצרים-געשיכטע און שכור'ליך פון דעם ארבע-כּוסות-וויין, הויבט אָן ביסלעכווייז אונטערצודרעמלען, דרעמעלט אַ ווייַלע און כאַפּט זיך אויף און זינגט ווייטער דעם שיר-השירים, הויבט אָן אויף אַ קול: „מים רבים — פיעל וואַסערען קאָנען נישט אויסלעשען די ליעבע"... און איך כאַפּ איהם אונטער

מיט'ן זעלבען ניגון: „ונהרות לא ישטפוה — און טײַלען װעלען זי ניט פערפלײצען״... דאס זאגען געהט בײַ אונז אלעמאל שטי־לער און שטילער, ביז זײן מאיעסטעט װערט צום סוף אנטשלאפען שוין טאקי אויף דעם רעכטען אמת. ריהרט איהם אן די מלכה בײַם ארבעל פונ'ם װײַסען קיטעל. מיט א ליעבער זיסער אײַדעלקײַט װעקט זי איהם, ער זאל געהן שלאפען, — און איך טיט בוזי'ן קאנען זיך דערװײַל איבערװארפען מיט א פאר װערטער. שטעה איך אויף פון טיש און געה צו צו איהר נאהנט, און מיר שטעהען אײַנס אקעגען דאס אנדערע — דאס ערשטע מאל אזוי נאהנט אין דער דאזיגער נאכט. איך װײס איהר אן אויף דער שענער זעלטענער נאכט. „אין דער דאזיגער נאכט, זאג איך איהר, איז גוט שפאציערען געהן״... זי האט מיך פערשטאנען און ענטפערט מיר מיט א האלבען שמײכעל, פרעגענדיג: „אין דער דאזיגער נאכט?״... און עס מאהלט זיך מיר אויס, אז זי לאכט פון מיר. אזוי פלעגט זי לאכען פון מיר אמאל, מיט יאהרען צוריק... פערדריסט דאס מיך. זאג איך צו איהר: „בוזי, מיר האבען װאס צו רעדען, א סך װאס צו רעדען״. „א סך װאס צו רעדען?״ חזר'ט זי איבער מײַנע װערטער, און עס דאכט זיך מיר, אז זיך לאכט פון מיר... פערחאפ איך מיך: „און אפשר האב איך א טעות? אפשר האב איך מיט דיר אצינד גארניט װאס צו רעדען?״...

דאס איז געזאגט געװארען מיט אזא ביטערקײַט, אז בוזי הערט אויף צו שמײכלען און ערנסט װערט איהר פנים. „מארגען — מאכט זי צו מיר — מארגען װעלען מיר שוין רעדען״... און ליכטיג װערט מיר אין מײַנע אויגען. ליכטיג און גוט און פרײליך: מארגען! מאר־גען װעלען מיר שוין רעדען! מארגען! מארגען!... איך געה צו צו איהר נאך נעהנטער און איך דערפיהל דעם ריח פון איהרע האהר. דעם ריח פון איהרע קלײדער, דעם אמאליגען בעקאנטען ריח. און עס קומען מיר אויפ'ן זינען די װערטער פון שיר־השירים: „נפת תטפנה שפתותיך, כלה — צוקער טהוען טריפען דײַנע ליפען, כלה! האניג און מילך אונטער דײַן צונג. און דער ריח פון דײַ־נע קלײדער איז װי דער ריח פון דעם לבנון״...

דאס װײַטעריגע רעדען מיר שוין אזוי, אהן װערטער. מעהרער מיט די אויגען, מיט די אויגען...

מו.

— בוזי, אַ גוטע נאַכט. — זאָג איך צו איהר שטיל. עס איז מיר שווער אַוועקגעהן פון איהר, איין גאָט ווייסט דעם אמת.

— אַ גוטע נאַכט. — ענטפערט מיר בוזי, ריהרט ניט פון אָרט, און קוקט אויף מיר טיעף פערזאָרגט מיט איהרע שענע בלויע שיר־השירים־אויגען.

איך זאָג איהר נאָך אַמאָל אַ גוטע נאַכט, און זי ענטפערט מיר נאָך אַמאָל אַ גוטע נאַכט, קומט צו געהן די מאַמע און פיהרט מיך אַריין אין אַ בעזונדער שלאָף־חדר. דאָרט נעהמט מיין מאַמע און גלעט מיר אוים מיט איהרע שענע ווייסע הענד די ווייסע איבערדעק פון מיין שלאָף־בעט און איהרע ליפען שעפטשען: „שלאָף געזונד, מיין קינד, שלאָף געזונד“...

אין די ראָזיגע עטליכע ווערטער האָט זיך אויסגעגאָסען דער גאַנצער ים פון ליעבשאַפט, וואָס האָט זיך צונויפגעזאַמעלט ביי מיין אין דער צייט, וואָס איך בין אין דער היים ניט געוועזען. גרייט צו צופאַלען צו איהר, אויסקושען איהר די שענע ווייסע הענד, נאָר איך בין דאָס ניט ווערטה. ניין, איך בין דאָס ניט ווערטה. איך ווייס דאָס... שטיל זאָג איך איהר אַ גוטע נאַכט, און איך בלייב איבער אַליין, איינער אַליין אין דער ראָזיגער נאַכט.

מז.

... איינער אַליין אין דער ראָזיגער נאַכט. אין דער ראָזיגער שטילער ווייכער וואַרעמער פריהער פריהלינג־נאַכט.

איך עפען אויף דאָס פענסטער און קוק אַרויס אין דרויסען אַרויס, צום טונקעל־בלויען נאַכט־הימעל, צו די שעמערירענדיגע בריליאַנטען־שטערען, און איך פרעג ביי זיך אַליין: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?...

ניט שוין זשע האָב איך פערשפיעלט מיין גליק, פערשפיעלט אויף אויביג?

ניט שוין זשע האָב איך אַליין מיט מיינע אייגענע הענד גענומען

און פערבערגט מײַן וואונדערליכען פאַלאַץ און אַרויסגעלאָזט די שענע געטליכע בת-מלכה, וואָס איך האָב אַמאָל פער׳כשופ׳ט?... ניט שוין זשע? ניט שוין זשע? און אפשר ניין? אפשר בין איך געקומען בעצײַטענס? באתי לגני אחותי כלה — איך בין געקומען אין מײַן גאָרטען, מײַן שוועסטער די כלה...

און איך זיץ נאָך לאַנג בײַם אָפענעם פענסטער אין דער דאָזיגער נאַכט. און איך סודע מיך מיט דער דאָזיגער שטילער ווײַכער וואַרעמער פריהער פריהלינג-נאַכט, וואָס איז פול, מאָדנע פול, מיט סודות און רעטענישען...

אין דער דאָזיגער נאַכט בין איך געוואָהר געוואָרען אַ נײַעס:
אַז איך האָב ליעב בוזי׳ן.

אַז איך האָב זי ליעב מיט יענער הײסינגער פלאַם-פײַעריגער גיהנם-ליעבע, וואָס ווערט אַזוי שען בעשריבען אין אונזער שיר-השירים; גרויסע פײַעריגע אותיות שנײַדען זיך אוים, איך ווײס ניט פון וואַנען, און שוועבען מיר פאַר די אויגען. די אותיות זענען פונ׳ם נאָר-וואָס אָבגעזאָגטען שיר-השירים, אײן אות נאָך אײן אות: כי עזה כמות אהבה — ביטער ווי דער טוידט איז די ליעבע. קשה כשאול קנאה — שווער ווי דער גיהנם איז די קנאה. רשפיה רשפי אש — איהרע פונקען זענען פונקען פײַער. שלהבתיה — אַ פלאַקער פון גאָט"...

און איך זיץ אין דער דאָזיגער נאַכט בײַם אָפענעם פענסטער און איך פרעג בײַ דער דאָזיגער נאַכט פון סודות און רעטענישען, זי זאָל מיר אנטפלעקען דעם סוד: ניט שוין זשע? ניט שוין זשע?..

נאָר זי שווײַגט, די דאָזיגע נאַכט פון סודות און רעטענישען. דער סוד בלײַבט אַ סוד פאַר מיר — ביז מאָרגען.

מאָרגען, אַזוי האָט דאָך מיר בוזי צוגעזאָגט, וועלען מיר רעדען. אַך! מאָרגען וועלען מיר שוין רעדען... לאָז נאָר אַוועקגעהן די נאַכט. לאָז נאָר פערשווינדען די דאָזיגע נאַכט.

די דאָזיגע נאַכט. די דאָזיגע נאַכט...

אַ מעשה אָהן אַן עק

קאפיטעל א.

איש היה בזלאדיבקי — א מענש איז געווען אין זלאדייעווקע, א שטעדטיל וואס ליגט אין דער סביבה פון מאיעפעווקע, נישט ווייט פון חאפלאפאוויטש און קאזאדאיעווקע, צווישען יאמפעלי און צווישען סטרישטש, פונקט אויף דעם וועג וואו מע פאהרט פון פישי־יאבעדע דורך פיטשע־חואסט קיין טעטרעוויץ, און פון דארטען קיין יעהופעץ; ושמו שמעון אליהו — און זיין נאמען איז געווען שמעון־אלי, און גערופען האט מען איהם שמעון אלי „שמעקו־נו״, מחמת ביים דאווענען אין שול האט ער געהאט א טבע שרייען, ארביימען, ווינגען און ציקלען זיך אויף קולי־קולות. והיה האיש חייט — און געווען איז דער מענש א שניידער, נישט חלילה פון די געהויבענע שניידערס, וואס זייען נאכן „טאבעלטיר״, וואס מע רופט דאס „זשורנאל״, נאר א שניידער א לאטניק, א גרויסער מומחה היסט דאס אויף לייגען א לאטע, פארצעריווען א לאך מע זאל נים דערקענען, אדער איבערניצעווען וואס פאר א מלבוש איהר ווילט אויף דער לינקער זייט, ממש מאכען פון אלט ניי. נעמען, למשל, איין אלטען חאלאט און איבערמאכען איהם אויף א קאפאטע, פון א קאפאטע א פאר תחתונים, פון די תחתונים אויסשטיקעווען א לייבעל, און פונ׳ם לייבעל נאכדעם עפים אנדערש — מיינט נים אז דאס איז אזא גרינגע ארבייט! און אויף דעם איז שמעון אלי שמעקולנו געווען איין בריה אין דער וועלט. און מחמת זלאדייעווקע איז זעהר איין ארעם שטעדטיל, וואס דארטען מאכען נייע מלבושים איז עפים נישט אזא געוויינטליכע זאך, האט מען דעריבער געהאלטען פון שמעון אלי׳ן אין זלאדייעווקע איין עולם ומלואה. איין חסרון נאר וואס ער האט

נישט געקאָנט אויסקומען מיט די נגידים, ליעב געהאַט צריינקקען אין קהלשע זאַכען, זיך אָננעמען אָן דער קריוודע פון די אָרעמע לייט, רעדען גאַנץ אָפענטליך אויף די בעלי טובות וואָס ענען זיך עוסק אין צרכי צבור, און דעם בעל טאַקסע מאַכען מיט דער בלאָטע בפרהסיה, זאָגען אויף איהם אַז ער איז אַ געלדצאַפּער, אַ בלוטזויגער, אַ מענשענפרעסער, און אויף די שוחטים מיט די רבנים, וואָס האָבען געשלאָגען בלאַט מיט'ן בעל טאַקסע — אַז ס'איז איין כנופיא, אַ כתה פון גנבים, רמאים, קוילערס, רוצחים, גזלנים, אַ רוח אין זייער ט... ט... אַריין געפלויגען געוואָרען ביז דעם זיידען הרח מיט'ן פעטער ישכיעאל איינאיינעם.

צווישען בעלי מלאכות, חברה „פועל צדק", האָט זיך שמעון אֶלי שמעקולנו געריכענט פאַר אַ „יודע ניגון": אויף זייער שפּראַך האָט דאָס געהייסען אַ מענש וואָס פאַרשטעהט אין די קליינע אותיותליך, מחמת שמעון אֶלי פלעג שיטען מיט פסוקים, מיט גאַנצע שטיקער גמרא און מיט מדרשים וואָס ניט געשטויגען ניט געפלויגען, „עמך"... „קטנתי"... „אָגיל ואֶשמח"... „היום הרת עולם"... „ויתרוצצו ויתפוצצו"... „וואָס טיבע יוצר המאורות... ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען"... וכדומה אַזעלכע לשון קודש'דיגע ווערטער וואָס זענען ביי איהם תמיד געווען גרייט. און דערצו האָט ער נאָך געהאַט נישקשה פון אַ קולכיל, אַפילו אַביסעל צו אַ הילכיגס און אַ גאָרגעלדיגס, נאָר ער איז געווען קלאָהר אין אַלע נוסחאות מיט אַלע נגונים מיט אַלע תפילות אויף אויסווייניג, און האָט ליעב געהאַט דעם עמוד מיט סכנת נפשות, און איז געווען גבאי אין שניידערשען שולכען, געהאָפּט פעטש ווי האָלץ, צום מיינסטען שמחת תורה צו „אתה הראית", ווי געוויינטליך.

„שמעון אֶלי שמעקולנו", כאָטש ער איז געווען כל ימיו אַ ביטערער אָרעמאַן, מע קאָן זאָגען כמעט איין אֶביון, נאָר אַראָפּפאַלען ביי זיך דערמיט האָט ער פיינט געהאַט. „אדרבה — האָט ער געזאָגט: וואָס מעהר קבצן מעהר לעבעדיג; וואָס

מעהר הונגעריג מעהר געזונגען, ווי די גמרא זאגט: „יָאֶה עֲנִיוּתָא לְיִשְׂרָאֵל כְּטְשֶׁעְרְעוּוִיטְשְׁקֶע קְרַאסְנִי לְדִיוָּקֶע חִיוָּרָא״...

הקצור הדבר שמעון אֶלי איז געוועו דאָס וואָס מע רופט אָן „איין אָרעמס און אַ פריילעכס״. געוועו איז ער אַ נידעריגער, אַ פאַרזעהעניש, אַרומגעשטעקט מיט נאָדלען און מיט שטיקליך וואַטען אין די געקרייזעלטע שוואַרצע האָר; געהאַט האָט ער אַ קליין צאַפען בערדיל, אַביסעל אַ צוגעפלעצטע נאָז, די אונטערשטע ליפּ אַביסעל צעשפּאַלטען, און אויגען גרויסע שוואַרצע און שטענדיג שמייכלענדיגע, און נעגאַנגען איז ער תּמיד מיט אַ טענצייל און מיט אַ לידעל אונטער דער נאָז: „היום הרת עולם — נאָר נישט נעזאָרגט!״...

וַיְהִי לוֹ בָּנִים וּבָנוֹת — און ער איז געוועו אַ מטופּל מיט קינדער פון אַלערליי וואוקס, צום מיינסטען טעכטער, צווישען זיי עטליכע דערוואַקסענע; וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ — און זיין ווייב האט געהייסען ציפּה־ביילה־רייזה, און זי איז געוועו זיין „כְּנֶגְדּוֹ״, דאָס הייסט פּונקט דער הֵיפך פון איהם: אַ הויכע, אַ רויטע, אַ געזונדע, אַ יודינע אַ קאָזאַק. פון דעם ערשטען טאָג אָן וואָס נאָך דער חופּה האָט זי איהם גענומען אין די הענט אַריין און נישט אַרויסגעלאָזט איהם; און איז געגאַנגען אין ספּאָדיק, דאָס הייסט זי איז געוועו דער מאַנן, ניט ער! ער האָט פאַר איהר געהאַט גרויס דרך־ארץ; זי פלעג אויף איהם עפענען אַ מויל, פלעג ער פערציטערט ווערען; און אַמאָל, אונטער פיער אויגען, אַז ס'איז אויסגעקומען, פלעג זי איהם אָפּשטעקען אַ פאַטש אויך... דעם פאַטש פלעג שמעון אֶלי בעהאַלטען אין קעשעני און זאָגען בשעת מעשה אַ ווערטיל מיט אַ פסוק: — היום הרת עולם — נאָר נישט געזאָרגט! אין דער הייליגער תורה שטעהט געשריבען: „והוא — און ער, דער מאַנן הייסט דאָס, יִכְשׁוֹל — זאָל טהון טהאָן געוועלטיגען, בָּךְ — אָן דיר״ איז פאַרפאַלען! עס מעגען קומען כָּל מַלְכֵי מזרח ומערב, וועט זיך זיי ניט העלפען!...

וַיְהִי הַיּוֹם — טרעפט זיך אַ מעשה: ציפּה־ביילה־רייזה

קומט צוגעהן איין מאל זומטער מיט'ן קאָשעק פונם מאַרק, טהוט אַ שטיין דאס בינטעל קנאָבעל מיט'ן ביסעל פעטרישקע מיט די קאַרטאָפֿלים וואס זי האָט איינגעקויפֿט, און רופֿט זיך אָן מיט כּעס:

— לאָז דאָס געהן אין דער ערד אריין! שוין נמאס ומאס געוואָרען אַלע טאָג, אַלע טאָג זיך ברעכֿען דעם מח, צו טראַכֿטען וואָס קאָכט מען וואָרעמעס. מע באַדאַרף האָבען אַ קאָפּ פֿון אַ מיניסטער! ווידער אַמאָל טייגליך מיט פֿאַסאָלים און אָבער אַמאָל טייגליך מיט פֿאַסאָלים, גאָט זאָל ניט שטראָפֿען פֿאַר די רייד! אָט למשל נחמה ברכה, אַזאַ קבצנטע, אַזאַ ענייטע, אַזאַ אֶביונטע, אַזאַ דלפֿונטע, בעדאַרף זי האָבען אַ ציג! פֿאַר וואָס? ווארום זי האָט אַ מאַנן לייזר-שלמה, טאקי אַ שניידער, נאָר פֿאָרט אַ מענש! אַ קלייניגקייט אַ ציג? פֿאַראַן אַ ציג אין שטוב, איז פֿאַראַן אַ גלעזיל מילך פֿאַר די קינדער; מע קאָן אָפּקאָכֿען אַ מאָל אַ קאַשע מיט מילך, אָפּשטופּען אַ וואָרעמעס, יוצא זיין מיט אַ וועטשערע, אַ מאָל אַ קריגעל פּידסמעטענע, אַ שטיקעל קעז און פּוטער — אַ היות!

— ביזט נעבאָך אַוודאי וואָהר געוועזן — מאַכֿט שמעון אֶלי נעלאַסען — פֿאַראַן אַ מדרש: כל ישראל יש להם חלק — איטליכער יוד בעדאַרף האָבען אַ ציג, כּכּתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען אַסקאַקורדע...

— וואס טויג מיר דיין פּסוק — צעשרייט זיך ציפּה ביילה רייזה — איך זאָג אַ ציג, זאָגט ער גאָר אַ פּסוק! מיר דאַכֿט, אַז איך וועל דיר געבען אַ פּסוק, וועט דיר ווערען פּסוקדיג אין די אויגען! מיט פּסוקים נאָר האָדעוועט ער מיך דער שענער ברויט־געבער מיינער, דער שלים־מזל! הערסט דו? איך וועל דיר די גאַנצע תורה דיינע אוועקגעבען פֿאַר איין באָרשטש אַ מילכיגען!...

וכדומה נאָך אַ זעלכֿע מינים „אָנצוהערינעשין" האָט איהם געגעבען ציפּה ביילה רייזה עטליכֿע מאָל אין טאָג, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט ביז שמעון אֶלי האָט איהר צוגעזאָגט און געגעבען האַנט תקיעת־כּף, אַז זי טעג שלאָפֿען רוהיג, עס וועט שוין זיין

מיט גאָטס הילף אַ ציג; דער עיקר בטחון, „היום הרת עולם — גאָר נישט געזאָרגט!״ ...

פון דעמאָלט אָן האָט שמעון אֶלי אָנגעהויבען קלויבען אַ גראָשען אונ אַ גראָשען, ער האט זיך אָפּגעזאָגט פון אַ סך נייטיגע זאַכען, פאַרמַשְׁכֻּנְט די שבתדיגע קאַפּאָטע אויף אויסצאָהלען וואָכגעלד, אונ צענויפגעשלאָגען זיך עטליכע קערבליך, אונ ס׳איז געבליבען, אַז ער נעמט די מְמֻתָּקים אונ געהט זיך דורך קיין קאָזאָדראָיעווקע קויפען אַ ציג. וואס עפּיס קיין קאָזאָדראָיעווקע? איז דערינען געווען צוויי טעמים: ראשית איז קאָזאָדראָיעווקע איין ערטיל פון ציגען, וואָס דער נאָמען אַליין בעווייזט שוין דערויף: קאָזאָדראָיעווקע איבערגעזעצט אויף יודיש קומט אויס „ציגמעלקענדיגע״; והשנית האָט ציפּהביילה רייזה געהערט דערצעהלען פון איהרע אַ שְׁכֵנה, וואָס זי רעדט ניט מיט איהר שוין פון עטליכע יאָהר, אַז יענע האָט געהערט פון איהר שוועסטער, וואָס איז ניט לאַנג געווען ביי איהר צו גאַסט פון קאָזאָדראָיעווקע, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ יוד אַ מלמד, רופט מען איהם חַיִים חַנָה דער קלוגער בלשון סַגי נָהוֹר, דערפאַר וואס ער איז אַ גרויסער שוטה; האָט דער חיים חנה דער קלוגער אַ ווייב, רופט מען זי טעמע גיטיל די שטילשוויינענדיגע, דערפאַר וואָס זי האָט אין זיך נייען מאָס רייד; האט די טעמע גיטיל די שטילשוויינענדיגע צוויי ציגען, אונביידע מעלקען זיך. פרעגט זיך אַ קשיה: פאַר וואָס קומט איהר צוויי ציגען אונ נאָך מעלקענדיגע דערצו? אַ גרויסער אומגליק וואָלט געווען כלעבען זי זאָל ניט האָבען איינע אפילו! פאַראַן ברוך השם יודען וואָס פאַרמאָגען ניט קיין האַלבע ציג אפילו, נו אם כן שטאַרבען זיי דענן?

— ביזט זעהר גערעכט — זאָגט שמעון אֶלי צו זיין ווייב — הערסט דו, דאָס איז שוין איין אַלטע טענה, ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אַסקאַקורדע, דְבאַרבאַנטע ...

— שוין! ער איז שוין ווידער דאָ מיט זיין פסוק! — שלאָגט איהם איבער זיין ווייב — מע רעדט פון אַ ציג קומט ער מיט אַ פסוק! דו געה זיך דורך בעסער אַהינצו צום

קאזאדאיעווקער מלמד און זאג איהם אזוי און אזוי, מיר האבען געהערט אז ס'איז ביי אייך פאראן צוויי ציגען און ביידע מעלקען זיך, וואס בעדארפט איהר צוויי מעלקענדיגע ציגען? אויף כפרות? ווילט איהר דאך מסתמא איינע פון זיי פארקויפען? פארקויפט זי מיר! וואס וועט אייך ארען?... אזוי טאקי זאלסט דו מיט זיי רעדען, דו פערשטעהסט?

— איך פערשטעה, וואס דענן. איך פערשטעה ניט? — זאגט שמעון אלי — פאר מיין געלד בעדארף איך זיך נאך בעטען? פאר געלד קריגט מען אלץ אין דער וועלט, כסף וזהב מטהר חזרים. שלעכט איז נאר, זעהסט דו, אז ס'איז חלילה נישטא די מטבע, דעמאלט איז עני חשוב כמת, מאכט רש"י: ניטא פאפע גע ליולי, אדער ווי מע זאגט: אהן פינגער קאן מען קיין פייג ניט שטעלען. ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: אסקאקורדע, דבארבאנטע, דפארשמאכטע...

— ווידער א מאל א פסוק און אבער א מאל א פסוק! עס פסוקט מיר שוין אין קאפ! איי געזונקען זאלסט דו ווערען! — זאגט צו איהם ציפה ביילה רייזה און בעגראבט איהם נייען איילען אין דער ערד, און טייטשט מיט איהם איין א מאל הונדערט, אז ער זאל זיך פריהער פרובען ביי זלמן בער דעם מלמד, טאמער וועט דאס געהן. אי וואס, טאמער וויל יענער ניט? פאר וואס זאל ער ניט וועלען? פאר וואס קומט איהם צוויי ציגען און נאך מעלקענדיגע דערצו? פאראן ברוך השם יודען אויף דער וועלט וואס פארמאגען ניט קיין האלבע ציג אפילו, נו אם כן? שטארבען זיי דענן?...

און אזוי ווייטער, אלץ די אייגענע טענות.

קאפיטעל ב.

הבוקר אור — ס'איז נאר טאג געווארען האט זיך אונזער שניידער געפעדערט, אויפגעשטאנען און אפגעדאווענט, גענומען

מיט זיך דאָס שטעקיל מיט'ן גארטעל און איז צוועק אין וועג אריין בְּשָׁלוֹם צוֹפִים.

גענוען איז דאָס זונטאג אין אַ שענעם, ליכטיגען, לויטערען, ווארעמען זומערטאָג. שוין לאַנג געדענקט נישט שמעון אֶלי אַזא איין אויסגעצייכענטען, אויסגעשפּיעלטען טאָג. שוין לאַנג איז שמעון אֶלי נישט גענוען אין פעלד אויף דער פרייע"ר לופט. שוין לאַנג האָבען זיינע אויגען נישט געזעהען פאר זיך אַזא איין אויסגעצוואָגענעם גרינעם וואַלד, אַזא שענע גרינע קאָלדרע, וואו דאָס פעלד איז בעשאָטען מיט אַלערליי קאָלירענדיגע שפּריינקעליך. שוין לאַנג האָבען זיינע אויערען נישט געהערט אַ פּישטשען פון פייגעליך, אַ פלאַטערען פון קליינע פערחליך. שוין לאַנג האָט זיין נאָז נישט געשמעקט אַזא געשמאַקען רֵיחַ פון גרין גראָז, פון רויהער ערד. שמעון אֶלי שמעקולנו האָט פערבראַכט כל ימיו אין איין אַנדער וועלט; זיינע אויגען האָבען געזעהען פאר זיך תמיד אַנדערע בילדער: אַ פינסטערע גרוב, ביי דער טיר איין אויבען, קאָטשערעס מיט לאָפּעטעס, און אַ פּאָמעניצע אַ פולע ווי איין אויג; ביים אויבען ביי דער פּאָמעניצע אַ בעט פון דריי ברעטליך; אויפ'ן בעט קינדערליך אַ סך, קיין עין הרע, איינס קלענער פונם אַנדערען, האַלב נאַקעטע, גאַנץ באָרפּיסע, נישט קיין געצוואָגענע, שטענדיג הונגעריגע... זיינע אויערען האָבען געהערט פאר זיך שטענדיג אַנדערע קולות: „מאַמע, ברויט! מאַמע, בולקע! מאַמע, עסען"!... און איבער אַלע קולות אַ קול פון ציפה ביילה רייזה: „עסען? גיט עסען זאָלען אייך ווערעם, ליבער גאָט, אינאיינעם מיט'ן טאַטען אייערען דעם שלים-מזל! פאַרחאַפּט זאָלט איהר ניט ווערען, רבונו של עולם, מיט איהם אינאיינעם"!... וכדומה אַזעלכע זיסע קולות. זיין נאָז איז געוואוינט גענוען צו אַנדערע יחוֹת: אַ רֵיחַ פון נאַסע ווענט, וואָס ווינטער נעצען זיי און זומער שימלען זיי; אַ ריח פון זויערטייג מיט קלייען, פון ציבעלעס און פון קרויט, פון גרויע ליים, פון געשאַבענע פישליך און פון קישקעליך; אַ ריח פון אַלטע בגדים, וואָס זאָגען זיך הערען אונטערען הייסען פרעסיל מיט אַ גע"עכטער

בּאַרע און מיט אַ מאָדנעם טשאַד...

אַרויסגעריסען זיך אויף אַ ווײַלע פֿון יענער אָרעמער וויסטער פֿינסטערער וועלט אויף דער דאָזיגער נייער, פֿרייער, ליכטיגער, שמעקענדיגער שײַן, האָט זיך אונזער שמעון אֶלי געפֿיהלט ווי אַ מענש וואָס איז אין אַ הייסען זומערטאָג אַרײַנגעשפּרונגען אַ נאַקיטער אין יַם אַרײַן; דאָס וואַסער טראָגט איהם, די חוואַלים שלאָגען איהם, ער טוקט זיך, ער טוקט זיך, ער ציהט אין זיך די לופֿט מיט דער פֿולער ברוסט — ס'איז מחַיה נפָשות, ממש אַ גן־עֵדן!...

— למשל, וואָס וואָלט גאָט געאַרט — קלעהרט זיך שמעון אֶלי — וואס וואלט גאט געאַרט ווען איטליכער בעל מלאכה אַ שטייגער זאָל זיך קאָנען אַלע טאָג, לאָז זיין חאָטש אֵיין מאָל אין דער וואָך, אַרויסגעהן אַהערצו צו, אויפ'ן פֿרייען פֿעלד, אַ ביסעל געניס'ען פֿון גאָטס וועלטעל? אַי אַ וועלטיל אַ וועלטיל!...

אינ שמעון אֶלי הויבט אָן אונטערזינגען און פֿערטייטשען אויף זיין שטייגער: „אַתָּה יָצַרְתָּ — דו האָסט, גאָט, באַשאַפֿען, עולָמְךָ — דיין וועלטיל, מִקֶּדֶם — אויף יענער זייט שטאדט; בְּחַרְתָּ בָּנוּ — האָסט אונז אויסדערוועהלט, די יודעליך, מיר זאָלען זיצען דאָרטען אין זלאָדייעווקי אין דעם איינגשאַפּט, קאָפּ־אויף־קאָפּ, אין אַ דערשטיקעניש; וַתִּתֶּן לָנוּ — און דו האסט אונז געטהון געבען... אוי צָרות האסט דו אונז געגעבען מיט וויטיגען, מיט דַלות, קדחת מיט רביעית האָסט דו אונז געגעבען, בְּרַחֲמֶיךָ הָרַבִּים־בים־בים־בים!“

אַזוי זינגט זיך שמעון אֶלי שטילערהייד אונטער דער נאָז, און עס גליסט זיך איהם אַ וואָרף טהון זיך דא ווי ער שטעהט און געהט אין פֿעלד אויפ'ן גרינעם גראָז, חאָטש אַ ביסעלי געניסען פון גאָטס וועלטיל, דערמאַנט ער זיך אַז ער האָט אַיין אַרבייט און זאָגט צו זיך אַליין: „עד כאן אומרים בשבת הגדול — געמוג, שמעון אֶלי, צו זינגען, הָלך לעולָמו — שפּאַן, ברודער, שפּאַן! אָפּרוהען וועסט דו זיך שוין אם ירצה השם אין דער דעמבענער קרעטשמע, דאָרט האסט דו אַ שטיקעל שְׁאֵר בְּשָׂרִי דאָדי רענדאַר; דאָרט קריגט מען צו יעדער צייט אַ ביסעל

טשקה, ווי אין פסוק שטעהט: „ותלמוד תורה כנגד כלם — א ביסעל מהכתיתי איז בילכער פון אלץ"... אונ שטען אלי טשינקלנו שפאנט ווייטער.

קאפיטל ג.

באמצע הדרך – פונקט אין דער מיט וועג, צווישען די צוויי שטעדט זלאדייעווקע אונ קאזאראיעווקע שטעהט א פעלד־קרעטשמע, וואס מע רופט זי די „דעמבענע". די דאזיגע קרעטשמע האט אין זיך א כח, עפים נאר א מאגניט, וואס זי ציהט צו זיך אלע בעלי עגלות מיט אלע פארשוינען, סאי די וואס פאהרען פון זלאדייעווקע קיין קאזאראיעווקע, סאי די וואס פאהרען פון קאזאראיעווקע קיין זלאדייעווקע — מע מוז זיך אפשטעלען אין דער „דעמבענער" חאטש אויף עטליכע מינוט! קיינער ווייסט ניט דעם סוד דערפון נאך עד היום. א טייל זאגען אז ס'איז דערפאר, ווייל דער בעל־הבית פון דער קרעטשמע, דאדי דער רענדאר, איז זעהר א ליבליכער פארשוין אונ א גרויסער מכנים אורח, דאס הייסט פאר געלט האט איהר געקאנט קריגען דארטען תמיד א רעכט גלעזיל משקה מיט די שענסטע פארבייסען, אונ א טייל זאגען אז ס'איז דערפאר, ווייל דאדי איז געוועזען פון יענער חברה, וואס מע רופט זיי „טרעפערס", אדער „נביאים", וואס אליין האנדלען זיי נישט מיט קיין גנבות, נאר זיי קעהרען זיך אן מיט אלע בעריהמטע גנבים א נאהינטער רב שמעלקע... אונ מחמת קיינער ווייסט דאס נישט פאר קלאהר, לכן בעדארף מען מאכען דערפון א שוויג...

דאדי איז געוועזען א יוד א מוכסן, א גראבער, א האריגער, מיט א גרויסען בויך אונ מיט א בולבעוואטע נאז, אונ א קול האט ער געהאט פון א שור־הבר. איהם איז אפגעגאנגען ווי מע זאגט קאזוועהטיג; פרנסה האט ער געהאט מיט'ן פולען טויל, בהמות עטליכע, אויף דער עלטער געבליבען איין אלכן אוין

געווען אַ ליידיגער מענש, אַ גראָבער נפש, אַ סליחה און אַ הגדה און אַ בענטשעריל איז ביי איהם געווען אַלץ איינס, און דער־פאַר פלעג זיך מיט איהם שמעון אֶלי דער שניידער שעמען: ס'איז איהם ניט אָנגעשטאַנען די מעשה, וואָס ער, שמעון אֶלי, אַ יורע נגן און גבאי אין שולכען, זאָל האָבען אַ מוכסן, אײן עם הארץ פאַר אַ קרוב... און דאָדי פון זיין זייט פלעג זיך שעמען וואָס ער האָט אַ „שניידער אַ פאַלגע" פאַר אַ קרוב... זי האָבען זיך געשעמט איינער מיט'ן אַנדערען. פון דעסט־וועגען אַז דאָדי האָט דערזעהען שמעון אֶלין האָט ער איהם אָפּגעגעבען אַ גאַנץ ברייטען ברוך הבא, מחמת דאָדי דער רענדאַר האָט פשוט מורא געהאַט, ניט אַזוי פאַר'ן קרוב אַליין, ווי פאַר'ן קרוב'ס פיסק.

— אָ, אַ גאַכט. אַ גזימט! וואָס מאַכט עפּיס אַ יוד שמעון אֶלי, וואָס מאַכט עפּיס דיין ציפּה ביילה רייזה? וואָס מאַכען עפּיס דיינע קינדער?

— עט, מה אָנו מה חיינו, וואָס זאָלען מיר מאַכען? — האָט איהם דער שניידער געענטפערט מיט אַ פּסוק, ווי זיין שטייגער איז, — מי ברעש ומי במגפה — אַמאָל אַזוי, אַמאָל אַזוי, אַבי מע איז געזונד, ככתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבען: אַסקאַקורדע רבאַרבאַנטע דפאַרשמאַכטע דקאַרנאָסע...

וואס מאַכט איהר עפּים, מיין טהייערער קרוב? וואָס הערט זיך עפּים ביי אַייך אין דאָרף? זָכַרְנוּ אֶת הַדָּגָה — איך געדענק נאָך אַייערע וואַרעניקעס פון פאַראַיאָהרען מיט'ן ביסעל משקה. דאָס איז דאָך ביי אַייך דער עיקר. אַריינקוקען אין אַ ספר האָט איהר דאָך פיינט. לָמָּה רָגְשׁוּ גוים — וואָס טויג אַייך אַ יודיש וואָרט? ע, רב דאָדי, רב דאָדי! ווען דער טאַטע אַייערער, דער פעטער גדליה־וואָלף עליו השלום, זאָל איצטער אויפשטעהן און אַ קוק טהון אויף זיין דאָדיקען, ווי ער זיצט דאָס אַ ביסעל אין דאָרף צווישען אַללע גוים להבדיל, וואָלט ער נאָך אַ מאָל איבעראַניים געשטאָרבען. אַ האָט איהר געהאַט אַ טאַטען, רב דאָדי! געווען אַ כשרער יוד, לאָז ער מיר מוחל זיין, ער פלעג טרינקען פון אַ פינסטערער כּלי... הקצור „אַין

לך אָדם שאין לו פעקיל״, פון וואָס מע זאָל ניט רעדען אויפ׳ן טווירט מוז מען אַרויף... גיט שוין אַהער אַ ביסעל בראָנפען, ווי דער תּנא רב־פּימפּאָם זאָגט: „קאַפּאָטע בְּמַשְׁכַּנְתָּא שוויינקייך בְּגְרוֹנָם — פאַרזעץ די קאַפּאָטע און נעם אַ ביסעל בראָנפען״...

— שוין? דו האָסט שוין אָנגעהויבען מיט דיין לאָקשען־קוילעטש? — מאַכט דאָדי און טראָגט איהם אונטער אַ ביסעל בראָנפען — דו זאָג בעסער, שמעון אֶלי, וואָהין פאָהרט דאָס אַ יוד?

— אַ יוד פאָהרט ניט, — זאָגט שמעון אֶלי, און מאַכט אַ כוסה — אַ יוד געהט צו פוס, ווי מיר זאָגען אין הלל: „רגליהם ולא יהלכו — האָסט פיס ביזט דו ניט קראַנק צו שפאַנען״...

— אויב אַזוי — מאַכט דאָדי — זאָג זשע מיר, סערדצע, וואָהין שפאַנט אַ יוד?

— אַ יוד שפאַנט — זאגט שמעון אֶלי און מאַכט נאָך אַ כוסה — קיין קאָזאָראָיעווקע שפאַנט ער, האַנדלען ציגען, ככתוב ווי אין פסוק שטעהט געשריבען: עִזים תּעשה לךָ — ציגען זאָלסט דו קויפען...

— ציגען? — פרעגט איהם דאָדי פערחִדושט — וואו קומט אַ יוד אַ שניידער האַנדלען מיט ציגען?

— עס רעדט זיך אַזוי ציגען — מאַכט שמעון אֶלי — מיינען מיין איך אַ ציג, טאָמער ועט מיר גאָטט צושיקען הייסט דאָס אַ ציג אַ רעכטע, נישט טהייער, דאָס הייסט איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; נאָר מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּה ביילה רייזה הייסט דאָס, איהר קאָנט דאָך זי, אַז זי שפאַרט זיך איין! זי האָט זיך פאַרעקשענט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הַכצעקתה — זי וויל אַ ציג! און אַ ווייב זאָגט איהר דאָך בעדאַרף מען פאָלגען, דאס איז דאָך אַ בפירושער „מדרש פליאָה״ האָ? איהר געדענקט דעם „מדרש פליאָה״?

— אין די זאַכען — זאָגט דאָדי — ווייסט דו שוין בעסער פון מיר; דו ווייסט דאָך אַז איך בין מיט...מיט... מדרש

אַ קנאַפּער מחותּן!... איך פֿערשטעה ניט, מיין טהייערער קרוב, נאָר איין זאַך: ווי קוממט דו זיין אַ מבין אויף ציגען?

— וואָס טיבע יוצר המאורות! — זאָגט שמעון אֵלי שוין מיט פּערדראָס — ווי קוממט אַ רענדאַר זיין אַ מבין אויף אַ סדילקיוועֶר סליחה? פון דעסטוועגען קוממט פּסח צום סֵדֶר קלאַפּט איהר מיט נאָמס הילף דעם ריינעם „בָּרְכִי נַפְשִׁי" אונ זאָגט „זה כפּרתי זה חליפתי", ווי עס געהער צו זיין... וואָס? אָפּשר ניט אַזוי?...

דאָרי דער רענדאַר האָט פֿערשטאַנען דעם שטאָך; ער האָט פֿערביסען אַ ליפּ אונ האָט זיך געטראַכט: „וואַרט, וואַרט, דו שניידערוק, דו פּאַלגע, ביזט מיר עפּיס היינט צו גייציג, אונ דו בעווייזט זיך מיר היינט צו פֿיעל אַרוים מיט דיין תּורה! וועסט שוין ביי מיר האבען אַ ציג, וועסט זיך קראַצען!"... אונ שמעון אֵלי האָט זיך געהייסען אָנגיסען נאָך אַ מאָל פון יענעם „ביטערען טראָפּען", וואס איז אַ רפואה צו אַלע צרות"!...

פֿון דעם אֶמת קאָן מען ניט אַוועקגעהן, שמעון אֵלי האָט ליעב געהאַט אַ ביסעל בראָנפֿען, נאָר קיין שכּור איז ער נישט געווען, חס וחלילה! ווען האָט ער דענן געהאַט אויף אַ טרונק בראָנפֿען?... איין חסרון האָט ער נאָר געהאַט, וואָס קוים האָט ער גענומען אַ ביסעל בראָנפֿען, אַזוי האָט ער באַלד גלייך נעמען נאָך איין ביסעל, אונ פֿון אַזעלכע צוויי ביסלעך, פֿלעג ער שוין ווערען מבושׂמדיג — פֿריילּיך, די בעקליך רויטליך, די אויגעליך — מיט אַ גלאַנץ, אונ די צונג — די צונג האָט זיך ביי איהם אויף־געבונדען אונ געקלונגען אָהן אַ איין אויפהער.

— אַקעגען דעם וואָס איהר זאָגט „צעך" — מאַכט שמעון אֵלי — „צעך", שער אונ אייזען אונזער פֿאָלק עַמְּךָ האָט אין זיך אַ מעלה וואָס אימליכער האָט ליעב כּבוד, זיין כּבוד איז דאָך זאָגט איהר לעבער... אַ ליאָדע שוסטעריל וואָלט אַ בעלן געווען זיין גבאי ראשון חאָטש איבער אַ פּאָטיניצע... זאָג איך

צו זיי: ברידערליך, קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים, איך דאַרף עס אויף כפרות, קלויבט אייך אוים אַ שוסטער פאַר אַ גבאי; לֹא מְעוּקְצָךְ וְלֹא מְדוּקְצָךְ — איך בין אייך מוחל דעם כבוד, איך וויל ניט קיין פעטש!... זאָגען זיי: בלאָטע! אַז צעך טהוט אָפּ איז פאַרפאַלען!... זאָג איך: עס קומט אוים ווי אין פסוק שטעהט: „שְׁמָלְךָ לְךָ קָצִין תִּהְיֶה לָּנוּ — פעטש זאָלסט דו האָבּען אונ גבאי זאָלסט דו זיין... נאָר שאַ, איך האָב מיך אַ ביסעל פאַררעדט, אונ האָב גאָר פאַרגעסען אַז איך האָב אויף זיך אַ ציג. עוד הַיּוֹם גָּדוֹל — דער טאָג שטעהט ניט! אַ גוטען טאָג רב דאָדי, חִזַק, חִזַק וְנִתְחַזֵּק — זייט מיר געזונד אונ שטאַרק אונ מאַכט וואַרעניקעס!

— פאַר געם זשע ניט — מאַכט צו איהם דער רענדאַר — אם יִרְצֶה השם צוריק וועגס, אַז גאָט וועט שיינקען דאָס לעבען, לְמַעַן הַשֵּׁם זיך אָפּשטעלען ביי מיר!

— אם ירצה השם, אם ירצה השם, בלי נדר מַסְקָנָא — זאָגט שמעון אֶלי — אַוַדַאי, ווי דען איז אַנדערש? מע איז דאָך נישט מעהר ווי אַ „בָּשָׂר ודאָם", ווי זאָגט איהר: „אָדם אַ מענש, צִפּוֹר אַ פייגיל, קאַטשקע ריק זיך"... איהר גרייט נאָר צו, רב דאָדי, אַ רעכט ביסעל משקה מיט פאַרבייסען, דאָס הייסט מאָהריטש, ווי אונז שטעהט אָן — אונזער פאָלק שער אונ אייזען עִמָּךְ!

קאַפּיטעל ד.

וַיֵּצֵא שִׁמְעוֹן אֵלִיָּהוּ מִדְּעמְבִּינֶע — אונ שמעון אֶלי שמעקולט איז אַרויסגעגאַנגען פון דער דעמבענער קרעטשמע, בִּגְלוּפִין, גאַנץ פריילֹיך, וַיָּבֹא — אונ ער איז געקומען בְּשָׁלוֹם — געזונט דערהייד קיין קאָזאָדאָיעווקע. אַז ער איז געקומען קיין קאָזאָדאָיעווקע, האָט ער זיך אָנגעדריבען צו פרעגען, וואו וויצט ...א ערגיץ רב היים חנה דער קלוגער, וואס האט א ווייב

טעמע־גיטיל, די שטילשווייגעדיגע מיט צוויי מעלקענדיגע ציגען? נאָר לאַנג נאָכפרעגען זיך האָט ער נישט בעדאַרפט, וואָרום דאָס שטעדטיל קאָזאָדאָיעווקע איז נישט אַזאַ כְּרַך פון די כְּרַכֵּי הַיָם, וואָס מע זאָל דאָרט'ן קאָנען חָלילה פאַרבלאָנזעט ווערען; דאָס גאַנצע שטעדטיל ליגט פאַר די אויגען ווי אויף אַ טעלער: אָט זענען די יאַטקעס מיט די קַצָבים, מיט די העקערס און מיט די יאַטקע־הינט; אָט איז דער מאַרק, וואו ווייבער דרעהען זיך אַרום אין זאָקען פון איין גוֹיָה צו דער אַנדערע, טאַפּען פלע איין האָהן:

— טְשו עֹש, טְשוּ עֹש! אַ שאָ טאָבי זאַ קורקע? ׳

— יאַקאַ קורקאַ — צע פיוועןן אַ נע קורקא!

— נע ־יי באודע פיוועןן! אַ שאָ טאָבי זאַ קורקע? *)

אָט נאָך צוויי שפאַן איז דער „שולהויף", וואו אַלטע ווייבער זיצען איבער מילטערליך און פאַרקויפען באַרליך, סעמעטשקים און בעבליך; וואו מלמדים קנעלען, קינדער שרייען; און ציגען, ציגען אָהן אַ שִׁעור, שפרינגען, שלעפען שטרוי פון די דעכער; אָדער זיי זיצען אויף דער ערד מיט די אויס־געגלעטע בערדליך, וואַרעמען זיך אַקעגען דער זונן און מַעֲלֶה גֵרָהן; און אָט איז שוין די באָד מיט די שווארצע פערדייבערטע ווענט; אָט איז דער טייך וואָס אויבען איז ער בעדעקט מיט גרינעס, ווי מיט סְכַך, פול מיט פיאַווקעס און מיט זשאַבעס וואָס קוואַקען; דער טייך שיינט אַקעגען דער זונן, בלישטשעט ווי מיט דימאַנטען און שטינקט מיט סכנות נְפָשות... און דאָרט אויף יענער זייט טייך איז ניטא גאָרנישט, אַ חוץ ערד און הימעל — אויס קאָזאָדאָיעווקע!

אַז דער שניידער איז אַריינגעקומען צו רב חיים חנה דעם קלוגען, האָט ער איהם געטראָפען ביי דער אַרבייט, וואו ער איז געזעסען מיט'ן גרויסען טלית־קטן און מיט דער שפיציגער

---

*) — הער נאָר, הער נאָר, וואָס ווילסט דו פֿאַר דער הוהן?
— וואָסער הוהן? ס'איז ניט קיין הוהן, ס'איז אַ האָהן!
— לאָז זיין אַ האָהן! וואָס ווילסט דו פאַר דער הוהן?..

יארמעלקע איבער דער גמרא און האט געלערענט מיט די תלמידים מיט א ניגון אויף קולי קולות די גמרא בבא קמא: „ההוא כרחא די דאזיגע ציג, וואס זי האט דער־זעהען אמין עסענוואַרג פון אויבען אויפ׳ן פעסיל, האט זיך די ציג צוגעחאפט צום עסענוואַרג”...

— צפרא טבא למאריה דחיטה דקופא דמחטא! — רופט זיך אן שמעון אלי שמעקולנו אויף תרגום לשון און זעצט דאס באלד איבער אויף פראסט יודיש: א גוטער מארגען זאל זיך אריינחאפען, רבי, צו אייך און צו אייערע תלמידים! איהר האלט מיט זיי, הער איך, סאמע ביי אזא ענין וואס איך אליין טאקי האב מיך מטריח געווען אהער צו אייער זוגתי מרת טעמע־גיטיל, מכח א ציג הייסט דאס; דהיינו איך וואלט קיין ציג נישט געקויפט; נאר מיין ווייב זאל לעבען, ציפה־בילה־רייזה הייסט דאס, האט זיך איינגעשפארט, איין מאל פאר אלע מאל, הכצעקתה זי וויל א ציג! און א ווייב זאגט איהר דאך בעדארף מען פאלגען, ס׳איז דאך א בפירושע גמרא: אסקאקורדע ז׳בארבאנטע דפארשמאכטע דקארנאסע... וואס קוקט איהר מיך אן? אל תסתכל בגלעזעל אלא בפלעשיל, קוקט נישט דערויף וואס איך בין א יוד א בעל מלאכה, יגיע כפיך אשריך, מסתמא האט איהר געהארכט פון מיר, איך בין שמעון אלי חייט מק״ק זלאדיעווקע, חברה מאן אין צעך און גבאי אין שילכען, חאטש איך דארף עס אויף כפרות, לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אייך מוחל, זאג איך צו זיי, דעם כבוד און איך וויל נים קיין פעטש! זאגען זיי: בלאטע! אז צעך טהוט אפ איז פארפאלען; שמלך לך קצין תהי לנו — פעטש זאלסט דו חאפען און גבאי זאלסט דו זיין!... איך האב מיך א ביסעל פארערדט און שעור נים פארגעסען אייך אפגעבען שלום; שלום עליכם אייך, רבי! שלום עליכם אייך קינדער, צאן קדשים, שקצים ורמשים, קונדייסים, עכברושים; סע זאל זיך אייך צוי וועלען

טאַנצען ווי איהר ווילט לערנען, — אָבער אִיאָ איך האָב געטראָפען ? . . .

דערהערט אַזעלכע דבּורים, האָבען חברה תּלמידים אָנגע־הויבען קנייפּען איינס דאָס אַנדערע אונטערען טיש און שיסען מיט די נעזער ; זיי זענען דווקא געווען העכסט צופריעדען מיט'ן גאַסט ; זיי וואָלטען זיך מחַיֶה געווען, אַז גאָט זאָל זיי צו־שיקען אָפט אַזעלכע געסט . נאָר חיים חנה דער קלוגער איז ניט געווען צופריעדען ; ער האָט פיינט געהאַט מע זאָל איהם איבערשלאָגען אין מיטען , האָט ער אַריינגערופען זיין ווייב טעמע גיטיל און האָט זיך אומגעקעהרט צוריק מיט זיינע תּלמידים צו דער ציג , וואָס זי האָט זיך צוגעהאַפּט צום עסענוואַרג און מע האָט געזונגען אויף אַ קול : „חַיְיבָא רָבָא — האָט רָבָא געפּסקינט אַז זי דאַרף באַצאָהלען פאַר'ן עסענוואַרג און פאַר'ן פעסיל דעם גאַנצען הֶיזק" . . .

שמעון אֶלי שמעקולנו האָט אַרויסגעזעהען אַז מיט'ן מלמד האָט ער נישט וואָס צו רעדען , האָט ער זיך גענומען צו דער מלמדקע , און בשעת דער מלמד האָט דאָ געלערענט מיט זיינע תּלמידים מכּח דער ציג פון דער גמרא , האָט שמעון אֶלי דער שניידער געהאַלטען אַ שמועס מיט טעמע־גיטיל די מלמדקע מכּח איהר ציג .

— איך בין ווי איהר זעהט מיך אַ יוד אַ בעל מלאכה — האָט צו איהר געזאָגט שמעון אֶלי דער שניידער — אפשר האָט איהר געהאָרכט פון מיר, איך בין שמעון אֶלי חיים מק"ק זלאָדייעווקע, חברה מאַן אין צעך און גבּאי אין שניידערשען שולכען. חאָטש איך דאַרף דאָס אויף כּפּרות ! לא מעוקצך ולא מדוקצך — איך בין אַייך מוחל , זאָג איך , די פעטש , איך וויל ניט קיין כּבוד ! . . . געקומען בין איך הייסט דאָס צו אַייך טאַקי מכּח איינע פון אַייערע צִיגען, דאָס הייסט איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבען , ציפּה ביילה רייזה הייסט דאָס , האָט זיך איינגעשפּאַרט הבּצעקתה — איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ציג ! און אַ ווייב

זאָגט איהר דאָך בעדאַרף מען פאָלגען, ס'איז אַ בפירושע גמרא...

טעמע ניטיל, אַ קליין ווייבעלי מיט אַ נעזיל ווי אַ פאַסאָלי, וואָס זי טהוט דאָס אַלע מאָל אַ וויש מיט צוויי פינגער, האָט איהם אויסגעהערט אַ ביסעל, און באַלד איבערגעשלאָגען אין מיטען:

— זענט איהר געקומען הייסט דאָס צו מיר, אָפּהאַנדלען ביי מיר איינע פון מיינע ציגען? וועל איך אייך זאָגען אַזוי, מיין ליבער יוד: ערשטענס האַלט איך ניט ביי פאַרקויפען קיין ציג, וואָרים לאָמיר זיך ניט נאַרען צו וואָס זאָל איך דאָס טהון? צו ליעב געלד? וואָס איז געלד? געלד איז קיילעכיג! געלד געהט אַוועק און אַ ציג בלייבט אַ ציג, ובפרט נאָך אַזאַ ציג! ס'איז דענן אַ ציג? אַ מאַמע, זאָג איך אייך, ניט קיין ציג! קיין עין הרע איהר גרינג מעלקען זיך! איהר מילך געבען! היינט איהר עסען וואָס זי עסט! זי עסט דענן עפּיס? איין מאָל אַ טאָג אַ „פילע" פון קלייען און דאָס איבעריגע שטרוי פונם דאַך פונם בית המדרש... נאָר גאָר נישט, אויב מע זאָל מיר בעצאָהלען אַ רעכטען מקח, בין איך מיך מישב, געלד איז ווי זאָגט איהר אַ יצר־הרע, פאַר געלד קאָן איך קויפען איין אַנדער ציג, חאָטש אזאַ ציג ווי מיין ציג איז שווער צו קריגען, ס'איז דענן אַ ציג? אַ מאַמע ניט קיין ציג... נאָר שאַ! וואָס טויג ווערטער? אָט פיהר איך אייך אַריין די ציג וועט איהר זעהען!...

און טעמע ניטיל לויפט אַוועק, פיהרט אַריין די ציג, און ווייזט אַ פול קריגעל מיט מילך, וואָס זי האָט ערשט היינט אָנגעמאָלקען.

דערזעהען מילך האָט זיך דער שניידער אַזש אָנגעהויבען באַלעקען, און רופט זיך אָן:

— זאָגט זשע מיר, מיין ליעבע יודינע, מה יקר? דאָס הייסט כמה מעלות טובות — וויפיל קאָנט איהר זיך הייסען אָנמעסטען פאַר אייער ציג אַ שטייגער? מחמת ווי באַלד נישט אין גלייכען געלד ווע, איך נישט קויפען; ווייסט איהר פאַר

וואָס ? ווייל ערשטענס בעדאַרף איך זי אויף כּ כּפּרות, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבען ציפּה ביילה רייזה, היסט דאָס האָט זיך אַיינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הכּצעק...

— וואָס איז שייך וויפיל ? — האַקט איהם איבער טעמע גיטיל אין מיטען דעם „הכּצעקתה" אונ טהוט אַ וויש דאָס נעזיל — זאָגט איהר אייער מקח, לאָמיר האַרבען! דאָס קאָן איך אייך זאָגען הערט איהר ? אַז וויפיל איהר וועט בעצאָהלען האַנדעלט איהר אַ מציאָה! ווייסט איהר פאַר וואָס ? וואָרום אַז איהר קויפט אַוועק ביי מיר די ציג האָט איהר אַ ציג...

— הערסט דו ! — שלאָגט איהר איבער דער שניידער אין מיטען — אָט דערפאַר וויל איך דאָך זי קויפען וואָס זי איז אַ ציג ניט קיין פּיפּערנאָטער, דאָס הייסט איך וואָלט קיין ציג גאָר נישט געקויפט, איך בעדאַרף זי אויף 99 כּפּרות, נאָר אַזוי ווי מיין ווייב זאָל לעבען ציפּה ביילה רייזה הייסט דאָס האָט זיך אַיינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הכּצעק...

— הערסט דו! — אָט דאָס זאָג איך דאָך ! — פאַלט איהם אַריין טעמע גיטיל אין די רעד אַריין אונ הויבט אָן ווידער אַמאָל אויסרעכענען די מעלות פון איהר ציג, לאָזט זי ניט דער שניידער אונ שלאָגט איהר איבער אין מיטען, אונ אַזוי שלאָגען זיי איבער איינס דאָס אַנדערע אַזוי לאַנג, ביז זייערע טענות גיסען זיך צענויף אינאיינעם, אונ עס קומט אויס אַ מישמאַש, אַ קאַשע מיט באָרשטש אונ מיט לאָקשען: „אַ ציג אַ מאַמע ניט קיין ציג... איך וואָלט קיין ציג נישט געקויפט... אַ „פּילע" פון קלייען... זי האָט זיך אַיינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל הכּצעקתה... געלד איז קיילעכדיג... אָהן עין הרע איהר גרינג מעלקען זיך... ציפּה ביילה רייזה הייכט דאָס... זי עסט דענן עפּים... איין מאָל פאַר אַלע מאָל הכּצעקתה... דאָס איבריגע שטרוי פונם דאַך פון בית־המדרש... אַ ווייב בעדאַרף מען פאָלגען... אַ ציג, אַ מאַמע ניט קיין ציג!"...

— טאָמער וואָלט שוין געווען גענוג אייך צו ציגען טאָמער ? — שלאָגט זיי איבער חיים חנה דער קלוגער אין

מיטען און דרעהט זיך אוים מיט'ן פנים צום ווייב — האסט דו געהערט א ביסעל? מע האלט אין מיטען איין ענין האלט מען, מכּח „נזיקין", און זיי ציג־ציג! ציג־ציג! ממה נפשך, אדער פארקויף זיי די ציג, אדער פארקויף זיי ניט די ציג. ציג־ציג! ציג־ציג! סע ציגט מיר שוין אין קאפ ציגט מיר!

— נערעכט — רופט זיך אן שמעון אלי — וואו תּורה דארט איז חכמה; ממה נפשך, וואס בעדארף מען דא לאנג רעדען? לי הכּסף ולי הזהב — מיין געלד אייער סחורה. זאגט שלשה דברים אוואָרט אינ צוויי און א מאריטש, ווי אין מחזיר שטעהט געשריבען: מחספּס מפצפּצים, איז דער פּשט...

— וואס טויג מיר אייער פּשט? איהר זאגט מיר בעסער וואס גיט איהר מיר פאר דער ציג? — מאכט טעמע גיטיל שטילערהייד, בייגט דך איין ווי א קעצעלי און טהוט א וויש די ליפּען הין און צוריק.

א משל כּחרס הנשבּר! — זאגט שמעון אלי אויך שטילערהייד — וואס הייסט איך זאל זאגען? וואס בין איך פאר א זאגער וואס? איך זעה אז ס'איז אל תּקשו לבבכם — ארויסגעווארפען מיין טרחה, איך וועל ביי אייך א פּנים היינט קיין ציג נישט קויפען! האט קיין פאראיבעל ניט וואס איך האב אייך דעקוטשעט!...

און שמעון אלי דרעהט זיך אוים מיט'ן פּנים צו דער טיר און האלט כּלומרשט ביי אוועקגעהן.

— זעהט נאר זעהט — מאכט טעמע גיטיל און טהוט איהם א נעם ביים ארבעל — וואס האט איהר אזוי קיין צייט ניט, דער טייך ברענט? ממה נפשך, עפּיס האט איהר דאך אנגעהויבען רעדען מכּח א ציג...

בקצור די מלמדקע האט געזאגט איהר מקח, דער שניידער האט געזאגט זיין מקח; זי האט אראפּגעווארפען, ער האט ארויפגעווארפען, א רענדיל אראפּ א רענדיל ארויף — מע האט זיך אויסגעגלייכט. שמעון אלי האט אויסגעצעהלט די מטבעות, גענומען די ציג אי'פ'ן גארטעל, טעמע גיטיל האט באשפּיגען דאס געלד וואס זי האט געליזט פאר דער ציג, צוגעווינשעוועט

דעם שניידער ס'זאָל זיין מיט מַזָל-בְּרָכָה, בשעת מעשה עפּיס געשעפּטשעט שטילערהייד און געקוקט אַלע מאָל אויפ'ן געלד און אויף דער ציג און האָט אַרויסבאַגלייט דעם שניידער מיט אַ סך בְּרָכוֹת:

— געהט געזונד, און זייט געזונד, און פֿאַרנוצט געזונד, און לאָז גאָט געבען זי זאָל זיין אַזוי ווי זי איז געווען ביז אַהער, ניט ערגער, בעסער האָט קיין שעור ניט, און זי זאָל זיך ביי אייך האַלטען און האַלטען, מעלקען און מעלקען, ניט אויפהערען זיך מעלקען!...

— אָמֵן גם אַתֶּם! — מאַכט דער שניידער, און וויל זיך לאָזען געהן צו דע' טיר, וויל די ציג נישט געהן, דרעהט מיט די הערנער, שפּאַרט זיך איין מיט די הינטערשטע פֿיסליך און מאַכט אויף אַ הילכיג קולכיל און ציקעלט זיך, ווי אַ יונג חַזָנדיל, וואָס געהט דעם ערשטען מאָל צום עָמוד: מֶ הֶ הֶ הֶ הֶ פְּשָׁעַי! וּמֶ הֶ הֶ הֶ הֶ חַטָאתִי!... ווי איינער רעדט: וואָהין שלעֶעֶפּט איהר מיך?...

דעמאָלט איז שוין אויפגעשטאַנען רב חיים חנה דער קלוגער מיט זיין כָּבוֹד און האָט מיט'ן קאַנטשיק אונטער-געהאָלפען אַרויספיהרען די ציג פון שטוב, און די חֶבְרָה תלמידים האָבען זי אונטערגעטריבען:

— היי, קאָזע! קאָזע! פּאַשאָל קאָזאַ!...

און דער שניידער איז אַוועק אין זיין וועג אַריין.

קאַפּיטעל ה.

וַהִתְמָאֵן — און זי האָט ניט געוואָלט, די ציג הייסט דאָס, געהן מיט'ן שניידער קיין זלאַדייעווקע, בשום אופן ואופן! זי האָט זיך געריסען צוריק אַהיים מיט אַלע כּחות! עס האָט איהר אָבער גאָר נישט געהאָלפען. שמעון אֶלי האָט זי געשלעפּט פאַר'ן גאַרטיל און האָט איהר גענעבען צו פֿערשטעהן, אַז

ס'איז ,אַרויסגעוואָרפֿען איהר דרעהען זיך און איהר בריקען זיך און איהר מעקען וואָס זי מעקעט. ער האָט צו איהר אַזוי געזאָגט:

— עס שטעהט ביי אונז: בַּעַל כָּרְחָךְ אַתָּה חַי — איבער־נויט שלעפּסט דו אויף זיך דעם גָלות, מעגסט יאָ וועלען ניט וועלען, מע פֿרעגט ביי דיר קיין עצות ניט. איך בין אויך אַמאָל ניט היינט געדאַכט געווען אַ פֿרייה פֿייגעלי, אַ בָּחור כַּהֲלָכָה — אַ פֿיינער, אַ יונג מיט אַ קאַמזויל און מיט סקריפּקעס, טשאַקענדיג און קנאַקענדיג; וואָס איז מיר אָפּגעגאַנגען? קאָפּוועהטיג? האָט גאָט געזאָגט: לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ — קריך שמעון אֶלי אין זאַק אַריין, האָב חתונה פֿאַר ציפּה ביילה רייזה'ן! האָב קינדער! ווער פֿערשוואַרצט אויף דיינע יאָהר און טעג! כִּי לְכַךְ נוצַרְתָּ — דערויף ביזט דו אַ שניידער!...

אזוי האָט שמעון אֶלי געטַענעט צו דער ציג און איז געגאַנגען געשווינד, כמעט געלאָפֿען. אַ וואַרעם ווינטיל האָט איהם צובלאָזען די פּאָלעס פֿון דער לאַסטיקענע געלאַטעטע קאַפּאָטע און האָט פֿאַרגַנְבֶהט זיך איהם אונטער די פֵּאות, און אַ גלעט געטהון איהם ביים בערדיל, צוגעטראָגען איהם צום נאָז אַ געשמאַקען רֵיחַ פֿון מיענטע, פֿון ראָמאַשקעס און פֿון אַנדערע פֿעלדבלומען און קרייטער, וואָס האָבען אַ געשמאַקען ריח פֿון בְּשָׂמִים, און וואָס זיין נאָז איז צו זיי כְּלַל ניט געוואוינט געוואָרען; און פֿאַר גרויס התפעלות האָט ער אָנגעהויבען צו דאַווענען מנחה, זאָגען „פִּטּום הקטורת”, אויסרעכענען אַלע גוטע זאַכען: „הַצֳּרִי וְהַצִּפּוֹרֶן הַחֶלְבְּנָה וְהַלְּבוֹנָה” און אַלע איבעריגע געווירצען, גאַנץ פֿיין מיט זעהר אַ שענעם נגון, און ער האָט פֿאַרקאַטשעט זיך „אָפּשטעפּען” אַ מנחה אויפ'ן חַזָנישען שטייגער נאָר אויף איין אַנדער אופֿן! פלוצים... פֿון וואַנען נעמט זיך דער שָׂטָן מְקַטְרֵג, דער יֵצֶר הָרַע, און רייםט איהם אַיין אַ סוד אין אויער אַריין:

— הער נאָר אוים, שמעון אֶלי, דו יאָלד אֵיינער! וואָס האָסט דו זיך דאָ אזוי צעזינגען אויפ'ן ניכטערען הארצען? שוין באלד נאַכט און דו האָסט נאָך אין דיין מויל ניט געהאַט,

אחוץ צוויי גלעזליך בראָנפֿען! היינט האָסט דו דאָך עפּיס געגעבען דיין קָרוב דאָס הייליג וואָרט אז צוריקוועגס אָם יִרְצֶה־הַשֵּׁם מיט דער ציג וועסט דו זיך אָפּשטעלען ביי איהם עפּיס צו בייסען! געזאָגט א וואָרט איז פֿאַרפֿאַלען, אַ מויל איז ניט קיין חאַליוועַ!

אונ שמעון אֶלִי האָט אָפּגעחאַפּט די שמונה עשרה גאָר בקצור, זיך אָפּגעקלאָפּט תַּחֲנוּן, אונ אַריין צו דאָדי רענדאַר מיט אַ שִׂמְחָה:

— אַ גוטען אָבענד אייך, מיין ליבער קרוב, רב דאָדי, איך קאָן אייך אָנזאָגען אַ בשורה, מַזָּל טוב, עִם לָבָן גַּרְתִּי — איך האָב שוין איינגעהאַנדעלט אַ ציג, אָבער אַ ציג פֿון ציגען לאַנד, א ציג אֲשֶׁר לֹא צִיגוּ אֲבוֹתֵינוּ! איהר מעגט זי אָנקוקען אונ זאָגען אייער ־־ינות, איהר זענט דאָך עפּיס יאָ א יוֹדֵעַ סֵפֶר! אונ טרעפֿט כַּמָּה לָקוּ בְּמִצְרַיִם — וויפֿיל האָב איך בעדאַרפֿט מְשַׁלֵּם זיין?

דאָדי האָט זיך גענומען מיט דער האַנט ביים קאָזעראָק, זיך פֿערשטעלט פֿון דער זונן, וואָס האָט געהאַלטען ביי אונטערגעהן מיט אַ גאָלדענעם פּאַס אין עק הימעל, אונ האָט בעטראַכֿט די ציג ווי א גרויסער מֵבִין אונ האָט זי אָפּגעשאַצט פּונקט צוויי מאָל אזוי פֿיעל, וויפֿיל דער שניידער ה־ט בעצאָהלט. דערפֿון איז שמעון אֶלִי געוואָרען אַזוי אויפֿ־געלייגט, אַז ער האָט דערלאַנגט דעם רענדאַר אַ זעץ אין פּלייצע:

— רב דאָדי סערדצע! געזונד זאָלט איהר מיר זיין, צָדַקְתָּ בִּדְבָרֶיךָ — איהר האָט היינטיגס מאָל דַווקא ניט געטראָפֿען, אַזוי פֿיעל גליקליכֿע יאָהר אונז ביידען!

דאָדי דער רענדאַר האָט אויפֿגעשטעלט אַ פּאָר ליפּען אונ געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אָהן ווערטער: מְפִּי־פוּ פוּ! ווי אֵיינער רעדט: „אַ מציאה! אַ מציאה פֿון אַ גנב!".

אונ שמעון אֶלִי האָט אַיינגעבויגען דאָס קעפּיל אויף אַ זייט, זיך אַ חאַפּ געטאָן מיט׳ן מיטעלכטען אויסגעבויגענעם פֿינגער ביים זשילעט, גלייך ווי ער וואָלט בעדאַרפֿט אַרויס־

חאַפּען פון דאָרט אַ נאָדעל און אַריינזעצען אין איהר אין דער גיך אַ פאָדעם.

— נו, רב דאָדי? וואָס וועט איהר עפּיס זאָגען עַמְךָ? פערשטעהען מיר איין עֵסֶק? האַ? איהר זאָלט נאָך זעהן קיין עַיִן הרע ווי זי מעלקט זיך, וואַלט איהר אַ מִיתָה מְשוּנָה איינגענומען דאָ אויפ׳ן אָרט!

— אַ מיתה משונה נעם שוין בעסער איין אליין! — רופט זיך אָן צו איהם דאָדי.

— אָמֵן גַם אַתֶּם! — זאָגט שמעון אֶלי — אויב איך בין יאָ ביי אייך אַזאַ־נ־אָנגעלייגטער גאַסט, נעמט זשע זייט מוחל, רב דאָדי, די ציג, און בעשטאַט זי ערגיץ אין שטאַל מע זאָל זי חלילה ניט אוועק לַקְחְנען, און איך וועל דערווייל אַ דאַווען טהון מעריב, מנחה האָב איך געחאַפּט אין וועג, און נאָכדעם וועלען מיר מאַכען שֶׁהַכֹּל נִהְיָה בִּדְבָרוֹ, און טאַקי עפּיס צו ביסען אויך, כַּכָּתוּב ווי אין דער מגילה שטעהט: אֵין קוֹצִים בִּפְרוּצִים — פאר׳ן עסען געהט קיין טאַנץ ניט. שטעהט אַזוי געשריבען אין דער מגילה צו ניין?

— וואָס איז שַׁיָּיך? — מאַכט דאָדי — מסתמא אז דו זאָגסט סע שטעהט שטעהט דאָס; דערויף ביזט דו דאָך עפּיס א יוד פון תורה.

אָפּגעדאַווענט מעריב און אויסגעשפּיגען צו עָלֵינוּ רופט זיך אָן דער שניידער צום רענדאר:

— אַז דער צַער פון טראָגען איז יאָ אַזוי גרויס, איז הַלְעִיטֵנוּ נָא מִן הָאָדָם הָאָדָם הזה — גיסט אָן זייט מוחל פון יענעם גרינעם פלעשיל, און לאָמיר נעמען צו קאַפּליך שפּירט, און לאָמיר זיין געזונד, געזונד דאָס איז ראשית חָכְמָה, ווי מיר זאָגען אַלע טאָג אין דאַווען „הַשְׁכִּיבֵנוּ לְשָׁלוֹם"...

גענומען אַ ביסעל בראָנפען און פארביסען, האָט זיך אונזער שניידער צערעדט פאר פייער און פאר וואַסער, מכּח זלאָדייעווקע, מכח קָהָל, שולזאַכען, צעך, שניידעריי, שער און אַייזען אונזער פאָלק עַמְךָ, בשעת מעשה געמאָכט אַ הֶל פון זלאָדייעווקער נַבָּאים מיט די נגידים מיט זייערע „פּאָראַדקעס", געשוואָהרען אַז זיין

נאָמען זאָל ניט הייסען שמעון אֶלי אויב מע קאָן זיי ניט אוועגעבען אַלע „אויף סימביר"...

— הערט איהר, רב דאָדי, — אַזוי האָט ער אויסגעלאָזט זיין דרשה מיט אַ תּורה, ווי זיין שטייגער איז: — בּור כָּרָה וַיַּפְרְפְּרֵהוּ — עס וועט אַ רוּחַ אין זייער פאָטער און מוטער אַריין, די בַּעֲלֵי טובות אונזערע מיין איך!... זיי ווייסען נאָר צאַפּען בלוט, שינדען דעם אָרעמאַן, אַראָפּנעמען די הויט! פאַר דריי קאַרבּען צאָהל איך, הערט איהר, אַ פערטילע אַ וואָך! נאָר גאָר ניט, איך בּין ניט קיין „קוֹפֵץ בּהאָץ", ווי זאָגט איהר, לאָזען זיי איבּערגעהן אויף אַנדערע הענט; יָבֹא יוֹנָה, עס וועט קומען אויף זיי אַ צייט! נישקשה, זיי האָבּען נאָך בּיי גאָט קיין קוויטעל ניט ארויסגענומען! מיין ווייבּ זאָל לעבּען ציפּה בּיילה רייזה הייסט דאָס, זאָגט מיר אַפילו אַז איך בּין אַ שלים־מזל'ניק, אַ לעמעשקע אַ צעקוועטשטע, וואָרום איך זאָל וועלען האָבּ איך אויף זיי אַ בּייטש... נאָר ווער הערט אַ ווייבּ? עפּיס האָבּ איך דאָך אויך אַ שטיקעל דֵעָה! בּיי אונז אין דער הייליגער תּורה שטעהט בּפירוש: וְהוּא יִמְשָׁל בָּךְ — איהר ווייסט דעם פּשט פון די דאָזיגע ווערטער? ס'איז דאָך צוקער זיס! הערט זיך איין אַקאָרשט אין איטליכם וואָרט: וְהוּא און ער, דער מאַנן הייסט דאָס, יִמְשֹׁל — זאָל טהון טאָן געוועלטיגען!... נאָר וואָס דענן? הַחִילוֹת לִנְפּוֹל נָפֹל תִּפּוֹל — איהר האָט אָנגעהויבּען גיסען גיסט שוין אָן נאָך אַבּיסעל בּראַנפּען, ככתוב, ווי אין פּסוק שטעהט: אַסקאַקורדע דבּאַרבּאַנטע...

וואָס ווייטער האָט בּיי שמעון אֶלין די צונג אָנגעהויבען זיך פלאָנטען, די אויגען קלעפּען זיך, אַזוי לאַנג און אַזוי בּרייט בּיז ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום וואַנט אויף אַ ווײַלע חאַפּען אַ דרימעמעל, און דאָס קעפּיל האָט זיך איהם אָנגעבּויגען אַ בּיסעל אויף אַ זייט, די הענט האָט ער צענויפגעלייגט אויפ'ן האַרצען, צוגעהאַלטען דאָס צאַפּען בּערדיל מיט דריי פינגער, און האָט אויסגעזעהען ווי אַ מענש וואָס איז פערטיפט אין זעהר זעהר טיפע מַחְשָׁבוֹת. ער זאָל בּשעת מעשה גָיט גֶעווען צו־פייפען מיט דער נאָז, אונטער חאָרחלען מיט'ן

האַלז און בלאָזען דורך די ציינער: טצ־טצ־טצ! וואָלט קיינער אין דער וועלט נישט געזאָגט אויף איהם אז ער שלאָפט; און חאָטש ער האָט געדרימעלט, פון דעסטוועגען האָט דער מוח ביי איהם געאַרבייט גאַנץ געשמאַק, און עס האָט זיך איהם געחלומט אַז ער איז אין דערהיים ביי זיין ווארשטיק. אויפ'ן טיש ליגט אויסגעשפרייט פּאַר זיינע אויגען אַ מין מלבוש, וואָס ס'איז שוועהר צו טרעפען וואָס דאָס איז. זאָל איך זאָגען ס'איז אַפּאָר תּחתּונים — וואו איז דער קראָק? קיין סימן פון קראָק! זאָל איך זאָגען ס'איז אַ לייבעל אַזעלכם — פון וואַנען האָבען זיך גענומען אַזעלכע לאַנגע ארבעל? אֶלָא וואָס דען? מוז איך לערנען דעם פשט אַז ס'איז לא האָ ולא האָ, ניט קיין לייבעל און ניט קיין הויזען — וואָס זשע דען איז דאָס? עפּים מוז דאָך עס זיין!... שמעון אֶלי קעהרט דאָס איבער אויף דער לינקער זייט — ס'איז גאר אַ קאַפּאָטע, און נאָך וואָסער אַ קאַפּאָטע! אַ שפּאָגעל נייע, אַ גלאַטע, אַ אַטלעסענע. ער האָט נאָך אויף זיין לעבען אַזאַ קאַפּאָטע אונטער דער נאָדעל נישט געהאַלטען! נאר ס'איז ניט זיין עסק; ער נעמט אַרויס דאָס מעסעריל פון זשילעט קעשעני און זוכט אַ נאָט און וויל אָנהויבען טרענען די קאַפּאָטע. אַ גליק וואָס סע בעווייזט זיך ציפּה ביילה רייזה און הויבט איהם אָן שעלטען, באַגראָבען אין דער ערד אַריין.

— דעם בויך, די קישקעס זאָל מען דיר שוין טרענען, דו שלים־מזל אייגער, די גרינע אוגערקע, די שענע פּאַסאָלי מיינע! דאָס איז דאָך דיין קאַפּאָטע די שבת'דיגע, וואָס איך האָב דיר געמאַכט פון מיין געלד וואָס איך האָב אָנגעקלויבען פון דער ציג!...

און שמעון אֶלי דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אַ ציג מיט גאָטס הילף, און עס קומט איהם צו אַ שטיק געזונד! ער האָט אויף זיין לעבען ניט געזעהען אַזוי פיעל קריגליך מיט מילך! אַזוי פיעל וואָרעטשקעס מיט קעז! און פּוטער, פּוטער גאַנצע מאַקרעטעס! היינט מאַסלינקע, פּידכמעטענע, זויערמילך מיט גאַנצע שטיקער „קריהע", און פּוטערגעבעקס עפּים אָהן אַ שיעור, פּלעצליך, אַזעלכע מילכיגע, געבאַקען אויף פּוטער, און פון

אויבען בעשאָטען מיט זאמד־צוקער און מיט צימרינג, און דער רֵיחַ, דער ריח! עפּיס אַ מאָדנער ריח, אַ בעקאַנטער ריח, פֿע!... ער פֿיהלט ווי עפּיס קריכט איהם אויפ'ן האלז צווישען קאָלנער, און אונטערען אויהער, און אויפ'ן פָּנים, און עפּיס קיצעלט איהם און שטינקט איהם גלייך אין נאָז אריין... ער טאַפּט מיט די פינגער און טאַפּט אָן אַ וואַנץ... ער עפֿענט אויף איין אויג, דאָס אַנדערע אויג, ער חאַפּט אַ קוק אין פֿענסטער — אוי וועה, אַ צָרָה, אַ שלאַק, עס שאריעט אויף טאג!...

— וואָט טיבע יוֹצֵר הַמאורות! גוט געחאַפּט אַ דרימעל! — מאַכט שמעון אֶלי צו זיך אַליין, און טהוט אַרייב מיט די פּלייצעס; ער וועקט אויף דעם רענדאַר, פֿליהט ארויס אין הויף אַריין, עפֿענט די שטאַל, נעמט די ציג אויפ'ן גארטעל און לאָזט זיך געהן אַהיים געשווינד, פּייל אויסען בויגען, ווי אַ מענש וואָס האָט מורא ער זאָל חלילה ניט פֿערשפּעטיגען מִי יוֹדֵעַ וואָס!...

קאפּיטעל ז.

וְהָאִשָּׁה — און דאָס ווייב ציפּה ביילה רייזה, אַז זי האָט געזעהן אַז דער מאַנן זאַמט זיך אַזוי לאַנג, האָט זי גאָר ניט געקאָנט פֿערשטעהן וואָס דאָס איז. זי האָט אָנגעהויבען איבער־צוטראַכטען, אֶפשר האָט זיך חלילה געטראָפֿען איין אומגליק, גזְלָנים זענען אָנגעפֿאַלען אויף איהר מאַנן אין וועג, צוגענומען ביי איהם די עטליכע קערבליך, איהם געקוילעט און פֿאַרוואָרפֿען ערגיץ אין אַ גרוב, און זי איז געבליבען חַס וְשָׁלום איין אייביגע עגונה מיט קיין עין הרע אַזוי פֿיעל קינדער. חאָטש נעם וואַרף זיך אַריין שׂוֹנאי ציון מיט זיי אין טייך אַריין!... אַ זעלכע און כְּדוֹמה אַ זעלכע מחשבות האָט נעבאָך ציפּה ביילה רייזה יענע נאַכט איבערגעטראַכט און האָט אַפילוּ נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג; און אַז עס האָט אויסגעקרייהט דער ערשטער האָהן

אויף טאָג, האָט זי געחאַפּט אויף זיך דאָס קליידיל און איז אַרויס אין דרויסען און האָט זיך געזעצט אויף דער שוועל אַרויסקוקען אויף איהר מאַנן, טאָמער וועט גאָט רחמנות האבען ער וועט קומען... „אַ שלים־מזל געהט אַוועק!" האָט זי זיך געקלערט און זי האָט זיך צוגעגרייט איהם אָפּשפּיעלען אַ פּריהמאָרגען ווי ער איז ווערטה געווען, נאָר אַז זי האָט דערזעהען ביי איהם הינטען צוגעבונדען ביים גאַרטיל אַ ציג, איז איהר באַלד אָפּגעגאַנגען דאָס האַרץ און זי האָט זיך אָנגערופען צו איהם מיט גוטען:

— וואָס אַזוי לאַנג, דו קאַנאַריקיל מיינס, מאַנדילביינעלי? איך האָב דאָך געמיינט ביזט שוין חלילה אין דער ערד אריין, שענער תּכשיט מיינער, אָדער אַזוי עפּיס איין אומגליק געטראָפען חס ושלום.

און שמעון אֶלי האָט זיך צעגאַרטעלט. אַוועקגעשטעלט די ציג אין הויז, און האָט אָנגעהויבען שיטען מיט ווערטער ווי פון אַ זאַק; ער האָט איהר פאַררעדט די צייהן.

— הערסט דו, מיין ווייב, האָב איך דיר געקויפט אַ ציג, פון ציגענלאַנד, דאָס איז אַ ציג אֲשֶׁר לֹא צִיְּנוּ אֲבוֹתֵינוּ! ווי לאַנג שמייסט מען זיי די היגע בעל־הבית'טעס, ווי לאַנג זיי האָבען נאָך אַזאַ ציג נישט געזעהען אין חָלום אפילו! אַז עסען עסט זי מכות, סך הכל איין מאָל אין טאָג אַ „פילע" פון קלייען, און דאָס איבריגע אַ ביסעל שטרוי פונם דאַך פון בית־המדרש, און מילך גיט זי קיין עין הרע ווי אַ קוה, מעלקט זיך צוויי מאָל אין טאָג, איך האָב אַליין געזעהען אַ פול מעלקשעפעל, איך זאָל אַזוי זעהען ביי דיר אַלדעס גוטס! ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע ניט קיין ציג, אַזוי זאָגט זי טעמע־ג׳יטיל הייסט דאָס; אַ מציאה פון אַ גַנב, כלעבען, קוים, קוים, אויסגעדינגען פאַר זיבענטהאַלבען קאַרבען! וויפיל מיינסט דו האָב איך זיך גערדינגען, אײדער איך האָב זי אויסגעדינגען? אַז סך הכל האָט זי גאָר ניט געוואָלט פאַרקויפען קיין ציג, קוים איינגערעדט! אַ גאַנצע נאַכט געהאַקט האָלץ...

און ציפּה ביילה רייזה האָט זיך געטראַכט בשעת מעשה:

„נחמה־ברכה אַ מכּה איהר אַ גרויסע! — זי מיינט אַז נאָר זי איז אַ בעל־הביתטע, נאָר זי האָט אַ ציג, און ווייטער קיינער ניט! איך האָב מורא אַז עס וועט איהר אַרויס די אויגען, אַז זי וועט דערזעהען, אַז ציפּה ביילה רייזה שמעון אֶלים ווייב, האָט אויך אַ ציג... און בלומע זלאַטע? און חיה מייטה פּלוּמרשט גאָר גוטע שוועסטער? עס זאָל זיי אָנגעהן חאָטש האַלב וואָס זיי ווינשען מיר, רבונו של עולם!“... אַזוי האָט זי זיך געטראַכט און האָט אַיינגעהייצט אין אויבען דערווײלע צו־גרייטען רעטשעני לאָקשען אויף אָנבייסען, און שמעון אֶלי האָט אָנגעטהון טלית ותפילין און האָט זיך אַוועקגעשטעלט דאַוונען, און געשמאַק מיט האַרץ. ער האָט שוין לאַנג ניט געדאַוועט אַזוי ווי אַצונד! ער האָט געזינגען די הַלְלוּיָה׳ס, געמאַכט חזנישע שטיק, צוגעקנאַקט מיט׳ן פינגער און האָט אויפגעוועקט מיט׳ן זינגען אַלע קינדער. די קינדער זענען געוואָהר געוואָרען פון דער מאַמען, אַז דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציג, און מע קאָכט לאָקשען מיט מילך, איז געוואָרען ששון ושמחה, מע איז אַראָפּגעשפּרינגען פון די בעטלעך אין איינע העמדלעך און מע האָט זיך גענומען פאַר די הענטלעך, און מע האָט געחאַפּט אַ טענציל, בשעת מעשה צוגעזינגען אַ ליעדעל וואָס איז ביי זיי נאָר וואָס באַשאַפען געוואָרען:

א ציג, אַ ציג, אַ ציגעלע!
דער טאַטע האָט געבראַכט אַ ציגעלע!
דאָס ציגעלע וועט געבען מי־לעך!
די מאַמע וועט קאָכען לאָק־שען!...

געקוקט אויף די קינדער ווי זיי זינגען און טאַנצען, איז שמעון אֶלי געוואָרען ברייטער ווי לייגנער. ער האָט זיך געטראַכט: „קינדער נעבאַך, זשעדנע אַ ביסעל מילך... נישקשה, איהר וועט שוין היינט אם ירצה השם זיין זאַט... אַלע טאָג אַ גלעזיל מילך, און קאַשע מיט מילך, און צו דער טיי מילך—אַציג איז טאַקי אַ געזונד אין די ביינער!... וואָס איז מיר אַצונדערט פישיל בעל טאַקסע? איך הער איהם ווי דעם קאָטער! ער וויל ניט געבען קיין פלייש? נאָר ביינער? לאָז ער זיך וואַרגען מיט

די ביינער! וואס דארף איך זיין פלייש, אז איך האב קיין עין הרע מילך?!... אי שבת? אויף שבת קויפט מען פיש; וואו שטעהט דאס אז א יוד מוז עסען פלייש? איך האב אין ערגיץ נישט געזעהען אזא דין!... אלע יודען זאלען מיך וועלען פאלגען, וואלטען זיי אלע געקויפט ציגען; דעמאלט וואלט אונזער בעל טאקסע שען אויסגעזעהען מיט'ן בייבעל! עס וואלט שוין דעמאלט א רוח אין זיין ט... ט... אריין!...

אזוי האט זיך געטראכט שמעון אלי שמעקולנו, און האט צענויפגעלייגט די תפילין, און האט זיך געוואשען, געמאכט המוציא, און צוגעגרייט זיך צו דער מילכיגער סעודה. עפענט זיך די טיר און עס קומט אריין ציפה ביילה רייזה מיט א ליידיג טעפיל, רויט ווי פייער אין כעס מיט סכנות נפשות, און א רעגען פון קללות און חרמות האבען זיך אנגעהויבען שיטען אויף שמעון אלים קאפ! נישט קיין קללות זענען דאס געווען, שטיינער זענען געפאלען פונם הימעל, פעך און שוועבעל האט זיך געגאסען פון ציפה ביילה רייזה'ס מויל:

— דעם טאטען דיינעם דעם שכור זאל עס ארויסווארפען, דיך אריינווארפען! א שטיין א ביין זאל פון דיר ווערען! כף־הקל זאלסט דו געהן! געשאסען זאלסט דו ווערען פון א ביקס! היינגען און טריינקען, ברענען און בראטען שניידען און בראקען! געה זעה, דו גזלן, דו רוצח, דו משומד איינער, וואס פאר א ציג דו האסט מיר געבראכט! א ווייסטער א פינסטערער חלום אויף דיין קאפ און אויף דיינע הענט און פיס, רבונו של עולם, זיסער פאטער, הארציגער געטרייער!...

דאס איבעריגע האט שוין שמעון אלי נישט געהערט. ער האט אנגערוקט דאס היטעל און ארויס אין הויז אנקוקען דעם אומגליק וואס איהם האט געטראפען.

ארויסגעגאנגען אין דרויסען צו דער ציג און דערזעהען דעם שענעם תכשיט ווי ער שטעהט צוגעבונדען צום פלעקיל פון דער טיר און מעלהגר'ט זיך קאלטבלוטיג, איז ער געבליבען שטעהן אין דער הינערפלעט, נישט געוואוסט, וואס טהוט מען? וואהין געהט מען? געשטאנען, געטראכט, געטראכט

און אַ זאָג געטהון צו זיך אַליין: תְּמוּת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים — עס וועט אַ רוּחַ אין זייער ט...ט... אַריין, דעם מלמד מיט דער מלמדקע! זיי האָבען געפונען מיט וועמען צו טרייבען קאַטאָוועס! איך וועל זיי געבען אַ קאַטאָוועס, וועט זיי זיין וויכט און פינסטער! דאַכט זיך גאָר אַ נעבאַכיל אָט דער מלמד, מישט זיך כלומרש'ט ניט אין געשעפט, און צום סוף אַזאַ מעשה! נישט אומזיסט האָבען די תּלמידים געחיחיקעט בשעת דער רבי האָט מיך אַרויסגעמשלחט מיט דער ציג און די רביצין האָט מיר צוגעווינשעוועט זי זאָל זיך ביי מיר מעלקען און מעלקען... איך וועל זיי געבען אַ מעלקען! איך וועל ביי זיי אַרויסמעלקען דאָס דם התּמצית פון די קאָזאָדאָיעווקער כּלי קודש, טונעיאַדצעס, קאַטאָוועסטרייבער!...

אַזוי האָט זיך געטראַכט שמעון אֶלי שמעקולנו און האָט זיך געלאָזט געהן צוריק קיין קאָזאָדאָיעווקע מיט דער דעה ער זאָל זיי אָפּשפּיעלען אַ וויוואַט ווי זיי זענען ווערט!

געגאַנגען פערביי דער דעמבענער קרעטשמע און דערזעהען דעם רענדאַר אויף דער טיר מיט'ן לולקעציבעקעל אין די ציינער, האָט זיך אונזער שניידער צעלאַכט נאָך פון דערווייטען.

— וואָס איז פאַר אַ שמחה אויף דיר? — פרעגט איהם דאָדי — וואָס דו לאַכסט אַזוי?

— טהוט אַ קוק, זייט מוחל, אֶפשר וועט איהר אויך לאַכען? — זאָגט צו איהם דער שניידער און הויבט אָן לאַבען נאָך שטאַרקער גלייך ווי צעהן שדים וואָלטען איהם געקיצעלט. — נו, ווי געפעלט אייך אַ שטייגער, רב דאָדי, אַזאַ שלאַק? כָּל הָאָדָם כּוֹזֵב — וואו ערגיץ אַ צָרָה דאַרף עס טרעפען מיך! איהר פערשטעהט אַ מעשה? איך האָב דאָס געהאַט אַ פּסק פון מיין ווייב זאָל לעבען, ציפּהביילה רייזה הייסט דאָס האָט מיר געגעבען בְּרֶכֶב וּבַסוּסִים — אויף שיסעל און אויף טעלער, און דווקא אויפ'ן ניכטערען האַרצען, עס זאָל נאָר פאַלען אויפ'ן מלמד מיט דער מלמדקע! מאָלט אייך איך וועל זיי ניט שווייגען, עס וועט זיין עַיִן תַּחַת עַיִן, אַ פּאַטש פאַר אַ פּאַטש! איך האָב

פֿיינט אַז מע טרייבט מיט מיר אַזעלכֿע קאַטאָוועסליך. אַנוּ, גיט נאָר לְעֵת עַתָּה, רב דאָדי, פֿאַר האַרצווייטיג אַ גלעזיל „ספּירעט" דורכֿשווײנקען דעם האַלז, איך זאָל האָטש כּח האָבען צו רעדען און די נשמה זאָל ניט קליאַקנען... לחיים, רב דאָדי, לאָמיר זיין יודען, דאָס איז דער עיקר, כּכּתוב ווי עס שטעהט געשריבען: הַיּוֹם הֲרַת עוֹלָם — נאָר ניט געזאָרגט! זייט זיכֿער, איך וועל זיי שוין אָפּשפּיעלען אַ פֿריהמאָרגען. איך וועל זיי בעווייזען ווי אַזוי מע טרייבט קאַטאָוועס מיט צעך, שער און אייזען אונזער פֿאָלק עַמְּךָ!

— ווער האָט דיר געזאָגט אַז ס'איז אַ קאַטאָוועס? — מאַכֿט דער רענדאַר גאַנץ תמעוואַטע און פּופֿקעט מיט'ן לולקעלע — אֶפשר איז ביי אייך דאָרט אַרוים אַ טָעוּת אין די רייד?

שמעון אֶלי איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פֿאַר כַּעַס.

— מָשָׁל כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר! וואָס רעדט איהר? איהר ווייסט וואָס איהר רעדט? איך קום צו זיי לְכַתְּחִילָה קויפֿען אַ ציג, און רעד מיט זיי בְּרַהַל בְּתַּךְ הנאַקעטע אַ ציג, זאָגט איהר גאָר דאָס!...

דאָדי פּופֿקעט מיט'ן לולקעלע, קנייטשט מיט די פּלייצים און צעפֿיהרט מיט די הענט, ווי איינער רעדט: „וואָס בין איך שולדיג? איך בין דאָ אַוודאי גאָט די נשמה שולדיג!"...

און שמעון אֶלי חאַפּט די ציג און לאָזט זיך געהן קיין קאָזאָדאָיעווקע, וְהֵמְתוּ בָּעֲרָה בוֹ — און עס ברענט אין איהם אַ פֿייער.

קאַפּיטעל ז.

וְהַמְּלַמֵּד — און דער מלמד האָט זיך געטאָן זיין מלאכה, דאָס הייסט ער איז געזעסען און האָט געקנעלט מיט זיינע

תלמידים, געלערענט אַלץ יענעם ענין פון „נזיקין“, און זייער געשריי האָט זיך געלאָזט הערען איבער'ן גאַנצען שולהויף: „כִּשְׁכְּשָׁה בִּזְנָבָה — זי האָט אַזעלץ געטאָן מיט'ן ווידיל, די בְּהֵמָה, וְשָׁבְרָה אֶת הַכַּד — און זי האָט צעבראָכען דאָס קריגיל“...

— עַל יִשְׂרָאֵל וְעַל רַבָּנָן וְעַל תַּלְמִידֵיהֶן — אַ גוטער מאָרגען זאָל אַייך זיין, רבי מיט אַייערע תלמידים! — זאָגט שמעון אֶלי — איהר מעגט מפסיק זיין אויף אַ מינוט, נישקשה, די בהמה וועט ניט אַנטלויפען און דאָס צעבראָכענע קריגעל וועט שוין בְּמֵילא גאַנץ ניט ווערען. וואָס טויג מיר גרוים, איהר האָט מיר אָפּגעטהון אַ רעכט שפּיציל, טאַקי אויף קאַטאָוועס, נאָר וואָס רענן? אָהַבְתִּי כִּי יִשְׁמַע לִי — איך האָב פּיינט אַזעלכע קאַטאָוועסליך! איהר האָט דאָך געהערט מסתּמא די מעשה פון יענע צוויי יודען וואָס זענען געווען עֶרֶב שַׁבָּת אין מֶרְחָץ אויף דער אויבערשטער באַנק? רופט זיך אָן אֵיינער צום אַנדערען: „נאַ דיר מיין בעזעמיל און שמיים מיך אָפּ“. איז זיך מְיַשֵּׁב יענער און טהיילט איהם אַיין ווי עס געהר צו זיין, צעקאַראַשעט דאָס לַייב ביז'ן בלוט אַריין. זאָגט צו איהם דער געשמיסענער: „די מעשה דערפון איז אַזוי. אויב דו האָסט זיך געוואָלט מיט מיר אָפּרעכענען דאָ אויף דער אויבערשטער באַנק, בשעת איך ליג אַ נאַקעטער און דו האָסט אַ בעזעמיל אין האַנט, מֵהֵיכָתֵיתִי ביזט דו גערעכט; נאָר טאָמער מיינסט דו דאָס אויף קאַטאָוועס, זאָג איך דיר, אַז איך האַלט ניט פון אַזעלכע קאַטאָוועסליך!...“

— אַקעגען וואָס איז דער מָשָׁל? — פרעגט איהם דער מלמד, טהוט אוים די בריללען און קראַצט זיך מיט זיי אין אויהער.

— דער משל — מאַכט שמעון אֶלי — איז טאַקי אַקעגען אַייך אַליין מיט דער שענער ציג, וואָס איהר האָט מיר אַריינגעריקט בִּשְׁגָגָה, דאָס הייסט אויף אַ געלעכטער. פון אַזאַ געלעכטער, הערט איהר, קאָן אַייך אויסוואַקסען אַ געלעכטער אויפ'ן פּופּיק! מיינט ניט אַז איהר האָט צו טהון מיט גלאַט

עפּים אַ פּאַלגילע; איך בין שמעון אֶלי חייט מק״ק זלאָדייעווקע, חברה מאַן אין צעך און גבאי אין שניידערשען שולכֿען, שער און אייזען אונזער פּאָלק עמך!

ביי די לעצטע ווערטער איז שמעון אֶלי אַזש אונטער־געשפּרונגען, און דער מלמד האָט אָנגעטהון צוריק די ברילען און האָט בעטראַכֿט דעם שניידער ווי אַ מענשען וואָס רעדט פון היטץ און דער גאַנצער חֶדֶר האָט זיך געשטיקט פאַר געלעכֿטער.

— לָמָה הָרֵעוֹתָ לָעָם הַזֶּה! וואָס קוקט איהר מיך אָן ווי אַ בייזען מאַרשעלעק? — רופט זיך אָן דער שניידער שוין מיט כַּעַס — איך קום צו אייך צוגעהן און קויף ביי אייך אַ ציג, געהט איהר און רוקט מיר אַריין דער רוּחַ ווייסט וואָס!

— סע געפעלט אייך ניט די ציג? — פרעגט איהם דער מלמד בִּתְמִימוּת.

— די ציג זאָגט איהר? ס׳איז אַזוי אַ ציג ווי איהר זענט אַ גובערנאַטאָר!

דער גאַנצער חדר שיסט אויס אַ געלעכֿטער און עס קומט אָן טעמע גיטיל די שטילשווייגענדיגע און דאָ הויבט זיך ערשט אָן די רעכֿטע חתונה: שמעון אֶלי רעדט און טעמע גיטיל רעדט איהם איבער; דער רבי זיצט און קוקט, די תלמידים לאַכֿען; זיי רעדען ביידע אַזוי לאַנג ביז טעמע גיטיל ווערד אין כַּעַס, האַפּט דעם שניידער פאַרן האַנד און שלעפּט איהם.

— קומט, קומט צום רב! לאָזען האָטש יודען זעהען ווי אַ זלאָדייעווקער שניידער טשעפּעט זיך! טראַכֿט אויס אַ בִּלְבּוּל!

— קומט — זאָגט שמעון אֶלי — אַדרבה, לאָזען מענשען זעהען ווי עהרליכֿע יודען, כְּלֵי־קוֹדֶש כּלוֹמֶרשט, דערטאַפּען אַ פרעמדען מענשען און מאַכֿען פון איהם אַ האַנטשירקע, ווי מיר אָגען אין לאַנג וְהוּא רַחוּם: לָלַעַג וְלִקְלֶעמעניש... קומט טאַקי, איהר אויך רבי לעבען! — מאַכֿט ער צום מלמד. און רב חיים חנה טהוט אָן דעם פּליסענעם קאַשקעט אויף דער

יאַרמעלקע און עס בלייבט אַז זיי געהען צום רב אַלע פיער, דאָס הייסט: דער שניידער, די מלמדקע, דער מלמד און די ציג.

אַז די קאָמפּאַניע איז געקומען צום רב, האָבען זיי געטראָפען דעם רב אין אַ ציצען חאַלאַטיל ווישען די הענט און זאָגען „אֲשֶׁר יָצַר" פּאַוואָלינקע מיט כַּוָנָה, נישט געחאַפּט, געקוועטשט איטליכם וואָרט באַזונדער, נְקָבִים נְקָ־בִים! חֲלוּלִים חֲלוּ־לִים!... און אַז ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיגט מיט אַלסדינג אַרום און אַרום, האָט ער צענויפגענומען דאָס חאַלאַטיל און האָט זיך באַזעצט אויף זיין שטוהל, וואָס איז געווען אָהן אַ גיזעסעל, נאָר פּיסליך מיט פערענטשים אַלטע, גלאַנצענדיגע און שאָקלענדיגע, ווי אַלטע ציינער ביי אַלטע מענשען, וואָס וואָלטען שוין לאַנג בעדאַרפט אַרויספאַלען, נאָר זיי האַלטען זיך אויף נִסִים.

אויסגעהערט ביידע צְדָדִים וואָס האָבען נישט געלאָזט רעדען איינער דעם אַנדערען, האָט דער רב געשיקט רופען דעם דַיָין מיט'ן שוחט מיט די איבעריגע פּאָרנעמסטע לייט פון שטאָדט, די „שִׁבְעָה טוֹבֵי עִיר", און האָט זיך אָנגערופען צום שניידער בזה הלשון:

— דערצעהל, זיי מוחל, נאָך אַ מאָל די מעשה פון אָנהויב ביז'ן סוף און נאָכדעם וועט זי דערצעהלען!

און שמעון אֶלי דער שניידער האָט זיך נישט געפוילט איבערחַזְרען נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל די אייגענע מעשה פונם אָנהויב אָן, אַז ער הייסט שמעון אֶלי חייט מק"ק זלאָדיעווקע, חברה מאַן אין צעך און גבאי אין שולכען, האָטש ער טַעֲנעט מיט זיי: קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַצָּרוֹת; איך דאַרף עס אויף כַּפָּרוֹת, לא מעוקצך ולא מדוקצך — אין בין אייך מוחל די פעטש איך וויל נִיט קיין כבוד! זאָגען זיי: שְׁמָלְךָ לְךָ קָצִין תִּהְיֶה לָנוּ — פעטש זאָלסט דו האָבען און גבאי זאָלסט דו זיין... הקצור ער האָט זיך אָוועקגעלאָזט אַהער קיין קאָזאָדאָיעווקע נאָך אַ ציג, דאָס הייסט ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט; ער בעדאַרף זי אויף נייען און ניינציג כַּפָּרוֹת; נאָר

אַזוי זוי ער האָט אַ ווייב זאָל לעבען ציפּהביילה רייזה הייסט דאָס, האָט זי איהם נישט געלאָזט אָטעמען הפּצעקתה זי וויל אַ ציג... אונ אַ ווייב זאָגט איהר בעראַרף מען פּאָלגען, איז ער געקומען צו רב חיים חנה דעם גמָרא מלמד אונ דינגט ביי איהם אַ ציג אונ רעדט אוים „בְּרָחֵל בִּתְּךָ הנאַקעטע" אַ ציג. צום סוף לאָזט זיך אוים אַז מע האָט ביי איהם צוגענומען די עטליכע קערבליך אונ מע האָט איהם אַריינגעריקט דער רוח ווייסט וואָס, אויף קאַטאָוועם הייסט דאָס, אונ ער שמעון אֶלי, האָט פּיינט אַ זעלבע קאַטאָוועסליך!... איהר האָט דאָך געהערט מסתמא די מעשה מיט יענע צוויי יודען וואָס זענען געוועזן פּרייטאָג אין באָד?...

אונ שמעון אֶלי דער שניידער חזרט איבער דעם משל פון דער באָד נאָך אַ מאָל אונ דער רב מיט די דיינים מיט די שבעה טובי עיר לאַכען.

— האָבען מיר אויסגעהערט איין צַד — רופט זיך אָן דער רב — אַצינד לאָמיר האָרכען דען אַנדערען צד.

שטעהט אויף רב חיים חנה דער קלוגער, רוקט אָן דאָס היטעל אויף דער יאַרמעלקע אונ הויבט אָן בְּזֶה הַלָּשׁוֹן:

שִׁמְעוּ נָא רַבּוֹתַי! די מעשה איז אַזוי געוועזן די מעשה: איך בין געזעסען אונ געלערענט מיט די תלמידים בין איך געזעסען, סדר נזיקין האָב איך געלערענט, בָּבָא קַמָּא, יאָ, בבא קמא... קומט אַריין אָט דער יוד פון זלאָדייעווקע אָט דער, אונ זאָגט אַז ער איז אַ זלאָדייעווקער, פון זלאָדייעווקע זאָגט ער, אונ גיט מיר אָפּ שלום גיט ער מיר אָפּ, אונ דערצעהלט מיר אַ גאַנצע מעשה דערצעהלט ער מיר, אַז ער איז אַליין אַ זלאָדייעווקער פון זלאָדייעווקע הייסט דאָס איז ער, אונ האָט אַ ווייב האָט ער, הייסט זי ציפּה ביילה רייזה הייסט זי, יאָ ציפּה ביילה רייזה הייסט זי... אַזוי דאַכט זיך?

דער מלמד בייגט זיך אָן צום שניידער אונ דער שניידער, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צייט ביים בערדיל, שטעהט מיט צוגעמאַכטע אויגען, דאָס קעפּיל אַביסעל אויף אַ זייט אונ שאָקעלט זיך אונ זאָגט אויף זיין לָשׁוֹן:

— אֱמֶת, וְיַצִּיב, וְנָכוֹן, זי הייסט אַלע דריי נעמען: צ י פּ ה און ב י י ל ה און ר י י ז ה. אַזוי האָט מען איהר אַ נאָמען געגעבען און אַזוי רופט מען זי פון זינט איך קען זיך מיט איהר שוין פאַוואָלינקע אַ יאָהר דרייסיג; נאָר לאָמיר האָרכען וואָס וועט איהר ווייטער זאָגען, ידידי? איהר פאַ־רעדט נאָר ניט די צייהן! איהר רעדט בעסער עֵסֶק, עַל הָרִאשׁוֹנִים וְעַל הָאַחֲרוֹנִים, וואָס א י ך האָב גערעדט און וואָס א י ה ר האָט גערעדט, ווי שלמה המלך זאָגט: אֵיין חָדָשׁ תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ — קיי'ן חָכְמוֹת געהט נישט אָן...

— איך ווייס גאָר ניט איך! — מאַכט דער מלמד דער־שראָקען און בעוויזט אויף דער מלמדקי — זי האָט מיט איהם גערעדט זי, זי האָט מיט איהם געהאַנדעלט זי; איך ווייס גאָר ניט איך!

— אַצינד — זאָגט דער רב — לאָמיר האָרכען, וואָס וועט זי עפּיס זאָגען?

און דער רב בעווייזט מיט'ן פינגער אויף דער מלמדקי, און טעמע גיטיל די שטילשווייגענדיגע ווישט זיך אָפּ די ליפּען, שפּאַרט זיך אונטער מיט איין האַנד, און מיט דער אַנדערער האַנד הויבט זי אָן צו טַעֲנָה'ן גיך אָהן איין אָפּשטעל און דאָס פָּנִים בשעת מעשה פלאַמט איהר ווי אַ פייער.

— הערט זשע אוים, יורישע קינדער, די מעשה דערפון איז אַזוי: אָט דער יוד, דער זלאָדייעווקער שניידער הייסט דאָס, זאָל מיר מוחל זיין, איז, איז אָדער אַ משוגענער, אָדער אַ שִׁכּוֹר, אָדער איך ווייס אַליין ניט וואָס! איהר האָט געהערט אַ מעשה, אַ יוד קומט צו מיר צוגעהן אַזש פון זלאָדייעווקע אָט דער דאָזיגער, און טשעפּעט זיך צו ווי אַ קלעק, איין מאָל פאַר אַלע מאָל, איך זאָל איהם פאַרקויפען אַ ציג, איך האָב געהאַט צוויי, און דערצעהלט מיר דערביי אַ פִּנְיוֹן, אַז ער וואָלט קיין ציג נישט געקויפט, ער באַדאַרף זי אויף כּ״כ כפּרות, נאָר אַזוי ווי ער האָט אַ ווייב ציפה ביילה רייזה הייסט זי, האָט זי זיך איינגעשפּאַרט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ ציג! און אַ ווייב זאָגט ער בעדאַרף מען פאָלגען, איידי פערשטעהט אַ מָשָׁל?

טַענה איך, וואָס גערט דאָס מיך אָן? איהר ווילט בּיי מיר אַוועק קויפען אַ ציג, פַארקויף איך אייך, דאָס הייסט איך וואָלט קיין ציג גאָר נישט פַארקויפט פַאר קיין געלד, ווארום וואָס איז געלד? געלד איז קיילעכדיג, געלד גערט אַוועק און אַ ציג בּלייבּט אַ ציג, וּבפְרַט נאָך אַזאַ ציג, ס'איז דען אַ ציג? ס'איז אַ מאַמע ניט קיין ציג! קיין עַיִן הָרע איהר גרינג מעלקען זיך, איהר מילך געבּען, היינט איהר עסען משטיינסגעזאָגט, זי עסט דען עפּים? איין מאָל אין טאָג אַ „פילע״ פון קלייען, דאָס איבּעריגע אַ בּיסעל שטרוי פונ'ם דאַך פונ'ם בֵּית הַמֶדְרָש. נאָר צוריק שמועסענדיג האָבּ איך מיך מְיַשֵב געווען אַזוי: איך האָבּ דאָך קיין עין הרע צוויי ציגען, און געלד איז אַ יֵצֶר הָרָע... בּקצור דאָ האָט זיך שוין אַריינגעמישט מיין מאַן זאָל לעבּען און מיר זענען דורכגעקומען מיט'ן שניידער פַאר'ן מֶקַח, מיינט איהר וויפיל? נישט מעהר זאָלען מיינע שונאים פַארמאָגען רִבּונו שֶל עוֹלָם! און איך האָבּ איהם אָפּגעגעבּען די ציג, אויף אַלע מיינע ליבּע געזאָגט געוואָרען אַזא ציג, ס'איז דען אַ ציג? אַ מאַמע ניט קיין ציג! קומט ער צו געהן, דער שניידער, מיט אַ בּלְבּוּל, ס'איז ניט קיין ציג זאָגט ער! שאַ ווייסט איהר וואָס? אָט שטעהט זי, גיט זייט מוחל אַהער אַ מעלקשעפעל, וועל איך זי אויסמעלקען פַאר אייך אין די אויגען!

און זי האָט אַנטליהען בּיי דער רֶבּיצין דאָס מעלקשעפעל און האָט אויסגעמאָלקען די ציג פַאר אַלעמען אין די אויגען, צוגעטראָגען דאָס שעפעל מיט מילך איטליכען בּאַזונדער, פריהער געוויינטליך דעם רב, נאָכדעם די דַיָינים, און נאָכדעם די שבעה טובי עיר, און דעם איבּעריגען עולם, און ס'איז געוואָרען בּיים רב אין שטוּבּ אַ ליאַרעם, אַ געפילדער, הימעל [illegible] זיך! דער האָט געזאָגט: מע בּעדאַרף קַנְסֶנען דעם זלאָדייעוּוקער שניידער ער זאָל שטעלען משקה! דער האָט געזאָגט: — קנסנען אַליין איז נאָך ווינציג; מע בּעדאַרף בּיי איהם צונעמען די ציג! און דער האָט געזאָגט: ניין, די ציג איז אַ ציג, לאָז ער זיך עלטערען מיט איהר אין עוֹשֶר און אין כָּבוֹד; מע בּעדאַרף איהם מכַבֵּד זיין מיט נוטע עטליכע

פאַנטאָפּעל און אַרויסוואַרפֿען מיט דער ציג אינאיינעם צו אַלדע שוואַרצע יאָהר!

דערזעהען אַזאַ מעשה, האָט זיך שמעון אֶלי פּאַוואָלינקע אַרויסגערוקט פֿונ'ם רב'ס שטוב און האָט געמאַכט פְּלֵיטָה.

קאַפּיטל ח.

וַיִשָׂא הַחַיִיט אֶת רַגְלָיו — און דער שניידער האָט גענומען די פֿים אויף די פּלייצים און איז אַוועק מיט דער ציג אַהיים גיך און געשווינד, ווי אַ מענש וואָס לויפֿט פֿון אַ שְׂרֵפָה, ער האָט זיך אַרומגעקוקט צו מע יאָגט איהם חָלִילָה ניט נאָך, און האָט געדאַנקט גאָט וואָס ער איז אַרויס „חִנָם אֵין כֶּסֶף — טרוקען אָהן פּעטש"...

דורכגעגאַנגען פֿערביי דער דעמבענער קרעטשמע האָט זיך שמעון אֶלי געקלעהרט: „מַכּוֹת וועסט דו ביי מיר וויסען דעם אֶמת!" און ער האָט פֿאַרלייקענט פֿאַר דאָרין די גאַנצע מעשה.

— נו וואָס הערט זיך? — פֿרעגט איהם דאָדי כלומֶרשט נייגעהריג.

— וואָס זאָל זיך הערען? — זאָגט שמעון אֶלי — פֿאַר מיר האָט מען דרך אֶרץ! מיט מיר טרייבט מען ניט קיין קאַטאָוועס, כִּי אָדָם אֲנִי וְלֹא כַּאַרְךָ — איך בין דאָך עפּיס נישט קיין יוננעלי! איך האָב דאָס אַ ביסעל געעפֿענט אויף זיי אַ פֶּה־קָדוֹש, זיך פֿאַרהערט אַ ביסעל מיט'ן מלמד אין תּורה, לאָזט זיך אוים אַז איך וויים בעסער פֿון איהם וואָס אין די קליינע אותיות טהוט זיך.. בְּקִצוּר הַדָבָר זיי האָבען מיך איבערגעבעטען און געגעבען מיר די ציג וואָס איך האָב געקויפֿט. אָט איז זי. נאַט אייך זי אויף אַ מינוט, כַּכָּתוּב ווי אין פסוק שטעהט: הַנֶּפֶשׁ קַח לְךָ וְהָרְכוּשׁ תֶּן לִי — נעמט אייך דעם נֶפֶשׁ און מיר גיט אַ ביסעל בראָנפֿען.

— גענוג ער איז אַ גַדְלָן, איז ער נאָך אַ ליגנער אויך! — טראַכט זיך דאָדי דער רענדאַר — מע בעדאַרף מיט איהם מאַכען נאָך אַמאָל די אייגענע שפּיעל אונ הערען וואָס וועט ער זאָגען ווייטער?

אונ צום שניידער האָט ער געזאָגט:

— איך האָב פון דיינעט וועגען, שמעון אֶלי, אַ גלעזיל אַלטען „ווישניק" אויב דו האָסט חֵשֶק.

— פונם ײַן המשומד? — מאַכט שמעון אֶלי אונ באַלעקט זיך אַזש — מֵהֶכְתִיתִי, ווייזט אַהער וועלען מיר אַייך זאָגען אַ מבינות; איך ווייס אַז ביי אַייך דאַרף זיין אַ גוט גלעזעל ווישניק, נאָר לַאו כָל אָדָם כּוזב — נישט איטליכער איז דערויף אַ מֵבין.

אויסגעטרונקען דאָס ערשטע גלעזיל האָט זיך ביי אונזער שניידער אויפגעבונדען די צונג אונ ער רופט זיך אָן צום רענדאַר:

— זאָגט נאָר, מיין ליבער קרוב, איהר זענט דאָך עפּיס אַ יוד וואָס קאַטאָרי איהר זענט נישט קיין נאַרר, כלעבען, אונ איהר קעהרט זיך אָן מיט אַלערליי מענשען; זאָגט מיר נאָר, איהר גלויבט אין כִשוף? פאַרבלענזעניש?

— דְהַיינו? — פרעגט איהם דאָדי תְמֶוואַטע.

— דהיינו — זאָגט שמעון אֶלי — אַ דִבוק, אַ לֵץ, אַ ניט גוטער, אַ גִלְגול?...

— אַקעגען וואָס זאָגסט דו דאָס? — מאַכט דאָדי מיט אַ תמעוואַטע פָנים אונ פופקעט מיט'ן לולקעלי.

— איך שמיעס עס גלאַט אַזוי אַקעגען דרינען — זאָגט שמעון אֶלי שמַעקולנו אונ הערט נישט אויף צו רעדען פון גלגולים, פון מְכַשְפִים, פון מְכַשֵפות, שֵדִים אונ רוחות, לֵצִים, שרעטעליך, וואָוקעלאַקעס. דאָדי הערט צו כלומרשט מיט קאָפּ, פופקעט מיט'ן לולקעלי; נאָכדעם שפּייט ער אוים אונ רופט זיך אָן צום שניידער:

— דו ווייסט, שמעון אֶלי, וואָס איך וועל דיר דער־צעהלען? איך וועל הייטיגע נאַכט דאַכט מיר מו־א האָבען

שלאָפֿען; איך וועל דיר זאָגען דעם אֶמת, פֿאַר מֵתים האָב איך המיד מורא געהאַט, נאָר פֿון היינט אָן הויב איך שוין אָן גלויבען אין גלגולים און אין לֵצים אויך...

— אַ בְּרֵירָה האָט איהר? — מאַכט צו איהם דער שניידער — פּרובט ניט גלויבען! אַנו לאָז זיך נאָר אַריינחאַפּען צו אַייך עפּים אַ רעכֿטער לץ און אָנהויבען פּראַווען זיינע רעכֿטע שטיק: איבעקעהרען אַייך די דייזשע באָרשטש, אויסגיסען דאָס וואַסער, אויסט־ינקען אַלע קריגליך, איבערברעכֿען אַייך אַלע טעפּליך, פֿאַרקניפּען די ציצית פֿונם טַלית קָטן, אַריינוואַרפֿען אַייך אַ קאַץ אין בעט אַריין, און די קאַץ זאָל ליגען ביי אַייך אויפֿ'ן האַרצען ווי צעהען פּוד מַשׂא, און איהר זאָלט זיך נישט קאָנען ריהרען, און אַז איהר וועט אויפֿשטעהן זאָל אַייך די קאַץ קוקען גלייך אין די אויגען אַריין ווי אַ זינדיגער מענש...

— גענוג! גענוג! — מאַכט דער רענדאַר, שפּייט אויס און פֿערוואַרפֿט מיט די הענט — גענוג דיר שוין צו דערצעהלען אַקעגען נאַכט אַזעלכֿע מַעשׂיות!

— זייט מיר געזונד, רב דאָדי, האָט קיין פֿאַראיבעל ניט, וואָס איך האָב אַייך אַ ביסעל דערקוטשעט, איהר ווייסט אַליין, אַז איך בין ניט שולדיג, כּכּתוּב ווי אין פּסוק שטעהט: לֹא הָיוּ דְבָרִים — נֶע מַאלַא בַּאבַּא חְלָאפּאַטֶע...

אַ גוטע נאַכט!

קאפיטעל ט[illegible]

כְּשֶׁבָּא הַחַיִט — אַז דער שניידער איז געקומען אַ היים, איז ער אַריין אין שטוב אַריין מיט [illegible]זון, גאַנץ ברייטליך, און האָט געוואָלט געבען אַ פּעטש[illegible] זיין ווייב ווי זי איז ווערט; נאָר ער האָט זיך אַיינגע[illegible] מיט אַלע כּחות. ער האָט זיך געטראַכֿט: „עט, אַ יידינע בלייבט אַ יודינע! לאָז מיינס איבערגעהן!“ און פֿון [illegible]שלום ווענן האָט ער

דערצעהלט פֿאַר זיין ווייב אַ שענעם ליגען:

— הערסט דו, ציפּהביילה רייזה מיין ברודער? פֿאַר מיר האָט מען אַפּנים פֿאָרט דֶרֶךְ־אֶרֶץ. מֵילא וואָס דער מלמד מיט דער מלמדקי האָבען פֿון מיר געהאַט בין איך דיר מוחל; איך האָב זיי געגעבען וויפֿיל ס'איז אין זיי אַריין! אונ חוץ לָזֶה האָב איך זיי אַוועקגעשלעפּט צום רב, האָט דער רב אָפּ־געפּסקידעט אַז זיי בעדאַרפֿען צאָהלען קנס, וואָרום אַז אַזאַ יוד ווי שמעון אֶלי קומט צו זיי האַנדלען אַ ציג בעדאַרף זיין ביי זיי דער גרעסטער כָּבוד, וואָרום אָט דער שמעון אֶלי זאָגט דער רב, איז אַ יוד וואָס קאַטאָרי וועלכער...

ציפּה ביילה רייזה האָט אָבער מעהר נישט געוואָלט אויס־הערען די שְׁבָחִים וואָס מע לייגט אויף איהר מאַנן. זי האָט שוין געוואָלט אָנקוקען וואָס גיכער די אֶמתע ציג וואָס איהר מאַנן האָט געבראַכט, האָט זי געחאַפּט דאָס טעפּיל אונ איז אַוועק אין הויז אויסמעלקען די ציג, אונ עס האָט נישט לאַנג געדויערט אונ ציפּה ביילה רייזה איז אַריינגעלאָפֿען אין שטוב אַריין שוין אָהן ווערטער; זי האָט אָנגענומען שמעון אֶלין מְחִילָה פֿון הינטען ביים קאָלנער אונ האָט איהם מיט דריי גוטע סטוסאַקעס אַרויסגעוואָרפֿען מיט דער שענער ציג אינאיינעם „צוּ אַלדע שוואַרצע וויסטע פֿינסטערע יאָהר!"........

געבליבען אין דרויסען מיט דער שענער ציג, האָבען זיך אַרום דעם שניידער צונויפֿגעקליבען אַ גאַנץ רעדעל יודען, ווייבער אונ קינדער, אונ האָבען אויסגעהערט די חִדושים, וואָס שמעון אֶלי האָט זיי דערציילט, אַז די דאָזיגע ציג, וואָס ער האַלט אויפֿ'ן גאַרטעל, איז נאָר דאָרט אין קאָזאָדאָיעווקע אַ ציג, וואָס מעלקט זיך אונ גיט מילך, נאָר קוים קומט ער מיט איהר אַהער, אַזוי ווערד זי אויס ציג... שמעון אֶלי האָט געשוואָהרען מיט כָּל הַשְּׁבועות, מע מעג גלויבען אַ משומד, אַז ער אַליין האָט געזעהען מיט זיינע אויגען, ווי מע האָט זי אויסגעמאָלקען ביים רָב אין שטוב אונ אָנגעמאָלקען אַ פֿול מעלקשעפֿעל מיט מילך... אַ סך מענשען האָבען זיך אָפּגעשטעלט, בעטראַכט די ציג גאַנץ ערענסט, איבערגעפֿרעגט די מעשה נאָך אַמאָל אונ

נאָך אַמאָל, און שטאַרק געחדושט זיך... אַנדערע האָבען געלאַכט, נעמאַכט חוזק און געזאָגט ווערטלעך, און אַנדערע האָבען געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ, אויסגעשפּיגען און אַ זאָג געטאָן:

— אַ שענע ציג! ס'איז אַזוי אַ ציג, ווי איך בין אַ רֶביצין.

— וואָס דענן איז דאָס?

— אַ גלגול! איהר זעהט ניט, אַז ס'איז א גלגול?...

דאָס וואָרט „גלגול" ווערד אונטערגעחאַפּט פֿונם גאַנצען עו"ם; עס ווערען דערצעהלט אַלערליי מַעשיות פֿון גלגולים, וואָס האָבען זיך געטראָפֿען דאָ אין זלאָטייעווקי, אין קאָזאָדאָיעווקע, אין יאַמפּעלי, אין פּישי־יאַבערע, אין חאַפּלאַפּאָוויטש, אין פּעטשיחוואָסט — אויף דער גאַנצער וועלט. ווער ווייסט נישט די מעשה מיט לייזער־וואָלף פֿערדיל, וואָס מע האָט דאָס געמוזט אַרויספֿיהרען אונטערען שטאָדט, הַרגֶנען און מקבר זיין אין הַכריכים?... צו אַ שטייגער ווער האָט נישט געהערט די מעשה מיט'ן פֿערטעל עוף, וואָס בְּשַעת מע האָט דאָס דערלאַנגט שבת צום טיש האָט דאָס אָנגעהויבען צו ריהרען מיט'ן פֿליגעלע?... וכדומה אַזעלכֿע אָמתע מעשיות.

אַז שמעון־אֶלי האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער, האָבען איהם אַ גאַנצע קאָמאַנדע פֿון חֵדֶר יונגלעך באַגלייט מיט כּבוד. זיי האָבען איהם נאָכֿגעשריגען:

— הוראַ שמעקולנו! הוראַ מעלקענדיגער שניידער!

דער גאַנצער עולם האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען פֿון געלעכטער.

דאָ האָט שוין שמעון־אֶלי'ן אָנגענומען פֿאַר'ן האַרצען; נענוג ער האָט אַזאַ איין אומגליק, מאַכֿט מען נאָך פֿון איהם חוזק! איז ער אַוועק מיט דער ציג איבער דער שטאָדט, האָט נעמאַכֿט אַ גוואַלד צווישען חברה „פּוֹעֵל צֶדֶק": סטייטש וואָס שווייגט מען? ער האָט זיי דערצעהלט די גאַנצע מעשה וואָס מע האָט איהם אָפּגעטהון אין קאָזאָדאָיעווקע, זיי בעוויזען די ציג... האָט מען באַלד געשיקט נאָך בראָנפֿען, און ס'איז געבליבען מע זאָל געהן צום רָב, צו די דַיָינים און צו די איבעריגע „שבעה טובי עיר", מע זאָל שרייען פֿאַר זיי, אײַנלייגען

די וועלט: סטייטש וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּען איין אָרעמען יודען אַ שניידער, ביי איהם אויסנאַררען די לעצטע עטליכע קערבליך, איהם פֿער־קויפֿען כלומרשט אַ ציג און אַריינשטופּען איהם דער רוח ווייסט וואָס? און נאָך מאַכען פון איהם חוזק שוין דאָס אנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך ניט פֿאַרלאָפֿען אַפּילו אין סדום!!

און חברה „פועל צדק" זענען געקומען צום רב, צו די דיינים און צו די איבעריגע „שבעה טובי עיר", האָבען געשריגען פֿאַר זיי אַיינגעלייגט די וועלט: סטייטש וואו איז דאָס געהערט געוואָרען אַזאַ רציחה, מע זאָל דערטאַפּען איין אָרעמען יודען אַ שניידער, אויסנאַררען ביי איהם די לעצטע עטליכע קערבליך, איהם פֿערקויפֿען כלומרשט אַ ציג און אַריינשטופּען איהם דער רוח ווייסט וואָס שוין דאָס אַנדערע מאָל? אַזאַ מעשה האָט זיך דאָך ניט פֿאַרלאָפֿען אַפּילו אין סדום!!

און דער רב מיט די דיינים מיט די איבעריגע „שבעה טובי עיר" האָבען אויסגעהערט די טענות, האָבען זיך צונויפֿגעקליבען אויף דער נאַכט אַלע ביים רב אויף איין אַסיפה און ס'איז געבליבען מע זאָל טאַקי דאָ אויפֿ'ן אָרט אָנשרייבען אַ רעכטען בריף צו די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דיינים און די איבעריגע „שבעה טובי עיר". און די זלאָדייעווקער רבנים דיינים און די איבעריגע „שבעה טובי עיר" האָבען זיך אַוועקגעזעצט און האָבען אָנגעשריבען אַ בריעף צו די קאָזאָדאָיעווקער רבנים דיינים. און די „שבעה טובי עיר" אויף לשון הקודש אין זעהער אַ שענער מליצה. אָט איז דער בריעף אות באות:

„לכבוד צו די רבנים דיינים חכמים גאונים מפורסמים, זיילען פֿון דער וועלט, וואָס דאָס גאַנצע הויז פֿון ישראל איז אָנגילעהנט אויף זיי, פֿריעד זאָל זיין צו אייך און פֿריעד זאָל זיין צו אַלע יודען פֿון דער הייליגער קהלה אין קאָזאָדאָייעווקע און אַלדעם גוטס זאָל טהון רוהען אויף זייערע קאָפּ אמן.

„היות כפי אונזערע אויהערען האָבען געטהון הערען, אַז ס'איז געטהון געוואָרען זעהר אַ גרויסע עוולה צו איינעם פֿון

אונזערע שטאָדט־לייט רב שמעון אֶלי ב״ר בענדיט ליב חייט, וואָס מע רופֿט איהם שמעון אֶלי שמעקולנו, היינו: איינער פֿון אייערע לייט המלמד רב חיים חנה מיט זיין פלונית מרת טעמע גיטיל שתחיה, האָבען אויסגענאַרט מיט קלוגשאַפֿט ביי אונזער שניידער געלד סך זיבעט האַלבען רובעל זילבער, וואָס זיי האָבען אַריינגעטהון צו זיך אין די כלים און האָבען אָפּגעווישט די ליפּען און זאָגען מיר האָבען ניט געטהון קיין אומרעכט — און אַזוי טהוט זיך ניט ביי יודען! מיר אלע וואָס שטעהען אונטען געחתמעט, זאָגען עדות, אַז דער דאָזיגער שניידער איז איין אָרעמער בעל מלאכה און אַ מטופל מיט קינדער, וואָס איז זיך מפרנס עהרליך מיט אייגענע האָרעוואַניע, און דוד המלך האָט דאָך שוין לאַנג געזאָגט אין תהלים: יגיע כפיך כי תאכל — די מידעקייט פֿון דיינע הענט אַז דו וועסט טהון עסען, וועט דיר זיין אַז וואויל און גוט, זאָגען אונזערע חכמים: דער פשט איז וואויל אויף דער וועלט און גוט אויף יענער וועלט. בכן טהוען מיר אייך בעטען איהר זאָלט באַלד חוקר ודורש זיין דערויף וואָס ס׳איז געטוהן געוואָרען, און אייער משפט זאָל אַרויס ווי די זונן און איהר זאָלט מקיים פסק זיין איינס פֿון די צוויי: אָדער מע זאָל אומקעהרען דעם שניידער זיין געלד בשלימות, אָדער מע זאָל איהם אַרויסגעבען זיין ציג, וואָס ער האָט געקויפֿט, מחמת די ציג וואָס ער האָט געבראַכט צו פֿיהרען הויבט נישט אָן צו זיין אַ ציג!... דאָס קאָן אייך די גאַנצע שטאָדט געהן שווערען אַ שבועה דאורייתא... און לאָז זיין שלום צווישען יודען, ווי אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: נישטאָ נאָך אַזאַ געבענשט כלי פֿאַר יודען ווי שלום, שלום זאָל זיין צו אייך, שלום צום ווייטערסטען און צום נאָהענסטען, שלום צו אַלע יודען, אָמן!

פֿון אונז אייערע קנעכט וואָס אייער מינדסט פֿינגעריל איז גרעבער פֿון אונזערע לענדען.

נאום הרב בהרב ז״ל... ונאום הרב בהרב ז״ל... ונאום ברוך קאַפּאַטע, זרח פּופּיק, פֿישיל וויקידיילאָ, חיים קוויטש, ניסיל קאַטשען, כאָטיל שאָ:גבין, יהושיע העשיל קישקיש.

קאפיטעל י.

בַּלַיְלָה הַהוּא — אין יענער נאַכט האָט געשיינט די לבנה און האָט אַראָפּגעקוקט אַראָפּ אויף זלאַדייעווקע מיט איהרע פינסטערע האַלב איינגעפאַלענע הייזליך, וואָס שטעהען צענויפגעקוועטשט, אָהן הויפען, אָהן בוימלעך, אָהן פאַרקענס. ווי אַ בית־עלמין זעהט אוים ביי נאַכט די שטאָדט, איין אַלטער בית־עלמין מיט אַלטע מצבות, וואָס אַסך פון זיי שטעהען אָנגעבויגען כורעים, און אַסך וואָלטען שוין לאַנג איינגעפאַלען, ווען זיי זאָלען ניט זיין אונטערגעשפאַרט מיט קלעצער. און חאָטש די לופט איז דאָרט נישט אַזוי פויגעלדיג, און די ריחות פונם מאַרק און פונם שולהויף זענען עפּים ניט אַזוי געשמאַק, און דער שטויב איז געדעכט און שטעהט הויך ווי אַ מויער, פון דעסטוועגען זענען אַלע מענשען אַרוים ווי טאַראַקאַנעס פון די לעכער, יודען און ווייבער, אַלטע לייט און קליינע קינדער, „חאַפּען אַ לופטיל” נאָך דעם הייסען ברענענדיגען טאָג. דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט אויף די שוועלען אַ ביסעל שמועסען, פלאַפּלען דְבָרים בְּטֵלִים, אָדער גלאַט אַזוי קוקען אַרויף אין הימעל אַריין, בעטראַכטען די צוּרָה פון דער לבנה, מיט די מילי־מיליאַסען שטערען, וואָס אַז מע זאָל זיין מיט אַכצעהן קעפּ איז אוממעגליך זיי איבער צו צעהלען!

אין יענער נאַכט האָט זיך שמעון אֵלי דער שניידער אַרומגעדרעהט איינער אַליין אין אַלע הינטערגעסליך מיט'ן תַּכְשִׁיט וואָס ער האָט איינגעהאַנדעלט אין קאָזאָדאָיעווקע. זיך געהיט פאַר די ווייסע חֶבְרָהניקעס מע זאָל איהם ניט דערזעהען. ער האָט גערעכענט אַז עס וועט ווערען טאָג זאָל ער זיך ווידער לאָזען אין וועג אַריין, און דערווייל האָט ער זיך אַריינגעחאַפּט צו האָדעל דער אַקציזניטשקע אין שיינקיל, נעמען פאַר הארצוויטיג אַ ביסעל בראָנפען און אויסרעדען זיך אַ ביסעל דאָס האַרץ, זיך האַלטען מיט איהר אַיין עֵצָה מכח דעם אומגליק וואָס

ער האָט אויף זיך גענומען.

האָדיל די אַקציזניטשקע איז געווען אַ ווייביל אַיין אַלמנה, אַ „מאַנסבילשע קאָפּ", אויסגעבונדען מיט גאַנץ „נאַטשאַלסטוואָ" און אַ גוטע שוועסטער מיט אַלע בעלי מלאכות אין שטאָדט. פון וואַנען נעמט זיך דער נאָמען „אַקציזניטשקע"? איבער אַ מעשה, וואָס זי איז מיידילווייז געווען זעהר אַ שענע, אַ „יפת־תואר"; האָט איין אַקציזניק, זעהר אַ רייכער, זי דערזעהען איין מאָל דורכפאָהרענדיג פאַרביי זלאָדייעווקע בשעת זי האָט געטראָגען גענז צום שוחט; האָט זי דער אקציזניק אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטהון:

— מיידיל, וועמענס ביזט דו?

האָט זי זיך פערשעמט, צעלאַכט און איז אַנטלאָפען געוואָרען, האָט מען איהר פון דעמאָלט אָן אַ נאָמען געגעבען די „אַקציזניטשקע"... אַנדערע זאָגען, אַז דער אַקציזניק איז געווען ביי איהר נאָכדעם אין דערהיים, גערעדט מיט איהר טאַטען, נחמיה ווינאָקור, געוואָלט פאַר איהר חתונה האָבען, זי נעהמען ווי זי שטעהט און געהט און נאָך צוצאָהלען איהר טאַטען אין ביטעל אַריין; איז שוין כמעט געווען „תנאים", האָט דאָס שטעדטיל זי גענומען אין די מיילער אַריין, איז צעקראָכען געוואָרען דער שדוך, און זי האָט גאָר חתונה געהאַט נאָכדעם אַ שטילע חתונה פאַר עפּיס אַ שלים־מזל, אַ חולה נופל־דיגען, האָט זי שטאַרק געוויינט, נישט געוואָלט געהן צו דער חופה, האָט זיך דעמאָלט די גאַנצע שטאָדט געוויגט; מע האָט געזאָגט אַז זי איז גאָר געווען פערקאָכט אינם אַקציזניק און מע האָט געמאַכט אַ לידעל אויף איהר, וואָס ווייבליך און מיידליך זינגען דאָס נאָך עד היום אין זלאָדייעווקע; דאָס ליעדעל הויבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„די לבנה האָט געשיינט,
האַלבע נאַכט איז געווען —
און האָדעלע זיצט ביי דער טיר"...

און עס לאָזט זיך אויס מיט די ווערטער:

„איך האָב דיך ליעב דושינקע,

גאָר אָהן אַיין עק,
איך קאָן אַזש ניט לעבען אָהן דיר!"

אָט דאָס איז געווען האָדיל די אַקציזניטשקע, און פֿאַר איהר האָט דאָס אונזער שניידער אויסגעגאָסען זיין ביטער האַרץ: דערצעהלט אַלסדינג וואָס ביי איהם אויף דער נְשָׁמָה טהוט זיך, און געבעטען זי זאָל איהם געבען איין עצה: וואָס טהוט מען?

— וואָס טהוט מען? איהר זענט דאָך עפּיס יאָ, ווי דָוִד המלך זאָגט אין שיר השירים: שְׁחוֹרָה אֲנִי וְנָאוָה — ווער ס'איז שעהן איהר זענטביידע זאַכען. גיט מיר איין עצה וואָס טהוט מען?

— וואָס זאָל מען טהון? — זאָגט צו איהם האָדיל און שפּייט אויס — איהר זעהט דען ניט אַז ס'איז אַ גלגול? וואָס ווערט איהר זיך האַלטען מיט דער באָמבע? נעמט און וואַרפֿט איהם אַרויס צו אַלדע שוואַרצע יאָהר! איהר קאָנט נאָך האָבען חַם ושלום דעם אֵייגענעם פְּסַק, וואָס מיין מומע פעריל האָט געהאַט, לאָז זי זיין ווייט אָפּגעשיידט פֿון מיר, זי איז שוין אויף דער אָמתער וועלט.

— דהיינו? — פֿרעגט שמעון אֶלי דערשראָקען.

— דהיינו — זאָגט האָדיל מיט אַ זיפֿץ — מיין מומע פע־יל עָלֶיהָ שָׁלוֹם איז געווען אַיין עהרליכע יודינע, אַ כְּשֵׁרע. אונזער משפחה זענען אַלע עהרליכע... חאָטש דאָ אין דעם וויסטען זלאָדייעווקע, פֿאַרברענט זאָל דאָס ווערען, האָט מען ליעב באַרעדען איטליכען בעזונדער, געוויינטליך אונטער די אויגען, וואָרום אין די אויגען זענען זיי גרויסע חַלִיפָהְניקעס, קוּצְעֵנִי מוּצְעֵנִי... בקצור, מיין מומע פעריל עליה שלום איז אֵיין מאָל געגאַנגען אין מארק, זעהט זי עס ליגט אַ קניילעכין בייוועל אויף דער ערד; איז זי זיך מְיַשֵׁב: אַ קניילעכין בייוועל קומט צו נוטץ; בייגט זי זיך אָן און הויבט דאָס אויף; זי נעמט דאָס קניילעכין בייוועל און לאָזט זיך געהן, טהוט דאָס איהר אַ שפּרונג אין פּנים אַריין און אַ פֿאַל אויף דער ערד. בייגט זי

זי זיך אָן מסתּמא נאָך אַ מאָל און הויבּט דאָס אויף, טהוט דאָס איהר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים אַריין און אַ פֿאַל אויף דער ערד. בּייגט זי זיך ווידער אַ מאָל אָן, נעמט דאָס ווידער אַ מאָל, טהוט דאָס איהר ווידער אַ שפּרונג אין פּנים און אַ פֿאַל אויף דער ערד. איז זי זיך מישבֿ און טהוט אַ שפּיי אויפ'ן קניילעכ'ן בּייוועל — (חאַפּט דאָס דער וואַטעמאַכער!) און וויל שוין געהן אַהיים; זי טהוט אַ קוק — דאָס קניילעכין בּייוועל קאַטשעט זיך איהר נאָך; זי פּרובּט זיך לויפֿען, דאָס קניילעכין בּייוועל קאַטשעט זיך; בּקצור זי איז געקומען אַ היים אַ טויטע נעבּאַך, געפֿאַלען חלשות, און האָט נאָכדעם אָפּגעקריינקט אפֿשר אַ יאָהר כּסדר. וואָס מיינט איהר איז דאָס געוועזן אַ שטייגער? אַנו טרעפֿט?...

— עט! כּולם אהובֿים, כּולם בּרורים — אַלע ווייבּער זענען אויף איין שניט — זאָגט שמעון אֶלי — ס'איז בּאַבּסקי מעשיות, פּוסטע מיהלען, בּאצרעס, פּידרוך מיט לאַקריצע! מע זאָל זיך ווערען צו הערען וואָס ווייבּער פּלעשטשען, וואָלט מען בּעדאַרפֿט מורא האָבּען פֿאַר'ן אייגענעם שאָטען, כּכּתוב ווי אין פּסוק שטעהט געשריבּען: נשים דעתן קלות — ווייבּער זענען גענז... נאָר גאָר נישט, היום הרת עולם — נישט געזאָרגט! האָט אייך אַ גוטע נאַכט.

און שמעון אֶלי דער שניידער לאָזט זיך געהן ווייטער.

די נאַכט האָט זיך אויסגעשטערענט; די לבֿנה האָט געשפּאַצירט צווישען שטיקער וואָלקען וואָס זעהען אויס ווי הויכע טונקעלע בּערג בּאַלייגט מיט זילבּער. מיט אַ האַלבּען פּנים האָט די לבֿנה אַראָפּגעקוקט אויף דער שטאָדט זלאָדייעווקע, וואָס האָט געהאַלטען אין רעכטען שלאָף. אַ טייל בּעלי־בּתּים, וואָס האָבּען מורא פֿאַר וואַנצען, האָבּען זיך אַריבּערגעפּעקעלט מיט'ן בּעטגעוואַנד אין דרויסען, זיך איבּערגעדעקט מיט די גנלע לייליכער איבּער'ן קאָפּ, געחראָפּעט גאַנץ געשמאַק און געזעהען זיסע חלומות: חלומות פֿון פּדיון אויפ'ן יריד, פֿון לייזונג אַסך, פֿון אַ פֿאַרדינסטעלי, אַ גראָבּס; חלומות פֿון אַ פּריץ זעהר אַ וואוילען, פֿון אַ געשעפֿטיל אַ גוטס; חלומות פֿון אַ שטיקעל

ברויט, פון פרנסה, בכבוד און פון כבוד אליין — פערשידענע חלומות!...מע זעהט ניט אויף דער גאס קיין לעבעדיגען נפש; מע הערט ניט קיין פיפס אין ערגיץ, — אפילו די יאטקע־הינט, וואס האבען זיך געניג אנגעבילט און אנגעמאָרדעוועט דורכ'ן טאג, האבען זיך איינגענאָרעט צווישען קלעצליך, בעהאלטען די מאָרדעס צווישען די לאפעס — און שא! זעלטען — זעלטען חאפט זיך ארוים ביי זיי א האלבער „האַו״, בשעת עס חלומט זיך זיי עפיס א ביינדיל, וואס אנדערע הינט שארפען זיך דערויף די צייהן... אָדער בשעת עס דאכט זיך זיי אז א פליג האָט זיך פערקליבען אין אויהער אריין און רייכט זיי איין א סוד... זעלטען — זעלטען פליהט דורך א נארישער זשוק מיט צעלאָזטע פליגעל דרעהט זיך און שוועבט אין דער לופטען אויף איין אָרט, זשומעט ווי א סטרונע פון א באס און מאכט ז'ש'ש'ש'ש'ש! טהוט א פאל אין דער ערד און ווערד אנשוויגען... אפילו דער שטאָדט־שומר, וואס אלע נאכט געהט ער ארום, היט די קליטען און קלאַפט מיט צוויי שטעקליך: קלאָ! קלאָ! .. קלא! קלא!... האָט היינטיגס מאל ווי אויף־צו־להכעיס אויסגעטרונקען, האָט זיך צוגעשפארט צו א וואנט, און איז געשמאק אנשלאָפען געוואָרען... אין דער דאָזיגער שטילער נאכט דרעהט זיך אום שמעון־אלי דער שניידער איינער אליין איבער דער גאנצער שטאָדט, און ער ווייסט ניט, צו זאָל ער געהן, צו זאָל ער שטעהן, צו זאָל ער זיצען... און ער געהט ארום און רעדט צו זיך אליין שטילערהייד:

— וְאָתָא שׁוּנְרָא וְאָכְלָה לְגַדְיָא — נֶע מאלא באבע חלאָפּאטע קופּילע סאבי קאָ־א!... לאָז קומען א פּאָהיבעל אויף דער דאָזיגער ציג! א ציג?... חַ — חַ — חַ — חַד גַּדְיָא! חַד גַּדְיָא!

ער צעלאכט זיך און שרעקט זיך איבער פאר זיין אייגענעם געלעכטער. בשעת מעשה געהט ער דורך פארביי דער „קאלטער שול״, וואס האָט א שם מיט איהרע מתים וואס דאַוונען דאָרטען אלע שבת צו נאכטס אָנגעטהון אין ווייסע קיטלען און אין טליתים. און עס דאכט זיך איהם ווי ער הערט עפּיס א מין געזאנג: אָו — אָו — אָו! ווי א ווינט וואס בלאָזט אין קוימען אריין

ווינטער ביינאכט... ער טרעט אפ פון דער „קאלטער שול", לאזט זיך געהן אין דער גויעשער גאס, דערהערט ער א קול „פ צססססס!" דאס פייפט א פאוהאטש, וואס האט זיך פארקליבען גאנץ אויבען אויפ'ן שפיץ קלויסטער... עס פאלט אויף איהם אן א שרעקליכע מרה שחורה, א פחד מיט סכנות נפשות! נאר ער שטארקט זיך, ער מאכט זיך א הארץ און וויל זאגען עפים א פסוק, אזעלכען וואס מע זאגט ביינאכט אז מע זאל קיין מורא ניט האבען; האט ער אבער פארגעסען דעם פסוק, ארויסגעפלויגען פונם קאפ! און מעשה שטן קומען איהם אקעגען דווקא אלערליי מוראדיגע בילדער פון בעקאנטע וואס זענען שוין לאנג אויף דער אמתער וועלט... און ער דערמאנט זיך אן א סך שרעקליכע מעשיות וואס ער האט זיך אנגעהערט אויף זיין לעבען: מעשיות מיט שדים מיט רוחות און מיט לצים אינ'ם געשטאלט פון קעלבליך... מעשיות מיט שרעטעליך וואס לויפען ווי אויף רעדליך, מיט וואוקעלאקעס וואס געהען אויף די הענט, מיט מינים באשעפענישען, וואס קוקען אויף איין אויג... מעשיות מיט לעבעדיגע מתים, וואס געהען אום אין עולם התוהו אנגעטהון אין תכריכים... שמעון אלי פועלט ביי זיך אז די דאזיגע ציג וואס ער פיהרט זיך מיט איהר ארום, איז ניט קיין ציג, נאר א גלגול, אדער א לץ, וואס אט באלד שטעלט ער איהם ארויס א צונג אויף צעהען ארשין, אדער ער טהוט א פאטש מיט די פליגעל און טהוט א געשריי איבער דער גאנצער שטאדט „קו — קא — רי — קו!..." שמעון אלי פיהלט אז עס הויבט זיך איהם דער מוח; שטעלט ער זיך אפ אויף א ווייל, בינדט זיך דעם גארטעל; ער וויל פטור ווערען פון דער באמבע; ווער? וואס? דער שענער בחור שטעהט, ער וויל ניט אפטרעטען פונ'ם שניידער אויף א מינוט אפילו! שמעון אלי פרובט זיך לאזען געהן א פאר טריט, — ער געהט איהם נאך; ער נעמט זיך רעכטס, געהט ער רעכטס; ער נעמט זיך לינקס — ער געהט לינקס...

— שמע ישראל! — שרייט אוים שמעון אלי ניט מיט זיין קול און לאזט זיך לויפען אין דער וועלט אריין. און אזוי ווי

ער לויפט דאַכט זיך איהם, אַז עמיצער יאָגט איהם און מעקעט
איהם נאָך אויף אַ דין ציגען קולכיל און רעדט צו איהם ווי
אַ מענש און זינגט ווי אַ חזן:

— מְ — ַ — ֶ — ל ּי מֵמִית וּמְחַיֶּה!... וְנֶ אֶ אֶ אֶ אֶ מָן אַ־ה
לְהַחְיוֹת מֵתִים!.........................

קאפיטעל יא.

בַּבֹּקֶר — אין דער פריה אַז יודען זענען אויפגעשטאַנען
געהן דאַוונען, ווייבער אין מאַרק אַריין, און מיידליך צו דער
טשערעדע, האָט מען געפונען שמעון אֶלי דעם שניידער זיצען
אויף דער ערד און נעבען איהם די שענע ציג זיצט די פיסלעך
אונטער זיך, מַעֲלֶה־גֵרָהט און שאָקעלט מיט'ן בערדיל. מע
געהט צו צום שניידער, מע רעדט צו איהם — ער ענטפערט
נישט אַ וואָרט; ער זיצט און קוקט ווי אַ ליימענער גולָם...
איז באַלד געוואָרען אַ רעדעל, איין אַנגעלאָף פון דער גאָרער
שטאָדט, אַ גערעדעריי, אַ ליאַרעם, אַ געפילדער ביז'ן הימעל:
„שמעון אֶלי... ציג... שמע קולנו... גלגול... לץ... וואָווקע=
לאקע.... נישט־גוטער.... פאַרשטעלט.... געפיהרט....
געפאָהרען — רייטענדיג אַ גאַנצע נאַכט... געמוטשעט... פאַר=
מוטשעט“.... בשעת מעשה זענען געפלויגען גענוג ליגען;
איטליכער האָט דערצעהלט, אַז ער האָט אַליין געזעהען איהם
פ הרען רייטענדיג....

— ווער איז געפאָהרען אויף וועמען? — פרעגט אַ יוד און
שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין רעדעל אַריין — שמעון אֶלי אויף
דער ציג, צו די ציג אויף שמעון אֶלין? דער גאַנצער עולם שיסט
אויס אַ געלעכטער.

— אַז אַך און וועה איז צו אייך מיט אייער געלעכטער! —
רופט זיך אָן אַ יוד אַ בעל מְלָאכה — יודען מיט בערד! בע=
ווייבטען! טאַטעס פון קינדער! שעמען מעגט איהר זיך אין

אייער ווייטען, אלז אריין! וואס האט איהר זיך צונויפגעקליבען נהער צו לאכען? איהר זעהט נישט אז דער שניידער איז אוים מענש, נעבאך טוידט קראנק? בעסער פיהרט איהם אפ אהיים אונ שיקט רופען דעם רופא, ניט שטעהן אט א דא אונ שטשירען די צי־ן, א רוח אין אייער ט... ט... אריין!!!

די דאזיגע ווערטער האט דער בעל מלאכה אויסגעשאסען ווי פון א האַ־מאט אונ דער עולם האט אויפגעהערט צו לאכען. דער האט זיך א ווארף געטאן נאך וואסער, דער איז אוועק־געלאפען צו יודעל דעם רופא. מע האט גענומען שמעון אלי דעם שניידער מחילה אונטער די הענט, אונ מע האט איהם אפגעפיהרט אהיים אונ אריינגעלייגט אין בעט אריין. באלד איז געקומען צו לויפען יודעל דער רופא מיט זיין גאנץ קלאפער־געצייג, אונ האט איהם געגעבען „גרוים ראטוניק": ער האט איהם געשטעלט באנקעס אונ פיאווקעס אונ געשלאגען צו דער אדער, געצאפט בלוט אהן א שעור...

— וואס מעהר בלוט מע וועט איהם אפצאפען — אזוי האט יודעל אליין געזאגט — וועט אלץ זיין בעסער, מחמת אלע שלאפקייטען ניט דא געדאכט נעמען זיך פון אינוויינִיג, פון די „געבליטען" — אזוי האט יודעל דער רופא געגעבען צו פערשטעהן די „חכמות הדאקטאריע", אונ האט צוגעזאגט אז אויף דער נאכט אם ירצה השם וועט ער אריינקומען נאך אמאל. אונ אז ציפה ביילה רייזה האט א קוק געטאהן אויף איהר מאנן, ווי ער ליגט נעבאך, דער שלים־מזל, אויף דעם צעבראכענעם טופטשאן מיט א־סך שמאטעס איינגעדעקט, די אויגען ארויף, די ליפען פערשמאכט, רעדט פון היטץ, עס קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט, האט זי אנגעהויבען צו ברעכען די הענט, שלאגען זיך קאפ אן וואנט, וויינען, יאמערען אונ קלאגען מיט דעם נוסח וואס מע בעווייִנט א טוידטען:

— וועה איז מיר, וואונד איז מיר, א דונער איז מיר א גרוי—סער! אויף וועמען לאזט דו מיך אי—בער מיט מיינע קליינע קינ—דער!!

אונ די קינדער, נאקעטע אונ בארוועסע נעבאך, האבען

זיך צונויפֿגעקליבען אַרום דער אָרעמער מאַמע און האָבען איהר געהאָלפֿען וויינען. די עלטערע האָבען געוויינט שטילערהייד, בעהאַלטען די פּנימער, געשלונגען די טרערען; און די קלענערע וואָס האָבען ניט פֿערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך, האָבען גלאַט געוויינט אויף אַ קול, וואָס ווייטער אַלץ העכער און העכער; און אַפילו גאָר דאָס קליינטשקע, אַ יונגעלי פֿון אַ יאָהר דריי, מיט איין אויסגעמוטשעטע געל פּנימעל, האָט זיך צוגעריקט צו דער מוטער מיט זיינע אויסגעבויגענע קרומע פֿיסעלעך און מיט'ן גראָבען בייכעלע, ביידע הענטלעך אַריינגערוקט אין קעפּעל און האָט גענומען גאָר אַ הויכען טאָן: „מאַמע, וויל עֶסען!!!".

דאָס אַלסדינג אינאיינעם איז געווען אַזאַ מין געזאַנג, וואָס אַ פֿרעמדער מענש האָט נישט געקאָנט בשום אופן שטעהן דער־ביי; ווער ס'איז אַריינגעקומען צום שניידער אין שטיבעל אַריין איז ער באַלד אַרויסגעלאָפֿען פֿון דאָרטען אַ צעטראָגענער, מיט אַ צעבלוטיגט האַרץ און מיט אַ צעבראָכען געמיט, און אַז מע האָט איהם אַ פֿרעג געטהון: וואָס טהוט עפּיס שמעון אֶלי? האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט'ן האַנד ווי איינער רעדט: „אַז אָך און וועה איז איהם!"... עטליכע ווייבער נאָהענטע שכֵנות זענען געשטאַנען די גאַנצע צייט מיט פֿאַרוויינטע פּנימער. מיט רויטע נעזער, געקוקט ציפּה ביילה רייזה'ן גלייך אין די אויגען אַריין, געמאַכט בְשַעת מַעשה משונה מאָדנע פּיסקעס, צוגעשאָקעלט מיט די קעפּ, ווי איינער רעדט: „אַז אָך און וועה איז צו דיר, ציפּה ביילה רייזה!"

אַ חִדוש נִפלָא! פֿיפֿציג יאָהר האָט שמעון אֶלי שמעקולנו אָפּגעלעבט אין זלאָדייעווקע אין אָרעמקייט, אין דַחקות, געליגען ווי אַ וואָרעם אין דער פֿינסטער, קיינער האָט פֿון איהם ניט גערעדט, קיינער האָט נישט געוואוסט וואָס פֿאַר אַ מענש דאָס איז. אַצינד, אַז ער איז פֿערשלאַפֿט געוואָרען, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרויסבאַוויזען מיט אַלע זיינע מַעלות טובות. מע איז מיט אַמאָל געוואָהר געוואָרען, אַז שמעון אֶלי איז געווען אַ זעלטענע, אַ גוטע, אַ כְשרה נשָמָה, אַ גרויסער בַעַל־צדקה, דאָס הייסט ער פֿלעג רייסען ביי נגידים און טיילען די אָרעמע

לייט, זיך קריגען פֿאַר זיי מיט דער גאַנצער שטאָדט, און זיך שלאָגען ביז'ן בלוט אַריין, זיך ביילען מיט יענעם מיט'ן לעצטען ביסען, און נאָך און נאָך אַ סך מַעֲלוֹת און שְׁבָחִים האָט מען נאָכדערצעהלט נאָך דעם אָרעמען שניידער, ווי מע דערצעהלט נאָך אַ שטייגער נאָך אַ מוידטען בשעת דער לְוָיָה, און מע איז איהם געגאַנגען מְבַקֵּר חוֹלֶה זיין כִּמְעַט פֿון דער גאַנצער שטאָדט און מע האָט איהם געראַטעוועט מיט כָּל המעגליכקייטען, ער זאָל חָלִילָה ניט שטאַרבען פֿאַר דער צייט...

קאפיטעל יב.

וְהַפּוֹעֲלִים — און די בַּעֲלֵי־מְלָאכוֹת פֿון דער שטאָדט זלאָדייעווקע האָבען זיך צענויפגעקליבען אויף איין אֲסִיפָה, ביי האָדיל די אַקציזניטשקע, געשטעלט בראָנפֿען, געשריגען, געפילדערט, געאַרבייט מעשים, געזידעלט די נגידים, געוויינטליך אונטער די אויגען, זיי געמאַכט מיט דער בלאָטע.

— זלאָדייעווקע! אַ שענע שטאָדט, ברענען זאָל זי! וואָס שווייגען זיי די נגידים אונזערע, אַ וויסטען סוף זאָלען זיי האָבען?!... איטליכער באָדט זיך אין אונזער בלוט און ס'איז נישטא קיינער, ווער ס'זאָל זיך אָננעמען אונזער קריוודע! געלד אין דער קאָראָבקע ווער צאָהלט? — מיר! אַ צָרָה, אַ שלאַק, אַ שוחט, אַ באָד להבדיל, ביי וועמען רייסט מען די הויט? — ביי אונז! וואָס שווייגט איהר יודען? לאָמיר געהן צו די רבנים, דיינים און די שבעה טובי עיר זיי טו'זיבערען די קישקעס! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ הֶפְקֵירוּת מע זאָל לאָזען קוילען אַ גאַנצע מִשְׁפָּחה, הָבָה נִתְחַכְּמָה!!!

און חברה פּוֹעֵל צֶדֶק זענען אַוועק צום רָב און האָבען דאָרט געמאַכט אַ גוואַלד, האָט זיי דער רב איבערגעלייענט דעם ענטפֿער, וואָס ער האָט נאָר וואָס באַקומען דורך אַ בַּעַל־עֲגָלָה פֿון די קאָזאָדאָיעווקער רבנים, דיינים און די שבעה טובי עיר:

אָט וואָס ס'איז געשטאַנען אין בריעף:

„לִכְבוֹד צו די רבנים דיינים חכמים מפורסמים, בערג זאַלען אַקעגען טראָגען פריעד צו די גילדענע היינגלאַכטער מק"ק זלאָדריעווקע אָמן.

תֵּיכֶף ווי מיר האָבען מקבל געווען אַייערע רייד, וואָס זענען געווען ווי האָניג צו אונזערע מיילער, האָבען מיר זיך צונויפגעזאַמעלט אַלע, און חוקר ודורש געווען די זאַך אַקוראַט, און האָבען געפונען, אַז אומזיסט האָט מען געטהון חושד זיין איינעם פון אונזערע לייט; נישט מעהר אַז דער שניידער אַייערער איז אַ שאַלקאַפּטיגער מענש, ער האָט אויסגעטראַכט אַ בלבול און אָנגעפיהרט אַ רכילות צווישען צוויי קהילות. ער איז ווערט מע זאָל איהם קנסענען! מיר, וואָס שטעהען געווענטעט אונטען, קענען אייך עדות זאָגען און געהן שווערען, אַז מיר האָבען געזעהען מיט אונזערע אויגען ווי די ציג מעלקט זיך, הַלְוַואי זאָלען זיך אַלע יודישע ציגען אַזוי מעלקען! הערט איהם ניט דעם שניידער וואָס ער וועט אייך דערצעהלען פּזמונות! איהר זאָלט זיך ניט קעהרען צו די ווערטער פון די פאַרדאָרבענע לייט, לאָזען פאַרשטאָפּט ווערען די מיילער וואָס רעדען שְׁקָרִים. שלום זאָל זיין צו אייך און שלום זאָל זיין צו אַלע יודען פון איצט און ביז אייביג און אייביג! די רייד פון אַייערע יונגערע ברידער, וואָס וואַלגערען זיך אינ'ם שטויב פון אַייערע פיס:

נאום הרב בהרב ז"ל... ונאום הרב בהרב ז"ל... ונאום העניך גאָרגעל, יקותיאל שמאַראָווידלע, שעפּסיל קאַרטאָפלי, פישעל קאַטשאַלקי, בעריל בראָנפען, ליב וואָרעטשאָק, אָלי פעטעלעלע".

אַז דער רב האָט איבערגעלייענט פאַר די בעלי־מלאכות דעם דאָזיגען בריעף, זענען זיי געוואָרען נאָך מעהר אָנגעצינדען.

„אַהאַ, קאָזאָדאָיעווקער שקצים! מע מאַכט נאָך פון אונז חוזק? בעדאַרף מען זיי בעווייזען דֶּרֶךְ־אֶרֶץ, שער און אייזען אונזער פאָלק — עַמְךָ!"... און מע האָט באַלד געמאַכט אַ נייע אַסִיפָה, געשיקט נאָך בראָנפען, און ס'איז געבליבען מע זאָל נעמען די ציג און מע זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָדאָיעווקע איבער־

קעהרען דעם מלמד מיט דעם חֶדֶר, מיט דער גאַנצער שטאָדט!

אומֵר וְעושֶׂה — געזאָגט און געטהון: חברה האָבען זיך צונויפגעקלויבען אַ שטיק זעכציג בעלי־מלאכות: שניידערס, שוסטערס, סטאָליערס און קאָוועלים, קַצבים, העקערס, אַנְשֵׁי חַיִל — געזונדע יונגען איינס און איינס, אָנגעוואָפּענטע מיט כּלי זַיִן: ווער מיט אַ הילצערנעם ארשין, און ווער מיט איין אייזערען פרעסעל, ווער מיט אַ קאָפּיט פון אַ שטיוועל, ווער מיט אַ האַק און ווער מיט אַ האַמער, און ווער מיט גלאַט אַזוי פון בַּעַל־הַבַּתִּישְׁקֵייט: אַ קאַטשאַלקע, אַ ריבאַייזען, אָדער אַ קאָלאָדאַטש־מעסער, — און ס'איז געבליבען מע זאָל געהן גלייך קיין קאָזאָראַיעווקע אויף מִלְחָמָה, לַהֲרוֹג לְאַבֵּד וּלְהַשְׁמִיד — הַרגנען, פאַרליערען און פאַרטיליגען! איין מאָל פאַר אַלע מאָל, האָבען חברה געזאָגט: תָּמוּת נַפְשִׁי עִם פְּלִשְׁתִּים — דער טויט זאָל זיי זיין און איין עק זאָל דאָס האָבען!

— שאַט רבותים! — רופט זיך אָן איינער פון דער חברה פּוֹעֵל־צֶדֶק, איהר זענט שוין גרייט אויפ'ן פידפאַלעק, פאַרטיג אַרום און אַרום, וְאַיֵּה הַשֶּׂה — וואו איז די ציג?

— יאָ זעהט נאָר, וואו איז ערגיץ אַהין געקומען דער גלגול?

— אַנטרונען געוואָרען!

— נישט קיין נאַרישער גלגול! כּלעבען, וואָהין האָט ער געקאָנט אַנטלויפען?

— מסתּמא אַהיים צום מלמד, וואָס פערשטעהסט דו דאָ ניט?

— משוגע וועט ער ווערען! דו רעדסט ווי אַ בְּהֵמָה!

— ביזט אַליין אַ פערד, וואו דענן האָט ער געקאָנט אַנטלויפען?

— בְּקִצּוּר וואָס טויגען די טַעֲנוֹת? שריי היינט שריי מאָרגען, וְהַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ — נישטאָ קיין ציג.........

און דער גלגול אַז ער האָט דערזעהען די בֶּהָלָה, וואָס ס'איז געוואָרען אין שטעדטיל, האָט ער זיך מְיַשֵּׁב געווען, וואָס טויג איהם דער מסחר? וואָס נוצט איהם זיין צוגעבונדען צום

שניידער, ארומשלעפען זיך מיט דעם שלים־מזלניק הין און צוריק און פגרען פון הונגער? אמעהר וועט ער בעסער לויפען אין דער וועלט אריין וואו די פים וועלען טראגען! אבי ניט זיין נע ונד! און אונזער חברה מאן האט גמאכט פליטה גאר אויף איין אנדער אופן, געלאפען משוגענער וויז, גאר ניט געפיהלט די ערד אונטר זיך, נישט געקוקט אויף דרך ארץ, געשפרונגען איבער יודען און ווייבער, אנגעמאכט איין אומגליק, א הובן אין מארק, סכנות נפשות! איבערגעקעהרט טישליך מיט ברויטליך און פלעצעלעך, מילטערם מיט וויינשעל און מיט וויינפערליך, געשפרונגען איבער טעפ און גלאזווארג, געשליידערט, געשמיצט און געבראכען — טראך־טאראראך! צווישען די ווייבער איז געווארען א בהלה, א קוויטשעריי: „ווער איז?... א שלים־מזל!... א ציג!... א באשעפעניש!... א גלגול!... א קלאג צו מיר!... אוי איין אומגליק!... וואו איז ער?... אן איז ער!... חאפט איהם! לאז מען איהם חאפען! חאפען!!"... און א גאנצע חאליאסטרע יונגען מיט פארקאטשעטע פאלעס האבען זיך געלאזט לויפען איינער איבערן אנדערען; נאר אומזיסט: אונזער חברה מאן האט דערפיהלט וואס הייסט „פ ר י י ה י י ט", האט ער פארריסען דאם ווידעלע: האץ — האץ — האץ!

קאפיטעל יב.

כעת — אצינד ווארפען מיר אוועק די זלאדייעייקער בעלי־בתים מיט'ן שניידער, מיט דער ציג, מיט אלעם מיט איין אנדער, און מיר טהוען א קוק וואס טהוט זיך עפים אין קאזאדאיעווקע? די קאזאדאיעווקער לייט אז זיי זענען געוואהר געווארען אז די זלאדייעווקער בעלי־מלאכות האבען זיך אנגערעדט ארוים צו געהן אויף זיי מיט מלחמה, האבען זיי געמאכט איין אסיפה, און ס'איז געווארען א גוואלד, א ליארעם אין שטעדטיל, זאל גאט שומר ומציל זיין! בעלי־בתים זענען אוועק אין דער

גיך צו „נאַטשאַלסטווע" געבען אַ ידיעה, אַז זלאָדייעווקער בעלי מלאכות בונטעווען זיך; האָט „נאַטשאַלסטווע" תחילת געמאַכט דערפֿון אַ געלעכטער: וואָס הייסט יודען „ליבערדאַקעס", „פאַנטשאָכעס", וואָס ציטערען פֿאַר אַ פֿליג, ווילען זיך גאָר פלוצים בונטעווען?... נאָר אַז מע האָט דערהערט אַז זלאָדייעווקער לייט געהען טאַקי, נישט אויף קאַטאָוועס, אַז זיי זענען שוין טאַקי אָט — אָט, איז געוואָרען אין שטאָדט אַ טומעל, אַ רַעש — הימעל עפֿען זיך! קרעמער האָבען צוגעמאַכט די קראָמען, פֿערשלאָסען טיר און טויהער; מלמדים האָבען צעלאָזט די חֲדָרים; חיים חָנֶה דער קלוגער און זיין ווייב טעמע גיטיל די שטילשוויגענדיגע האָבען זיך בעהאַלטען מחילה אויף אַ בוידעם, און „נאַטשאַלסטווע" . . . .

. . . .

(דאָ פֿעהלען עטליכע בלעטער פֿון'ם פִּנְקס, און די מעשה ווערד איבערגעהאַקט סאַמע אין מיטען, און עס הויבט זיך אָן אַ נייע מעשה: אַ מַעֲשֶׂה מיט אַ גוֹלֶם, וועלכע מיר לייגען אָפּ אויף איין אַנדערש מאָל).